STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01973

FOLK UN LITERATUR

Leo Koenig

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעצ קעניג

פאָלק און ליטעראַטור

לעא קעניג

פאלק און ליטעראטור

פינף לעקציעס
וועגן די הויפט טענדענצן און די כאראקטעריסטיקעס
פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור

און א אפהאנדלונג
יידן אין דער מאדערנער קונסט

ארויסגעגעבן פונם בילדונגס־קאמיטעט ביים ארבעטער רינג
לאנדאן 1947

All rights including translation reserved by the Author and the Workers' Circle

שער בלאט געצייכנט פון זשאזעף הערמאַן.

Printed by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.

אינהאַלט:

I

פאלק און ליטעראטור

ערשטע לעקציע — די נייע יידישע ליטעראַטור און אונזער פאָלקישער ווידערגעבורט . . . . ז. 13

צווייטע לעקציע — די אידעאישע און קינסטלערישע אַנטוויקלונגען פון דער השכלה . . . . . ז. 29

דריטע לעקציע — פון פּראָזע צו דיכטונג . . . . . ז. 48

פערטע לעקציע — פון רעאַליזם צו ראָמאַנטיזם . . . . ז. 65

פינפטע לעקציע — טעמאַטישקייט און ווירקלעכקייט . . . ז. 83

II

יידן אין דער מאדערנער קונסט . . . . . ז. 109

א. עמאַנציפּאַציע און מאָדערניזם

ב. דער פאַרשטערטער פּאַגאַניזם . . . . . . ז. 112

ג. די אידייע . . . . ז. 116

ד. די צאָל יידישע קינסטלער . . . . . . ז. 118

ה. די יידישע פּלאַסטיק און די יידישע ליטעראַטור . . . ז. 121

ו. איז פאַראַן אַ „נאַציאָנאַלע יידישע פּלאַסטיק״? . . . ז. 123

ז. די שפּראַך פון פּלאַסטישער קונסט איז אינטערנאַציאָנאַל . ז. 127

ח. פאָרמירט זיך אַ יידישע פּלאַסטישע קונסט . . . . ז. 129

בילדער:

מענדעלע . . . . ז. 13

שלום עליכם . . . . ז. 29

פּרץ, זשיטלאָווסקי, אַש, נאָמבערג און אברהם רייזין . ז. 65

אריינפיר

ס׳רוב, ווען מיר שרייבן אָדער רעדן וועגן אונזער ליטעראַטור און אירע עלטערע און שפּעטערע שרייבער, טוען מיר עס, אַזוי צו זאָגן, בקבלה: מיר פאַרלאָזן זיך אויף די איינדרוקן, וואָס מיר האָבן פון די שרייבער און זייערע ווערק געהאַט אין אונזער יוגנט; און אויף די פיקסירטע פּאָרטרעטן און גע־שטאַלטן, וואָס אונזער קריטיק האָט פון זיי פאַר אונז געמאָלט און געצייכנט, אויך ס׳רוב ווען מיר זיינען יונג געווען.

אין יעדן פון אונז לעבט אַ פּאַרטיקע גאַלעריי פּאָרטרעטן פון די בויער פון אונזער ליטעראַטור, פון וועלכע עס איז אונז שווער צו שיידן זיך. אַז די פּאָרטרעטן זיינען שוין געוואָרן קלישע־פּאָרטרעטן, הגם זייער ראָמאַנטישע (ווייל מיר האָבן נאָך עד היום ליב אונזערע אַמאָליקע יונגע און ערשטע פאַרליב־שאַפט אין זיי) איז זעלבסטפאַרשטענדליך און נאַטירליך. דערפאַר ווירקט כמעט אַלץ, וואָס ווערט איצט געשריבן וועגן אונזערע ערשטע און שפּעטערע קלאַסי־קער, ווי פּרפּראות, באַפּוצונגען אָדער גאָר ווי נייערע און שענערע ראַמען צו די פאַרטיקע, געירשנטע פּאָרטרעטן.

(הגם אונזער יונגע און פּראַכטפולע ליטעראַטור־פאָרשונג האָט אַסך ביאָ־גראַפישע און ביבליאָגראַפישע מאַטעריאַלן אין די לעצטע יאָרן געזאַמלט).

ווי געזאָגט, איז עס אין אַ געוויסער מאָס נאַטירליך מיר זאָלן ס׳רוב רעדן פון אונזערע שרייבער און פון זייערע בעסערע ווערק לויט די קריטישע און ראָמאַנטישע איינדרוקן, וואָס מיר האָבן פון זיי געהאַט אין אונזער יוגנט.

ווער פון אונז וויל זיך עס צושיידן אָדער אָפּזאָגן פון די לידער, וואָס מיר האָבן אַמאָל אין אונזערע „בעסטע יאָרן" געזונגען, פון די דערציילונגען און ראָמאַנען, אין וועלכע מיר זיינען אַמאָל געווען אַזוי הייס פאַרליבט און פון די פּאָרטרעטן פון אונזערע דיכטער און קינסטלער, אין וועלכע מיר פלעגן זיך מיט אַזאַ שטאָלץ שפּיגלען? — אָבער דאָך מוז מען צוגעבן, אַז די דערשיינונג איז ניט אינגאַנצן אַ געזונטע און קען פירן צו סטאַגנאַציע פון קריטיק; וואָס קען ווערן אַזוי שעדליך פאַר דער גאַנצער ליטעראַטור.

אַ ראָמאַנטישע „זכרונות קריטיק" (ווען אַפילו אַ טיילווייזע, ווייל מאַנכע

ווערק פון מאַנכע פון אונזערע שרייבער ווערן מסתמא דאָך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געלייענט אויך פון אונזערע קריטיקער) קען ווערן שעדליך שוין דערפאַר אַליין, ווייל זי ווערט און בלייבט נישט געצוג קריטיש:

ביכער זיינען ווי און ווען מען לייענט זיי:

ביכער ווערן אָפּגעשאַצט ניט נאָר לויט דעם געשמאַק און קריטישן חוש פונם בעסערן לעזער (שרייבער און קריטיקער) און זייערע עסטעטישע און סאָציאַלע אנשויאונגען, נור אויך לויט דער עלטער פונם לעזער און דער צייט און עפּאָכע אין וועלכער ער לייענט.

מאַנכע דיכטער, ווי צום ביישפּיל בייראָן אָדער אָסקאַר ווײַלד, אַפּעלירן מיינסטן צו יונגע לעזער, און אַנדערע — לאָמיר זאָגן אַ געטע אָדער וואָרדס־וואָרט — צו מער רייפע און מיושבדיקע לעזער, (אין אונזער ליטעראַטור איז דער באַליבטסטער שרייבער ביי אונזער יוגנט, ד.ה. אין אונזער יוגנט, געווען פּרץ).

אויך די צייט, די עפּאָכע — די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען און אנשויאונגען — אין וועלכע מיר לייענען אַ שרייבער אָדער אַ בוך ווירקט שטאַרק אויף אונזערע קריטישע אָפּשאַצונגען (מיט זעלטענע אויסנאַמען); מיר ווייסן אין אַלע ליטעראַטורן פון שרייבער און ווערק, וואָס, הויפּטזאַכליך, די צייט, אין וועלכען זיי זיינען דערשינען, האָט גורם געווען צו זייער ריזיקן דער־פאָלג און כאָטש מען האָט, בשעתם, געגלויבט, אַז זיי וועלן לעבן אייביק זיינען זיי איצט כמעט ווי פאַרגעסן.

קען מען שוין פון דעם געזאָגטן אַליין גענוג בולט זען אַז אַ „ראָמאַנטישע זכרונות קריטיק" קען ניט זיין גענוג אָביעקטיוו און באַלאַנסירט קריטיש, ווייל זי איגנאָרירט, ניט ווילנדיק, די צווײי פאַקטאָרן — די צייט און די עלטער, אין וועלכע זיי זיינען געלעזן געוואָרן.

נאַטירליך עקזיסטירט אַזאַ „ראָמאַנטישע קריטיק" אין אַלע מאָדערנע לי־טעראַטורן: אַסך גרויסע ליטעראַרישע רעפּוטאַציעס לעבן „אויף קרעדיט", אַזוי צו זאָגן, אָדער בקבלה; אָבער דאָך קומען פון צייט צו צייט יונגע און נייע קריטיקער, וועלכע שאַצן איבער די געירשנטע רעפּוטאַציעס לויטן נייעם צייט־גייסט, לויט די געענדערטע סאָציאַלע און קינסטלערישע אנשויאונגען.

ביי אונז איז עס אָבער כמעט ווי אונמעגליך געוואָרן: מיר האָבן ניט די אוניווערזיטעטן, די אַקאַדעמיש־ליטעראַרישע יוגנט, וואָס זאָלן קומען מיט זייערע נייע אָפּשאַצונגען און איבערשאַצונגען, אָדער גאָר נייע אַנטדעקונגען פון אַלטע פאַרגעסענע מייסטער... און אונזער קריטיק עלטערט זיך, האָט קיין צייט ניט, אַפילו זי זאָל עס שטאַרק ווילן און די אומשטענדן זאָלן זיין גינ־סטיק, צו רעווידירן, פון דאָס ניי איבערלייענען אַלע שרייבער און ווערק, פון

וועלכע זיי שרייבן עד היום... מיטן סך הכול, אַז זיי מוזן זיך שפּייזן מיט „חסד נעורים“ און קומען ס׳רוב אָפּ מיט אַ איבערדערעטושירן, אַן אָפּפּרישן און רעסטאַווירן פון די אַלטע ליבע פּאָרטרעטן און געשטאַלטן, וועלכע זיינען ביי אונז אַלעמען אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן...

איך האָב אין די לעצטע יאָרן אַסך מאָל געקלערט און געפּלאָנעוועט איי־בערליינען „פון דאָס ניי“ אונזערע אַלטע און נייע קלאַסיקער, די אַלע ווערק, וואָס האָבן אַזאַ שטאַרקן רושם געמאַכט אויף אונז אין אונזער יוגנט און לעבן אין אונז נאָך עד היום אַדאַנק די ערשטע איינדרוקן. איך האָב אַפילו גע־קלערט אָנהויבן שרייבן אַ סעריע „לייענענדיק פון דאָס ניי“, אָבער פון דעם פּלאַן איז, לעת עתה, גאָרנישט געוואָרן. אפשר אויך דערפאַר, ווייל אונזערע פּער־ריאָדישע אויסגאַבן און אוודאי צייטונגען, האָבן אין די לעצטע יאָרן פיל דרינ־גענדערע דאגות און פּראָבלעמען ווי אָנצוטון זיך דאָס פאַרגעניגן פון לייענען פון דאָס ניי.

לייענען פון דאָס ניי די אַלטע מייסטער און ביכער איז פּונקט ווי נאָך לאַנגע יאָרן ווידער באַזוכן די אַלטע היימען, די ליבע לאַנדשאַפטן, וואו איר זענט אויסגעוואַקסן, און ווידער באַגעגענען יוגנט־פריינט און חברים, פון וועלכע עס האָט זיך געדאַכט מיר וועלן זיך קיינמאָל נישט צושיידן.

לייענענדיק פון דאָס ניי איז פון די גרויסע פאַרגעניגנס, וואָס טוען אויך ווי: איר לייענט אייער באַליבטן שרייבער פון אַמאָל, דאָס בוך וואָס איר האָט אַמאָל אַזוי ליב געהאַט און איר דערמאָנט זיך די אומשטענדן, אין וועלכע איר האָט זיי מיט אַזאַ פאַרגעניגן געלייענט, און צי ס׳איז אייער עלטער אָדער ריי־פערער געשמאַק, נאָר עס טוט אייך באַנג און לייד, ווען איר קענט ניט ווידער געפינען זייער אַמאָליקן צויבער: די לאַנדשאַפט האָט שוין ניט דעם זעלבן חן אין אייערע מידע אויגן; איר וואונדערט זיך צי אייער יוגנט־פריינט איז טאַ־קע געווען אַזוי שיין ווי ס׳האָט זיך אייך אַמאָל געדאַכט, ווען איר זענט אַזוי באַאיור געווען...

און אַסך מאָל האָבן מיר מורא פון דאָס ניי צו לייענען אונזערע אַלטע מייסטער — ווי צו באַזוכן אונזערע יוגנט־לאַנדשאַפטן — ווייל מיר ווילן ניט אנטוישט ווערן, אַנטדעקען אונזער אַמאָליקע נאַאיוויטעט און אונזער איצטיקע ציניש עלטער און רייפקייט. קיינער וויל ניט זיין דער איקאָנאָקלאַסט פון די אייגענע יוגנט־געטער.

ניט זעלטן קומט אויס, שטייענדיק פאַר די גרויסע לייוואַנטן פון די

אַמאָליקע באַרימטע „מאָדערנע" קינסטלער — אונזערע לערער — פאַרשעמט זיך מודה זיין, אַז זיי האָבן אין דער אמתן ניט געקענט מאָלן און צייכנען.

ווער פון אונז איז ניט געשטרויכלט געוואָרן, בלעטערנדיק אַ „הויז פריינט" אָדער אַ „פאָלקס ביבליאָטעק" אויף זייטלעך גאַנצע נאַאיווע אומבאַ־האָלפנקייט פון מאַנכע פון אונזערע לאַנג שוין עטאַבלירטע און ווי קאַנאָניזיר־טע גרויסע שרייבער ?

און וואָלטן אַפילו אונזערע גאָר גרויסע שרייבער און זייערע באַרימטע ווערק אַרויס גאַנץ און גאָרניט געמינערט, ווען זיי ווערן פון דאָס ניי און, זעלבסטפאַרשטענדליך, קריטיש געלייענט ?

אָט האָב איך דאָ ניט לאַנג צוריק, לייענענדיק פון דאָס ניי, זיך געמוזט פרעגן צי אונזער פּרץ'ס קלאַסיש ווערק „די גאָלדענע קייט" איז אַסך מער ווי אַ גלענצנדע סקיצע: און צי שלום עליכמ'ס באַרימטע געשטאַלט שרה שיינ־דעל איז שוין ניט אַביסל צו מאַנסביליש־לומדיש און אַפילו צו שלום עליכם'־דיק קלוג ?

נאַטירליך וואַרטן אויף אונז אויך גרויסע קאָמפּענסאַציעס, לייענענדיק פון דאָס ניי: מיר אַנטדעקן ווי פון דאָס ניי און מיט נאָך גרעסערן חידוש אמתע פּערל־שטיקער מענדעלע, שלום עליכם א'א — וואָס ווילט זיך פון דאָס ניי איינראַמען, באַוויזן אַלעמען אָדער אָפּדרוקן אין אַ נייער אַנטאָלאָגיע „גאָלדע־נע יידישע פּראָזע".

און בכלל וואָלט געווען אַ גרויסער יושר, אַ חסד של אמת, פון דאָס ניי צו באַרייזן גלופּסק, קאַבצאַנסק, קאַסרילעווקע, מאַזעפּעווקע, באַזוכן נאָך אַמאָל אַש'ס און וויסענבערג'ס „שטעטלעך", באַגעגענען זיך ווידער מיט בערגעל־סאָנ'ען „אויפן וואָקזאַל" און טאַקע אויך נאָכאַמאָל אַריינקוקן אין די „פּוילישע וועלדער".

וועלן מיר בכוח זיין עס צו טון איצט, ווען די און נאָך אַזעלכע באַרימטע „סטאַנציעס" אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערדישער מאַפּע ?

אָבער דאָך קען אַ סענטימענטאַלע זכרונות־קריטיק, ווי שוין געזאָגט, ניט זיין אינגאַנצן קריטיש. און ווען איך האָב זיך אונטערגענומען פאַר דעם ביל־דונגס קאָמיטעט פון דעם לאַנדאָנער אַרבעטער רינג צו געבן פינף לעקציעס וועגן דער יידישער ליטעראַטור, האָב איך באַזונדערס שטאַרק געפילט די נויטיקייט צו לייענען פון דאָס ניי אויב ניט אַלע וויכטיגסטע און רעפּרעזענטאַ־טיווסטע יידישע שרייבער און זייערע ווערק איז כאָטש די סאַמע וויכטיגסטע

און כאַראַקטעריסטישסטע, וואָס זיינען געבליבן ווי נעפּלדיקע דעראינערונגען אין זכרון. (און פון לייענען די נאָך ניט געלייענטע אַלטע און נייע יידישע ביכער איז דאָך אָפּגערעדט). אָבער ליידער האָב איך עס מיט אַ פּאָר אויסנאַמען ניט געקענט באַווייזן. (אַפילו די בעסטע און שפּאַנענדיגסטע ביכער לייענען זיך איצט שוין זער לאַנגזאַם). צוליב דעם טאַקע האָב איך מיינע לעקציעס געווידמעט די הויפּט שטרעבונגען און טענדענצן אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע וואָלטן, גלויב איך, זיך ניט פיל און עיקרדיק געענדערט, ווען איך וואָלט יאָ פון דאָס ניי געלייענט אַלע אונזערע אַלטע און נייע קלאַסיקער. —

איך וועל, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פינף קאַלטע זונטאָג־נאָכמיטאָגס — אין דעם לעצטן קאַלטסטן ווינטער, וואָס ענגלאַנד האָט ווען געהאַט — ווען איך האָב אין דעם לייען־צימער פונם אַרבעטער רינג געהאַלטן די לעקציעס. דער ניט צו גרויסער צימער מיט געגלעזטע וואַנט־שאַפעס יידישע ביכער איז ניט געווען איבעריק פול. ס'איז דאָך געווען אַזוי קאַלט, מוראדיקע פרעסט. מיט אַ פּאָר אויסנאַמען איז קיינער פון די לאָנדאָנער קאָלעגן־שריפטשטעלער און פון דער אינטעליגענציע ניט געקומען צו די לעקציעס, הגם די פראַגן וואָס איך האָב באַרירט אין די רעפעראַטן זיינען אונזערע אַלעמענס פראַגן און פּראָבלעמען. אָבער קאָלעגן ווי ס'פירט זיך איבעראַל גייט מען ניט הערן און אין דרויסן איז געווען אַזוי ביטער קאַלט. איין פענסטער האָט זיך פונקט ניט געוואָלט צומאַכן, און אַ עלעקטריש אייוועלע צופוסנסביים טיש האָט ניט געוואַרעמט... אויף דער וואַנט רעכט האָט זיך געבלייכט אַ קליינע געראַמטע פאָטאָגראַפיע פון פרץ'ן מיט דינעזאָנ'ען.

איך האָב אַפּאָר מאָל פאָרגעשלאָגן דעם פאָרזיצער פונם בילדונגס קאָמיטעט (אויך דער טשערמאַן ביי די לעקציעס) מיר זאָלן אָפּלייגן אפשר די רעפעראַטן ביז ס'וועט זיך אַ בעסער וועטער איינשטעלן, אָבער פריינט מינדעל האָט איינגעשפּאַרט געענטפערט:

„ניין, מיר מוזן אָנגיין מיט די לעקציעס... און ווייטער איז דאָך פאַר אונז דאָס וויכטיגסטע די לעקציעס אַרויסצוגעבן אין בוך פאָרם... וואָס זשע אַרט אייך?"

דאַנק איך איצט דעם בילדונגס־קאָמיטעט ביים לאָנדאָנער אַרבעטער־רינג פאַר דער געלעגנהייט זיי האָבן מיר געגעבן צו קלערן און אַרבעטן אַביסל איבער די פּראָבלעמען פון אונזער ליטעראַטור; און פאַר דעם ערשטן יידישן בוך, וואָס זיי האָבן זיך באַמיט שיין אַרויסצוגעבן.

און איך האָף, אַז אָט דער ערשטער בוך „פאָלק און ליטעראַטור“ וועט ניט בלייבן זייער איינציקער בוך. ביי דעם איצטיקן טרויעריקן מצב פונם יידישן פארלאג־וועזן איז עס אפשר אַ חוב פון די יידישע־וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס צו העלפן יידישע שרייבער פאַרעפענטלעכן זייערע נייע אַרבעטן און שטודיעס.

און איין וועגס דאַנק איך אויך מיינע יונגע פריינט דעם מאלער זשאַ־זעף הערמאן און שמעון אבראמסקי פאַר זייער הילף דאָס דער בוך זאָל וואָס בעסער און שענער אַרויסקומען.

לעא קעניג.

לאָנדאָן, יוני 22־טן, 1947.

מענדעלע אויף אַ שפּאַציר

ערשטע לעקציע

די נייע יידישע ליטעראַטור און אונזער פאָלקישער ווידערגעבורט

מען האָט לעצטנס אָנגעהויבן אַרויסווייזן אַן אינטערעס צו יידיש און דער יידישער ליטעראַטור אויך אין די יידישע קרייזן, וועלכע פלעגן זיך געווענלעך באַציִען צו דער יידישער פאָלקס־שפּראַך אָדער מיט אַ פּאַרטייאישער און פריינציפּיעלער קעגנערשאַפט אָדער, נאָך אָפטער, מיט דעם כאַראַקטעריסטישן סנאָביזם פון די האַלב־אינטעליגענטע און האַלב־אַסימילירטע „יהודים“ (מען געפינט זיי אויך צווישן אונזערע עקסטרעמע ציוניסטן און העברעאיסטן), וואָס ווייסן און פאַרשטייען אין דער אמתן נישט וואָס אַ פאָלקס־שפּראַך איז אַזוינס; באַזונדערס, ווען די פאָלקס־שפּראַך איז זייער אייגענע, פון זייערע עלטערן און אור־עלטערן, פון וועלכע זיי ווילן, לפּנים, אַנטלויפן.

אַפילו אייניקע פון די יידן, וואָס פלעגן שטענדיק רעדן פון אַ „זשאַרגאָן“ און אַ „זשאַרגאָנישער ליטעראַטור“, האָבן אָנגעהויבן צו רעדן פון אַ יידישער שפּראַך און יידישער ליטעראַטור — אַן „אָנערקענונג“, וואָס איז געקומען לאַנג נאָך דעם ווי די יידישע ליטעראַטור האָט געקראָגן איר זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע פאַרטרעטערשאַפט אין דעם אינטערנאַציאָנאַל פון אַלע מאָדערנע ליטעראַטורן (אין פּ.ע.נ. — 1927).

אָט דער נייער אינטערעס צו דער יידישער פאָלקס־שפּראַך און דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער שפּראַך, דערמאָנט, נישט ווילנדיק, אין דעם אינטערעס, וואָס ווערט אין מאַנכע פאַמיליעס אַרויסגעוויזן, ווען זיי דערוויסן זיך, אַז איינער פון זיי איז געפערלעך קראַנק: אַ גאַנץ יאָר איז די משפּחה ווי אַלע משפּחות — מען זעט זיך זעלטן, יעדער איינער איז פאַרטון אין זיינע געשעפטן, — אויב מען איז נישט צעקריגט און צעריסן צווישן זיך — נאָר קוים דערוויסט מען זיך, אַז איינער פון זיי איז געפערלעך קראַנק, ווערט אַ געלויפעניש — יעדער איינער קומט מיט אַן אַנדער עצה, וואָס פאַר אַ דאָקטאָר מען זאָל רופן און דער חולה ווערט דערווייל „דער העלד“ פון דער פאַמיליע. דערקלערט דערמיט זיך אויך דער נייער אינטערעס, וואָס ווערט

איצט אַרויסגעוויזן צו דער יידישער ליטעראַטור אין די יידישע קרייזן, וועלכע האָבן פֿון איר נישט געוואָלט וויסן אין אירע בלי־יאָרן? (אָדער ברענגען די יידישע שרייבער, וואָס האָבן זיך לעצטנס אָנגעהויבן באַטייליקן אין די ענגליש־יידישע אויסגאַבן, אַריין דעם סימפּאַטישן אינטערעס צו אונזער פֿאָלקס־שפּראַך?) איך וואָלט אָבער געוואָלט האָפֿן, אַז דער אויפֿגעוועקטער אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור איז אַ מער פּאָזיטיווער און אַז אַפֿילו די יידן, וואָס זענען צוליב פֿאַרשיידענע טעמים דערווייטערט געוואָרן פֿון אונזער פֿאָלקס־שפּראַך, פֿילן איצט, ווען אונזער גאַנצער פֿאָלקס־קיום איז אין געפֿאַר, ווי נויטיק עס איז צו קענען אַלע, אַלטע און נייע, שעפֿערישע כחות און ווערטן פֿון אונזער פֿאָלק.

און אפֿשר איז עס אויך אַן אינסטינקטיווער רעספּעקט און יראת־הכבוד צו דער שפּראַך פֿון די מיליאָנען אומגעקומענע אין מזרח־אייראָפּע!

דער אמת איז אָבער, אַז מען האָט לעצטנס שוין צו אָפֿט אין אַלע יידישע קרייזן אָנגעהויבן מורמלען — און גאַנץ אָפֿט אַפֿילו נישט „בלחש" נאָר גאַנץ הויך רעדן — אַז יידיש גייט אונטער און מיט דער שפּראַך, נאַטירלעך, אויך די נייע יידישע ליטעראַטור, וועלכע איז, דאַכט זיך, אָקאָרשט ערשט אינם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַן אמת לעבעדיקע אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

איז אָט די פֿאַרגלייכמעסיק יונגע ליטעראַטור אונזערע טאַקע פֿאַראורטיילט אונטערצוגיין? שטאַרבט די יידישע ליטעראַטור? קען אַ פֿאָלקס־ליטעראַטור שטאַרבן? און אויב יאָ — ווי טראַגיש און קאַטאַסטראָפֿאַל מוז זיין די לאַגע פֿונם גאַנצן פֿאָלק, וועמעס ליטעראַטור הויבט אָן פּלוצלינג אָפּשטאַרבן?

אַ מאָדנע טראַגיש פֿאָלק זענען מיר: האָט איר געהערט ביי וועלכער ס׳איז אַנדערער אומה ולשון אַזאַ מאָדנע, אויסטערליש־קלינגענדיקע פֿראַגע ווי „שטאַרבט אונזער ליטעראַטור"? — מיר האָבן געהערט פֿון אָפּשטאַרבנדיקע דיאַלעקטן צווישן פֿאַרוואָרפֿענע, פּרימיטיווע שבטים, אָבער ביי לעבעדיקע, מאָדערנע, מער־וויניקער ציוויליזירטע פֿעלקער וועט איר נישט הערן אָט די משונה׳דיקע פֿראַגע. פֿאַרקערט, צווישן מאַנכע מאָדערנע, אַזוי־גערופֿענע קליינע פֿעלקער רעדט מען אַפֿילו איצט, נאָך דער וועלט־מלחמה נומער צוויי, וועגן אויפֿלעבן זייערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן און שפּראַכן, (ווי צום ביישפּיל אין ווילס, שאָטלאַנד און אין די סאָוויעטישע רעפּובליקן; און מאַנכע פֿון די גרוי־

סע ענגלישע דאָמיניאָנס פאָלגן נאָך דעם ביישפּיל פון אַמעריקע און שטרעבן צו נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט אין דער ענגלישער שפּראַך און הויבן אָן רעדן פון זייערע אייגענע „נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן״) ; און מאַנכע פון די „קליינע פעלקער״ אָדער נייע פעלקער וואָלטן זיך אפשר געוואונשן צו דערגרייכן די שטופע, צו וועלכער אונזער יידישע ליטעראַטור האָט דערגרייכט אין איין האַלבן יאָרהונדערט. און ביי אונז רעדט מען זיך אַזוי גרינג אָפּ „אַ שפּראַך שטאַרבט אָפּ, אַ ליטעראַטור גייט אונטער״. נו, טאַקע, וואָס פאַר אַ ווערט האָט עס ביים „אייביקן פאָלק״ אַ שפּראַך, אַ ליטעראַטור ?

אָט רעדן מיר פון אַ רענעסאַנס פון יידיש, פון העברעאיש, און איידער זיי קומען נאָך צו פולער בליאונג, רעדן מיר שוין פון ירידה, שקיעה, שטאַרבן.

אַ טראַגיש פאָלק : אָט לעבן מיר אויף און אָט שטאַרבן מיר אָפּ, אָט זעגען מיר פול מיט די ליכטיקסטע האָפנונגען און אָט זינקען מיר אין די מ״ט שערי יאוש. און ס׳איז נישט נאָר אַזוי אַצינד, אין דער ביטערסטער צייט פון אונזער געשיכטע : אונזער געשיכטע איז שטענדיק געווען „אַ שוואַרץ־ווייס געשיכטע״ — אַ שפּיל פון ליכט און שאָטן.

אין וועלכער צייט פון אונזער געשיכטע האָבן יידישע דיכטער און „זעער״ נישט געקלאָגט אויף חורבן, אונטערגאַנג ? אין די ביבלישע צייטן ? אין דער גאָלדענער שפּאַנישער תקופה ? אין די מאָדערנע צייטן ?

האָט נישט י. ל. גאָרדאָן, דער פאָרגענגער פון ביאַליק, זיך נישט געפרעגט אין אַ באַרימטן ליד, „צי ער איז נישט דער לעצטער פון די יידישע דיכטער״ ? און האָבן נישט כמעט אַלע פון אונזערע מאָדערנע קלאַסיקער און בויער פון אונזערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן נישט געטראַכט און אָפט געפילט ווי י. ל. גאָרדאָן, אַז זיי זענען „די לעצטע״ ?

מען קען זאָגן, אַז די פראַגע גאָרדאָנס איז איינע פון די לייט־מאָטיוון אין דער יידישער דיכטונג און דענקען פון אַלע צייטן און עפּאָכן. (מען האָט זי ביי אונז אויך אָפט ציטירט, כדי צו באַווייזן, אַז די „לעצטע״ קענען אַמאָל זיין די „ערשטע״).

אויפן יידישן פאָלק איז שוין, דאַכט זיך, אַלץ געזאָגט געוואָרן און מיט דעם זעלביקן אמת און נישט־אמת פון אַלע גענעראַליזאַציעס. און מען קען נאָך צוגעבן, אויב עס איז שוין נישט געטון געוואָרן, אַז מיר זענען דער „האמלעט״ צווישן די פעלקער : מיר האַלטן אין איין פרעגן „זיין אָדער נישט זיין ?״ מיר האַלטן זיך אין איין האַלטן דעם דופק, צי מיר לעבן, צי מיר שטאַרבן אָדער זענען שוין, חלילה, טויט.

אַ וואונדער ס׳האָט זיך נישט געפונען נאָך אַזאַ פּאַראַדאָקסאַליסט מיט דער „אַנטדעקונג״, אַז דאָס יידישע פאָלק איז, ווי איוב, אַ לא היה ולא נברא ; נאָר אַ משל . . .

פאָלק און ליטעראַטור

און דאָס וואָלט אפשר נישט ווייניקער אמת געווען ווי אייניקע אַנדערע מיסטישע און מעטאַפיזישע אויסטייטשונגען פון אונזער געשיכטע.

און נאָך מערקווירדיקער איז מיט וואָס פאַר אַ „גרינג האַרץ", מיט וואָס פאַר אַ לייכטזין מען גיט זיך ביי אונז אַ רעד אָפּ : „יידיש שטאַרבט" ; „אַ פאָלקס־ליטעראַטור גייט אונטער". עפּעס טאַקע ווי ס'וואָלט געווען אַ וואָכעדיקער ענין, אַן איזאָלירטע דערשיינונג.

ס'רוב רעדן מענטשן און הערן נישט וואָס זיי רעדן, און פאַרשטייען נישט די אמת'ע באַטייטונג פון דעם. וואָס זיי זאָגן זיך אַזוי לייכט אָפּ. מען זאָגט זיך אָפּ : „יידיש שטאַרבט" און מען באַגרייפט נישט, אַז אויב דאָס איז אַזוי, מיינט עס, אַז אַ גאַנצער אייגנאַרטיקער פאָלקס־שטייגער שטאַרבט ; אַז אַ גרויסע קולטור־היסטאָרישע תקופה, מיט איר אייגנאַרטיקער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער סטרוקטור, שטאַרבט אָפּ. נאָך מער, ווען מען גיט זיך אַ זאָג אָפּ : „אַ פאָלקס־שפּראַך שטאַרבט אָפּ" באַטייט עס, אויב ס'איז אמת, אַז אַ געפערלעכע אָפּעראַציע, אַ רעוואָלוציע אָדער קאַטאַקליזם, איז פאָרגעקומען אָדער קומט פאָר אינעם גאַנצן פאָלקס־אָרגאַניזם און זיין גאַנצער קיום איז אין גרויס געפאַר.

בכלל, וואָס מיינט עס אַזוינס, אַ שפּראַך גייט אונטער, אַ פאָלקס־ליטעראַטור שטאַרבט אָפּ ? קענען ליטעראַטורן שטאַרבן ? זענען דאָ אַזעלכע פענאָמענען ווי אָפּגעשטאָרבענע ליטעראַטורן ? זענען די אַנטיקע קלאַסישע ליטעראַטורן טויט ? לעבן זיי נישט אין אַלע היינטיקע, מאָדערנע ליטעראַטורן נאָך לעבעדיקער ווי מאַנכע פון די לעבעדיקע ? און קענען, איבערהויפּט, שעפערישע ליטעראַטורן און פעלקער — גרויסע און קליינע — אָפּשטאַרבן ? קען מען אויף שעפערישע ליטעראַטורן נישט זאָגן : „במיתתם נקראים חיים" ?

קיין ליטעראַטור שטאַרבט נישט אָן יורשים, אָן „קבר בנים", אויב מען קען אַזוי זאָגן. וואָלטן די גרויסע קלאַסישע ליטעראַטורן — די ביבלישע, די גריכישע, די רוימישען — געווען ג ר ו י ס , ווען זיי ירש'ענען נישט און פאַרדייען נישט די צענדליקער ליטעראַטורן און קולטורן־מיטאָלאָגיעס, סאַגאַס, רעליגיעס, פאָלקלאָרן, וואָס האָבן עקזיסטירט ביז זיי ? און קען מען נישט געפינען אין די היינטיקע גרויסע קולטור־ ירושות, מיט וועלכע מיר לעבן אָדער גלויבן, אַז מיר לעבן מיט זיי, סמנים פון די עלטסטע און פרימיטיווסטע „געשטאָרבענע" ליטעראַטורן ?

ווען מען רעדט שוין וועגן אַ שפּראַך, וואָס גייט אונטער, מוז מען זיך נישט פרעגן, ווער גייט זי אָפּ־ירש'ענען ? וואו און ווער זענען די יורשים פון דעם

יידיש־רעדנדיקן פֿאָלק ? וואוהין גייט אונזער פֿאָלק — צו אַ נייער אומבאַקאַנטער מדבר, צו אַ ניי „נאָ־מענס־לענד“ אָדער צו אַ ניי „געבאָטן לאַנד“ ?

דאָך רעדט מען ביי אונז מיט אַזאַ לייכטזין פֿון אַן אָפּשטאַרבנדיקער פֿאָלקס־שפּראַך, גלייך ווי אַ פֿאָלקס־שפּראַך וואָלט געווען אַ מלבוש, אַ רעגנמאַנטל, וואָס מען טוט אויס און מען טוט אָן, ווען מען וויל און מען קויפֿט אַ נייעם, ווען עס פֿאַרגלוסט זיך !

אַ שפּראַך איז נישט קיין איזאָלירטע, אויסערלעכע דערשיינונג, נאָר דער אויסדרוק פֿון דער נשמה און פֿון דעם גאַנצן געביין און געבוי פֿון אַ פֿאָלק ; אַ שפּראַך איז די לעבעדיקע קעגנוואַרט פֿון אַ פֿאָלק ; און צו דער זעלבער צייט דער לעבעדיקער פֿאַנטעאָן און נאַציאָנאַלער מוזעאום אין וועלכן עס זענען פֿאַרזאַמלט יאָרהונדערטער, דורות פֿאָלקס־שאַפֿן — בילדער, ווערטן, פֿאָלקלאָריסטישע אַנאָנימע און שאַפֿונגען פֿון באַוואוסטע קינסטלער און דיכטער.

אַ פֿאָלקס־שפּראַך איז נישט קיין מלבוש, וואָס מען קויפֿט אָדער מען באָרגט זיך אויס, נאָר גיכער ווי די הויט, אין וועלכער מען ווערט געבוירן, אין וועלכער מען וואַקסט און מען לעבט זיך אויס.

אין די עטלעכע רעפֿעראַטן, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו לייענען פֿאַר אייך, וועל איך פּרוּוון אָנצוצייכענען די הויפּט־שטרעמונגען און כאַראַקטער־שטריכן פֿון אונזער יידישער ליטעראַטור אַלס איינער פֿון די דריי הויפּט־פֿאַקטאָרן און סוראָגאַטן פֿון אונזער נאַציאָנאַל־פֿאָלקישן ווידערגעבורט אינם לעצטן יאָרהונדערט ביזן היינטיקן טאָג, ד.ה. ביז צו דעם איצטיקן, אפֿשר פֿאַטאַלן, קריזיס אין אונזער סעקולערן נאַציאָנאַליזם און פֿאָלקיזם בכלל.

צי יידיש שטאַרבט, צי נישט, נאָר אַפֿילו דער אָפּטימיסטישסטער פֿון די איצטיקע יידישע שרייבער מוז צוגעבן, אַז די יידישע פֿאָלקס־שפּראַך, און ממילא די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, לעבן איצט איבער אַ געפֿערלעכן קריזיס. דער קריזיס, ווי מיר וועלן זען ווייטער, האָט זיך אָנגעפֿאַנגען נאָך פֿאַר דעם איצטיקן קריג און פֿאַרן אויפֿקומען אין אייראָפּע פֿונם נאַצי־פֿאַשיזם, דעם געפֿערלעכסטן שונא, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט ווען געהאַט. אָבער דער גרייסער, מוראדיקער חורבן פֿונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום האָט שטערבלעך פֿאַרוואונדעט אונזער גאַנצע עקזיסטענץ, אַלס פֿאָלק, אונזער באַוואוסטזיין אַז מיר זענען אַ פֿאָלק, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט געהאָלפֿן אויפֿוועקן און אַזוי פּראַכטפֿול שעפֿעריש אויסגעדריקט.

ביי אַ זעקס מיליאָן יידן, ציילט מען, זענען אומגעקומען אין אייראָפּע אין די מלחמה־יאָרן — אַ דריט חלק פון יידישן פאָלק. דער רוב פון די אומגעבראַכטע זענען געווען אונזערע ברידער, שוועסטער און קינדער פון די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, ד.ה. דער רוב מנין־ובנין פון דעם יידיש־רעדנדיקן און יידיש־לעבעדיקן יידנטום. דאָס פּוילישע יידנטום איז געווען דער גרעסטער און אָרגאַנישסטער יידיש־רעדנדיקער צענטער ביז צו דעם איצטיקן קריג, און דער גרעסטער פאָלקסטימלעך־שעפערישער רעזערוואואַר, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין די לעצטע יאָרן. פון פוילן, ליטע, גאַליציע און פון דעם ביז־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד זענען געקומען אונזערע אַלטע און בייסטע יידישע דיכטער, דערציילער און שריפטשטעלער. כמעט אַלע באַוואוסטע יידישע שרייבער, דיכטער, געלערטע און נאַציאָנאַלע פאָלקס־טוער, וועלכע בילדן איצט דעם גרעסטן יידישן ליטעראַרישן קולטור־צענטער אין אַמעריקע — און דער שעפערישסטער און הערבאָאישסטער טייל פון דעם נייעם ישוב אין ארץ־ישראל — שטאַמען און האָבן זייער פאָלקס־יניקה, אַזוי צו זאָגן, געצויגן און געזויגן פון די אַלטע, איצט חרובע, פאָלקס־רעזערוואוואַרן אונזערע. און וואָס איז אפשר פיל וויכטיקער, ווייל עלעמענטאַרער, אויך די נייע יידישע לעזער און יונגערע שרייבער, וואָס די יידישע אַמעריקע און די אַנדערע יידישע צענטערן האָבן, ווי ווייניק, אָבער דאָך צוגעקראָגן, זענען מייסטנס צוגעקומען נישט פון די נייע דורות געבוירענע אין אַמעריקע און אין אַנדערע נייערע יידישע צענטערן, נאָר פון די גרויסע און אַלטע יידישע קהלות אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע זענען אַזוי בעל־תשחית׳־דיק־פאַרברעכעריש אויסגעוואָרצלט געוואָרן . . .

צי דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום וואָלט ביי „נאָרמאַלע אומשטענדן״ נישט דורכגעמאַכט די זעלבע נאַציאָנאַלע טראַנספאָרמאַציע־פּראָצעסן דורך דעמאָקראַטישער עמאַנסיפּאַציע (וואָס ווערט אויך אָנגערופן אַסימילאַציע) ווי אין אַמעריקע, ענגלאַנד און טיילווייז אין מערב־אייראָפּע אָדער דורך סאָציאַליסטישער עמאַנציפּאַציע, ווי אין איצטיקן רוסלאַנד, איז איצט נישט די פראַגע. אָבער דער מוראדיק־פינסטערער פאַקט איז, אַז אָט די גרויסע, לעצטע פאָלקס־רעזערוואוואַרן אונזערע, מיט זייער אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, מיט זייער אייגענער געדערטער און געלעבטער לעבעדיקער פאָלקס־שפּראַך און מיט אַלע זייערע שעפערישע פּאָטענצן, זענען איצט נישטאָ. און מיר זוכן איצט טראַגיש־פאַרצווייפלט, כמעט אָן האָפנונגען, זייערע לעצטע געבליבענע וואָרצלען.

דירעקט ליידן אונזער פאָלקס־שפּראַך און ליטעראַטור אַממייסטן פון דעם חורבן ; עס איז פאַר זיי כמעט אַ טויט־קלאַפּ.

אָבער אַ נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע פון אַזאַ מאָסשטאַב קען נישט שעדיקן נאָר אַ טייל פונם פאָלקס־אָרגאַניזם, קען נישט איבערלאָזן סימנים פון חורבן

נאָר אויף איין צווייג, צי געביט, פונם קולטורעלן, גייסטיקן און פיזישן מצב פון אַ פאָלק, אַפילו ווען ס׳זאָלן בכלל מעגלעך זיין איזאָלירטע געביטן.

דירעקט וועט טאַקע די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור אַממייסטן ליידן און פילן דעם אונטערגאַנג פון די גרויסע יידישע קהלות אין מזרח־אייראָפּע, אָבער אומדירעקט און אין „לאַנגען לויף״ וועלן אפשר פונקט אַזוי טיף און געפערלעך מוזן ליידן פונם חורבן אַלע קולטורעלע און נאַציאָנאַלע דערגרייכונגען פונם מאָדערנעם נאַציאָנאַל־וועלטלעכן יידנטום.

דער אונטערגאַנג פון אונזערע מזרח־אייראָפּעאישע קהלות האָט נישט נאָר געגעבן אַ טויט־קלאַפּ דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, נאָר אפשר נישט ווייניקער — דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור און דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע האָט אין די לעצטע יאָרן געמאַכט אַזעלכע ריזיקע און ממשות׳דיקע אָנשטרענגונגען אויפגעלעבט צו ווערן.

פאַר די פון אונז — סײַ אַזוי־גערופענע יידישיסטן און העברעאיסטן, לינקע און רעכטע, ציוניסטן און פאָלקיסטן, — וועלכע זענען געוואוינט אַזוי קורצזיכטיק צו קוקן אויף אונזערע ביידע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן ווי אויף קאָנקורענטן, וואָס זענען פון צייט צו צייט אַפילו געווען אין אַ מין „קריגס־צושטאַנד״ (נישט צוליב קנאת־סופרים), וועט אָט די באַהויפּטונג מיינע אויסזען אַביסל פּאַראַדאָקסאַל, און אייניקע וועלן אַפילו פרעגן, וויאַזוי דאָס אומקומען פון מיליאָנען יידיש־רעדנדיקע יידן קען מעכב זיין דעם אָנגעפאַנגענעם ווידערגעבורט פון דער העברעאישער שפּראַך אין ארץ־ישראל? (פּונקט ווי אייניקע ציוניסטן האָבן אַזוי טראַגיש געגלויבט, אַז די נעגאַציע און חורבן־אייראָפּע וועט העלפן בויען ארץ־ישראל).

אָבער נאָר ענגע, פאַרבלענדעטע פּאַרטייאישקייט קען דאָס נישט זען. וואָס אונזערע „פּרינציפּיעלע״ העברעאיסטן אין ארץ־ישראל, און יידישיסטן אין חוץ־לארץ, קענען נישט אָדער ווילן נישט זען, דעם אמת, אַז אין דער יידישער שפּראַך, אין דעם „זשאַרגאָן״ (ווי אייניקע באַצייכענען נאָך עד היום אַזוי נישט־קולטורעל אונזער פאָלקס־שפּראַך) איז די העברעאישע שפּראַך, דער לשון־הקודש, פאַר די לעצטע עטלעכע הונדערט יאָר אָפּגעהיטן געוואָרן פון אונטערגאַנג . . .

אפשר נאָך מער ווי אונזער שול און אונזער סדור האָט די יידישע שפּראַך אויפגעהאַלטן ביים לעבן די שפּראַך פון די נביאים. (די היינטיקע העברעאיסטן מעגן זיך פרעגן, צי אין אַ הונדערט יאָר אַרום וועלן די „העברעאיש״־רעדנדיקע יידן אין ארץ־ישראל — וואָס פאַר אַ העברעאיש וועט דאָס זיין? — לייכטער קענען לייענען דעם תנ״ך ווי די היינטיקע יידיש־רעדנדיקע יידן?)

איר קענט זאָגן, ס׳איז אַז אַך און ווי צו אַזאַ לעבן, אָבער נישט וויניקער טרויעריק ווי דאָס לעבן פון אונזער פאָלק.

ווען נישט די יידישע שפּראַך, וואָלט די העברעאישע שפּראַך איצט פונקט אַזוי „לעבעדיק״ געווען ווי לאַטיין, וועלכע איז נאָר אַ שפּראַך פון תפילות און פאַרשער פון די אַלטע קלאַסישע ליטעראַטורן.

די יידישע שפּראַך האָט אַ גרויסן און חשובן העברעאישן עלעמענט אַריינגעבראַכט אין מאַרק, אין דער יידישער שטוב, און אַפילו אין חסידישן שטיבל און בית־המדרש, און אַזוי אַרום אָן אָן ערך פאַרגרינגערט און מעגלעך געמאַכט דעם מאָדערנעם רענעסאַנס פון דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור.

יעדער ייד, וואָס קען יידיש און רעדט יידיש, קען אויך אַ שפּאַר ביסל העברעאיש. און דאָס קען נישט געזאָגט ווערן וועגן די נייע דורות אַמעריקאַנער אָדער ענגלישע יידן, וואָס קענען שוין נישט קיין יידיש, מעגן זיי זיין ווי ציוניסטיש.

טביה דער מילכיקער, מנחם־מענדל און אַפילו זיין ווייב שרה־שיינדל, (ניט רעדנדיק שוין פון פרץ׳ס „מקובלים״ און לומדישע חסידים)) קענען לעבעדיקער העברעאיש ווי אַ סך מאָדערנע „זיאָניסטן״, וואָס קענען נישט קיין יידיש און זענען נאָך שטאָלץ דערמיט.

די יידישע שפּראַך האָט אויפגעהאַלטן די העברעאישע שפּראַך ביים לעבן אפשר נאָך מער ווי די סעמיטישע אראמעאישע און אַראַבישע שפּראַכן אַמאָל. (און דאָס איז געווען שווערער אין די מאָדערנע צייטן, ווייל דער פאַרקער צווישן פעלקער און ראַסן איז געוואָרן פאַרשפּרייטער), און ממילא שוין געהאָלפן דעם מאָדערנעם ווידערגעבורט פון העברעאיש; און וואָס איז נאָך וויכטיקער: מיטן אויפהאַלטן ביים לעבן די העברעאישע עלעמענטן און דעם העברעאישן אלף־בית, האָט די יידישע שפּראַך אויפגעהאַלטן דעם המשך פון דער יידישער געשיכטע.

ווי כאַראַקטעריסטיש און סימבאָליש, אין דעם פּרט, איז וואָס מענדעלע מוכר ספרים ווערט פאַררעכנט אַלס דער „זיידע״ פון אונזערע ביידע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. ער האָט סטיליסטיש אין זיין שאַפן סינטעטיזירט אונזערע שפּראַכלעכע ירושות — עלטערע און נייערע.

איך וועל שוין אַצינד נישט רעדן, כאָטש ס׳איז אַ זער אינטערעסאַנטע

טעמע פֿאַר אַ ליטעראַטור־קריטישן עסעי, וועגן דעם יידיש־שפּראַכלעכן, גע־
מיטלעכן און סטיליסטישן איינפֿלוס פֿון דער יידישער פֿאָלקס־שפּראַך אויף די
מאָדערנע העברעאישע דיכטער און שריפֿטשטעלער. ווען די מאָדערנע העברע־
אישע ליטעראַטור, באַזונדערס די פּראָזע, נעמט נישט אויף, באַוואוסט און נישט־
באַוואוסט דערויף, אָט די איינפֿלוסן פֿון דער לעבעדיקער פֿאָלקס־שפּראַך, פֿון
יידיש, וואָלט עס נאָר עדות געזאָגט אויף אַ טרוקן־קאַדעמישער, נישט שעפֿע־
רישער באַגרענעצטקייט. אגב, האָט אַ גרויסער און חשובער טייל פֿון די מאָ־
דערנע העברעאישע שרייבער, פֿון מענדעלעס צייט ביז איצט, געשריבן
אויך אין יידיש.

איך מיין, אַז מען קען גאָרנישט צווייפֿלען אין דער אָרגאַנישער פֿאָלקיש־
ליבלעכער קרובֿהשאַפֿט צווישן דעם מאָדערנעם יידיש און דעם מאָדערנעם
העברעאיש און זייערע ליטעראַטורן, כאָטש יידיש איז אַן אייראָפּעאישע שפּראַך
און העברעאיש — אַ מזרח־שפּראַך; און איך גלויב, אַז ביי נאָרמאַלע און גינס־
טיקע אַנטוויקלונגען אין ארץ־ישראל — אויסערלעכע און אינערלעכע — וואָלט
געקומען צו אַ סינטעטישער און שעפֿערישער פֿאַראייניקונג, אָדער רופֿט עס
אויסמישונג, אַסימילאַציע צווישן אונזערע ביידע נאַציאָנאַלע שפּראַכן, ווייל מען
קען נישט צוריקשפּרינגען צוויי טויזנט יאָר און אויפֿלעבן אַן אַלטע שפּראַך ווי
די איז געווען; און ווייל דער רובֿ מניך־ובנין פֿונעם א"י־יידנטום איז פּסיכאָלאָ־
גיש, געמיטלעך און שפּראַכלעך — יידיש... פּונקט ווי די יידישע שפּראַך
האָט, פֿון זינט איר אויפֿלעבן ביים סוף פֿון מיטל־אַלטער אין די דייטשע־יידישע
געטאָס, נישט געוואָלט און נישט געקאָנט פֿאַרגעסן די העברעאישע, ביבלישע
און תלמודישע, פֿאַרגאַנגענהייט.

וואָס מיר האָבן איצט נאָר געוואָלט באַטאָנען, כאָטש עס האָט געדאַרפֿט
זיין קלאָר פֿאַר יעדן איינעם פֿון אונז, איז: ווען ס'קומען אום מיליאָנען פֿאָלקס־
טימלעכע יידיש־רעדנדיקע און העברעאיש־קענענדיקע־יידן — טאָ ווי פֿאַטאַל־
געפֿערלעך מוז עס ווערן פֿאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג און וואוקס פֿון
דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור אין ארץ־ישראל, אַפֿילו
ווען די אויסערלעכע פּאָליטישע פֿאַקטאָרן זאָלן זיין די גינסטיקסטע!

איצט קענען מיר זיך פֿרעגן, זעט עס נישט אויס אַביסל שוין אַקאַדעמיש־
ליטעראַריש, אָדער „יבֿנה'איסטיש" (עס מערקט זיך איצט ווידער אַ טענדענץ
צווישן יידישע אינטעליגענטן און שרייבער, זיך צו ראַטעווען און אָפּשליסן זיך,
גלייך ווי ס'וואָלט מעגלעך געווען, אין אַ נייער „יבֿנה" אָדער אין אַ מין נייער
„גייסטיקער געטאָ"), אָדער זעט עס נישט אויס אַביסל „אחד־העם'איסטיש" צו

רעדן וועגן דעם איינפלוס, וועגן דער ווירקונג פון די מיליאָנען אומגעקומענע אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער און העברעאישער שפּראַכן און ליטעראַטורן ? וואָס איז וויכטיקער, עיקר'דיקער — פאָלק אָדער ליטעראַטור ? יעדע ליטעראַטור, אַפילו די רייכסטע, דריקט אויס, שילדערט, שפּיגלט אָפּ, דאָס לעבן פון אַ פאָלק און דעם אוניווערסאַל־מענטשלעכן כאַראַקטער פון אַ פאָלק ; מיט איין וואָרט, אַ ליטעראַטור לערנט און דינט דעם פאָלק. און ווען אַ פאָלק הויבט אָן דינען דער ליטעראַטור — דורך פאַרהייליקונג, קאַנאָניזאַציע — באַוויזט עס נישט, אַז סאַי דאָס פאָלק און סאַי די ליטעראַטור ווערן סטאַגנירט און ניט־שעפעריש ?

אַ דריט חלק פון אונזער פאָלק — אפשר דער קערנדיקסטער ? — איז אומגעקומען, און מיר חקירה'ן זיך גאָר, הייסט עס, וועגן אַקאַדעמיש־ליטעראַרישע שפּראַך־פּראָבלעמען.

צוליב היסטאָרישע סבות — אויסערלעכע און אינערלעכע — זענען מיר יידן געוואוינט, נאָך מער אפשר ווי אַנדערע פעלקער, צו קלערן און דענקען איזאָלאַציאָניסטיש, אַזוי צו זאָגן, און ווען איך האָב ערשט געפּרואווט באַווייזן, אַז נישט נאָר די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור, נאָר אויך די העברעאישע וועלן שטאַרק און געפערלעך ליידן פון דעם אונטערגאַנג פון דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום, האָב איך עס נישט געטון צוליב „חצי נחמה״, חלילה, נאָר ווייל איך גלויב, אַז ס'איז נויטיק איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו פאַרריכטן דעם טעות, וואָס מיר מאַכן שטענדיק, ווילנדיק און נישט ווילנדיק, ווען מיר איזאָלירן אַ וויכטיקע פראַגע, אַ דערשיינונג פון אונזער גאַנצער ווירקלעכקייט און פון דער אַלגעמיינער ווירקלעכקייט.

מען קען נישט רעדן נור וועגן אַ קריזיס אין יידיש, וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור אַליין, ווייל דער זעלביקער קריזיס גראָבט איצט אונטער די נייע העברעאישע ליטעראַטור ווי אונזער גאַנצן מאָדערנעם וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם, בכלל ; ווייל די דריי — יידיש, העברעאיש ווי אונזער מאָדערנער פאָלקיזם — זענען איינס, און רעדן וועגן איינעם נאָר פון די דריי גרויסע פאַקטאָרן פון אונזער פאָלקישן ווידערגעבורט, איז פונקט ווי מען זאָל זאָגן פּלוני ופּלוניס הארץ אָדער קאָפּ זענען געפערלעך קראַנק און נישט פּלוני ופּלוני אַליין. די אומגעקומענע יידישע קהלות אין מזרח־אייראָפּע האָבן נישט נאָר געשאַפן די מאָדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, זענען נישט נאָר געווען די גרויסע רעזערוואוארן פונם נייעם

נאַציאָנאַלן יידישן שאַפן, נאָר זיי זענען געווען דער רוב מנין־ובנין פונם מאָדערנעם פאָלקישן יידנטום; זיי זענען געווען דער קערן, דער חוט־השדרה, פון דעם היינטיקן יידישן פאָלק פון וועמעס נאָמען עס רעדן און האַנדלען די פון אונז, וואָס גלויבן, אַז מיר זענען אַ פאָלק, ווי אַלע פעלקער און נישט נאָר פאַרשיידנלענדישע בירגער פון יידישער אָפּשטאַמונג אָדער אמונה. זיי, די פאַרשניטענע זעקס מיליאָן יידישע לעבנס, זענען עס געווען אונזער פאָלקישער קערן: אונזער גאַנצער מאָדערנער ווידערגעבורט אַלס פאָלק איז אויפגעקומען און זיך פאָרמירט אין אָט די באַזעס, מיט דער הילף פון זייערע ברידער און קינדער — די ערשטע דורות עמיגראַנטן — אין אַמעריקע און אייראָפּע, וואָס זענען נאָך מיט זיי אָרגאַניש געווען פאַרבונדן...

די נייע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, אונזערע מאָדערנע פאָלקישע נאַציאָנאַלע פאַרטייען און באַוועגונגען — לינקע און רעכטע — דער חלוציזם אין א״י, אַלע זענען זיי „זשאַרגאָן־העברעאיש־פאָלקסטימלעך“, אַזוי צו זאָגן, און אַלע שטאַמען זיי פון די פאָלקישע באַזעס אונזערע.

דר. פינסקער, אחד־העם, דובנאוו, דר. ווייצמאַן, נחום סאָקאָלאָוו, בער באראכאָוו, דר. זשיטלאָווסקי און אַפּילו וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און מיכאָעלס, און אַלע כמעט פירער און וואָרט־זאָגער פון אונזערע רעכטע און לינקע מאָדערנע פאַרטייען און באַוועגונגען, זענען, צי זיי ווילן עס צי נישט, צי זיי ווייסן עס צי נישט, „זשאַרגאָן־יידן“ — מענדעלע מוכר ספרים׳ס יורשים און „אייניקלעך“, קען מען אפשר זאָגן.

מיר קענען נאָך נישט מעסטן און פאָראויסזען ווי געפערלעך עס קען ווערן פאַר דעם מאָדערנעם העברעאישן רענעסאַנס דאָס אָפּשטאַרבן פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך — אויב זי שטאַרבט טאַקע, חלילה, — וועלכע האָט אַזויפיל עלעמענטן פון העברעאיש אויפגעהאַלטן ביים לעבן אינם מויל פונם פאָלק; פונקט ווי מיר קענען נישט פילן — דער קלאַפּ איז נאָך צו פריש — ווי דער פאַרלוסט פון די זעקס מיליאָן יידן וועט זיך אָפּרופן אויף אונזער גאַנצן וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם, אויף דעם פּראָצעס פון ווערן אַ פאָלק צו פעלקער גלייך, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט און כמעט פאַרווירקלעכט אינם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט.

(פאָלקיזם איז דער עצם פון אונזער נאַציאָנאַליזם, וועלכער אונטערשיידט זיך דערמיט פון דעם באַגריף נאַציאָנאַליזם בכלל; דער יידישער נאַציאָנאַליסט איז דער, וואָס אנערקענט און שטרעבט מיר זאָלן ווערן אַ פאָלק).

וואו איז אַצינד אונזער פאָלקישער קערן? וואו איז איצט דער חוט־השדרה, דער „בעק באון“, פון אונזער פאָלק? — די פיר צי פינף מיליאָן אַמעריקאַנער יידן, וואָס זוכן איצט, מער אינסטינקטיוו ווי באַוואוסטזיניק, אַן אַנ־

האַלט אין אַן אַבסטראַקטער מיסטיש־פילאַנטראָפּישער יידישקייט, טרינקענדיק זיך אין דעם סטיכישן „שמעלץ־טאָפּ״ פון אַמעריקאַניזאַציע? און ווען די אויסגעלאָשענע פאָלקס־רעזערוואַרן אונזערע, פון וועלכע די ערשטע דורות עמיגראַנטן האָבן זייער גאַנצע יידישקייט־יניקה ביז איצט געצויגן, נישט גרינ־גער און אימפּעטיקער מאַכן דעם פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע־אַסימילאַציע?

אָדער זאָלן מיר זוכן איצט דעם נאַציאָנאַל־פאָלקישן קערן ביים רוסישן יידנטום, וועלכעס איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אין דעם קריג מיט נאַצי־פאַשיזם? וועט אויך דאָרט, אינם נייעם רוסלאַנד, איצט נאָכן חורבן איירָאָפּע, ווי אין אַמעריקע, נישט ווערן נאָך שטאַרקער דער פּראָצעס פון סאָציאַליסטישער אָדער קאָמוניסטישער „אַסימילאַציע״?

וואו איז איצט דער יידישער פאָלקס־קערן? האָבן מיר איצט אַ פאָלקס־קערן? אָדער האָבן מיר אים נאָר אין ארץ־ישראל, וואו די געזונטע פּאָטענצן אויף אַ יידיש־פאָלקישן קערן ווערן איצט געדראָט אויסערלעך און אינערלעך? וועט זיך דאָרט פאָרמירן דאָס פאָלק אָדער וועט דאָרט זיך פאַרשטיינערן אַ סאברא־געטא?

דער פאָלקס־קערן, פון וועלכן עס זענען אויסגעוואַקסן אונזערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן און אונזערע גרויסע פאָלקס־און־אַרבעטער־פּאַרטייען און באַוועגונגען, וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דעם חלוציזם און געבויט ארץ־ישראל, איז איצט פאַרשניטן געוואָרן. ווער וועט איצט ענדיקן די געביידע פון פאָלק און לאַנד? די אַמעריקאַנער, די ענגלישע אָדער דאָס ביסל מערב־איי־ראָפּעאישע ס׳רוב „פילאַנטראָפּישע זייאָניסטן״, וועלכע זענען ציוניסטיש און נאַציאָנאַליסטיש געווען, נאָר כדי צו העלפן זייערע אָרימע ברידער אין די אַלטע היימען, און וועלכע האָבן אפשר קיין איין „געבוירענעם״ יידישן צי העבּרעאישן שרייבער נישט אַרויסגעגעבן? (זענען, אגב, דאָ אין רוסלאַנד יידישע שרייבער און דיכטער, וואָס זענען געבוירן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע)?

וועט ארץ־ישראל ווערן און בלייבן אַ שארית־הפּליטה לאַנד־מקלט? ווער וועט איצט בויען דאָס לאַנד, און ווער וועט איצט בויען דאָס פאָלק? און ווען מיר האָבן שוין דאָס לאַנד פאַרן פאָלק, האָבן מיר אַצינד דאָס פאָלק פאַרן לאַנד?

ווען מיר רעדן אַצינד וועגן דעם איצטיקן מצב פון אונזער פאָלקס־שפּראַך, וועגן דער צוקונפט פון דער יידישער ליטעראַטור, מוזן מיר רעדן, אין איין וועגס, טאַקע בנשימה אחת, וועגן דער צוקונפט פון דער העבּרעאישער שפּראַך און ליטעראַטור און בכלל וועגן דער צוקונפט פון אונזער גאַנצן מאָדערנעם

וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם, וועלכע זענען איינזייטיק אויפגעקומען אין דעם ניינצנטן יאָרהונדערט; אין דעם יאָרהונדערט פון סאָציאַליזם און נאַציאָנאַלע ווידערגעבורטן.

אין געשיכטלעכן רעטראָספעקט וועלן די מיינסטע פון די צייטווייליקע צאַנקערייען און מחלוקתן צווישן העברעאיש און יידיש, צווישן דעם אָריגינעלן, ראַדיקאַלן ציוניזם און יידישן סאָציאַליזם, צווישן דעם טעריטאָריאַלן נאַציאָנאַליזם פון העס, פינסקער, הערצל, אחד־העם און באָראָכאָוו מיט דעם דיאַספאָראַ־פאָלקיסטישן נאַציאָנאַליזם פון דובנאָוו, פון דעם „בונד" און אַפילו פונם יידישן נישט־אַסימילאַטאָרישן קאָמוניזם, אויסזען ווי טיילן און דעטאַלן, כאַראַקטעריסטישע און נויטווענדיקע, פון איין גאַנצעס: פון גרויסע צעזייטע און צעשפרייטע יידישע מאַסן, וועלכע זענען געוואָרן נאַציאָנאַל און פאָלקס־באַוואוסט, וואָס זענען געוואָרן אַ פאָלק מיט אַלע קלאַסן און אידעאָלאָגישע דיפערענציאַציעס, וועלכע האָבן זיך אויך ביי אונז אָנגעהויבן אויסצוקריסטאַליזירן און פאָרמירן, ווי ביי אַנדערע פעלקער.

משה העס, פינסקער, הערצל, דובנאָוו, אחד העם, באָראָכאָוו; מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם, גאָלדפאַדן, פרץ, ביאַליק, טשערניכאָווסקי א״א וועלן אין געשיכטלעכן רעטראָספעקטיוו אויסזען הויפטזעכלעך, נישט קוקנדיק אויף זייערע אינדיווידועלע, אידעאָלאָגישע און טיילווייז קלאַסן־ניואַנסן און „שבולתן", ווי די זיילן־רעפרעזענטאַנטן פון איין גרויסער תקופה — די תקופה פון אונזער נאַציאָנאַלן און פאָלקישן ווידערגעבורט, ווען דאָס צעבראָכענע, פאַרפינסטערטע גלות־און־געטאָ־יידנטום האָט אין זיך ווי „פלוצלונג" (אָבער אין דער אמתן בהדרגה, אין אַ געשיכטלעכן פראָצעס און אונטערן איינפלוס פונם אַלגעמיינעם דערוואַכן, סאָציאַלן און נאַציאָנאַלן, פון די אייראָפעאישע פעלקער) דערפילט לעבעדיקע, יאוירנדיקע, נאַציאָנאַלע פאָלקס־כחות און אָנגעהויבן צו גלויבן און שטרעבן צו נאַציאָנאַלער אויטאָעמאַנסיפאַציע; גייסטיקער, קולטורעלער, טעריטאָריאַלער זעלבסטבאַפרייאונג, באַפרייאונג פון פאָלק דורכן פאָלק.

אָט די הערמאָנטע און נישט־דערמאָנטע גרויסע יידישע פיגורן פון די לעצטע הונדערט יאָר, וועלכע האָבן געבויט אונזערע מאָדערנע ליטעראַטורן, אונזערע אַלע הייניטיקע, וועלטלעכע פאָלקס־באַוועגונגען און פאַרטייען, וועלכע האָבן אויסגעדריקט און רעפרעזענטירט די פאַרשיידענע אָריענטאַציעס און שאַטירונגען פונם אויפגעוואַכטן יידישן פאָלקס־באַוואוסטזיין, זענען עס געווען די דירעקטע יורשים פון דער פריערדיקער השכלה־עפאָכע און אירע גרויסע פיגורן.

זיי זענען געווען די יורשים פון דער השכלה־עפאָכע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דייטשלאַנד אינם אַכצנטן יאָרהונדערט מיט משה מענדעלסאָן און זיינע תלמידים און מיטאַרבעטער די „ביאוריסטן" און די „בעלי מאספים", מיט

יצחק בער לעווינסאָן, דעם פירער פון דער השכלה־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע. אָבער זיי, אָדער מיר, קען געזאָגט ווערן, די יורשים פון דער השכלה־עפּאָכע, זענען נישט אַוועק פון דער השכלה, ווי אייניקע פון אונזערע היינטיקע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער ווילן איצט באַווייזן; די בויער און שאַפער פון אונזערע מאָדערנע ליטעראַטורן און נאַציאָנאַלע באַוועגונגען האָבן נישט פאַרוואָרפן און פאַרלאָזט די אידעאַלן פון זייערע לערער, די ערשטע משכילים, נאָר פאַרקערט זיי, זייער באַדייטנדיקסטער רוב, זענען געבליבן אידעאיש און פסיכאָלאָגיש משכילים.

זיי האָבן נאָר געביטן דעם טראָפּ און דעם תוכן, און הויפּטזאַכלעך די וועגן און די מעטאָדן, פון דער השכלה. דער לאָזונג פון די ערשטע משכילים איז געווען „זיי אַ מענטש צו מענטשן גלייך"; דער לאָזונג פון זייערע תלמידים, „דער צווייטער דור משכילים" איז געוואָרן „זיי אַ פאָלק צו פעלקער גלייך". אונטערן איינפלוס פון די אופגעקומענע גרויסע מאַסן — נאַציאָנאַלע — און אַרבעטער־באַוועגונגען אין אייראָפּע בכלל, און דער עיקר ווען די השכלה איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראַפּע אין די סלאַווישע לענדער, האָבן אויך אונזערע משכילים, האָט אויך אונזער השכלה, זיך אָפּגעקערט פון אינדיווידועלער, יחידישער עמאַנסיפּאַציע און אויפקלערונג, און זיי פאַרביטן, אין איינקלאַנג מיטן צייט־גייסט, מיט קאָלעקטיווע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע עמאַנסיפּאַציע־אידעאַלן און באַוועגונגען. מיר האָבן אָנגעהויבן צו בילדן נישט אַזוי דעם יידישן יחיד, ווי דעם כלל. אָנשטאָט עמאַנסיפּאַציע פונם יחיד, האָבן מיר אָנגעהויבן שטרעבן צו נאַציאָנאַלער זעלבסט־באַפרייאונג, מען האָט אָנגעהויבן אויפקלערן דעם כלל, די יידישע מאַסן און די יידישע אַרבעטער. און אַפילו די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון דער השכלה־עפּאָכע האָבן אָנגענומען נאַציאָנאַלע פאָרמען. (עס זענען אויך אַצינד פאַראַן צווישן אונז אַזעלכע, קריטיקער און פריינט, וואָס גלויבן אַז דורך אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, קולטור אָדער מלוכה וועלן מיר ווערן „אויס יידן").

אָבער, אין תוך גענומען, פסיכאָלאָגיש און אידעאיש זענען די שאַפער די קלאַסיקער פון אונזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, ווי פון אונזער מאָדערנער רענעסאַנס־תקופה בכלל, געבליבן משכילים. און ווען מיר זאָלן זיך פרעגן וואָס איז דער הויפּט־כאַראַקטער פון אונזער מאָדערנער, יידישער ליטעראַטור, וועט מען מוזן, גלויב איך, ענטפערן — אַ משכיליש־אויפקלערערישער און וועלט־לעכער.

אין אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור־פאָרשונג איז אָנגענומען צו טיילן די געשיכטע פון יידיש און דער יידישער ליטעראַטור אויף דריי פּעריאָדן, הויפּטזאַכלעך: ערשטער פּעריאָד — איך פאָרמוליר לויט זלמן רייזען — פון איר אָנהויב אויף דער גרענעץ פון מיטלאַלטער און דער נייער צייט ביז דער עפּאָכע פון דער מענדלסאָנישער השכלה (צווייטע העלפט פון אַכצנטן יאָר־הונדערט); צווייטער פּעריאָד — דער פּעריאָד פון דער השכלה־עפּאָכע; און דאַן דער דריטער פּעריאָד, די תקופה פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס אירע שעפּער זענען מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און יצחק לייב פּרץ.

מיר דאַכט זיך, אַז פון אַ ווייטערן און ברייטערן געשיכטלעכן פּאַרנעם און פּערספּעקטיוו וועט די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור געטיילט ווערן הויפּטזאַכלעך אויף צוויי פּעריאָדן: אויף דער אַלטער ליטעראַטור ביז דער מענדלסאָנישער השכלה; און אויף דער נייער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער מענדלסאָנישער השכלה ביזן היינטיקן טאָג.

מיט מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם און פּרץ האָט זיך נישט געענדיקט די השכלה־עפּאָכע, נאָר מיט זיי האָט זיך אָנגעפאַנגען די קינסטלערישע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע השכלה, פּונקט ווי מיט העס און דר. פּינסקער האָט זיך די השכלה נישט געענדיקט נאָר זי איז פון אַ יחידישער עמאַנסיפּאַציע איבערגעגאַנגען צו אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע — אַ קאָלעקטיווער, פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער השכלה.

די געשיכטע פונם מאָדערנעם נאַציאָנאַלן און פּאָליטיש־וועלטלעכן יידנטום הויבט זיך אָן, גלויב איך, מיט דער מענדלסאָנישער השכלה אין דייטשלאַנד און מיט דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, ווי אויך די געשיכטע פון דער מאָדערנער יידישער און העברעאישער וועלטלעכער ליטעראַטור, ווי פון אַלע מאָדערנע וועלטלעכע נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און באַוועגונגען.

נאַטירלעך קען מען געפינען וועלטלעכע עלעמענטן און מאָטיוון און פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע אנשויאונגען שוין אויך אין דער גאָר אַלטער יידישער ליטעראַטור (און אַזאַ רייכן כמעט רענעסאַנס־פיגור, ווי אליהו בחור), פּונקט ווי עס זענען געווען (און אוודאי צווישן די דענקער און פּאָעטן פון דער גאָלדענער שפּאַנישער רענעסאַנס תקופה) פּאָזיטיווע, קינסטלערישע און נאַציאָנאַל־פּאָליטישע שאַפונגען ביז מענדעלע מוכר ספרים. אָבער די השכלה איז דער פּוס, דער פּיעדעסטאַל, פון דער פיל געצווייגטער און גערערנטער מנורה — די גרויסע תקופה פונם מאָדערנעם יידישן רענעסאַנס; די חכמת־ישראל, די יידישע וויסנשאַפט און געשיכטע־פאָרשונג. אונזערע ביידע מאָדערנע וועלטלעכע נאַציאָנאַלע

ליטעראַטורן זענען נאַטירלעך אויסגעוואַקסן, זיך אַרויסגעצווייגט פון דעם פּיעדעסטאַל־השכלה.

וועגן די פאַרשיידענע עוואָלוציעס פון דער השכלה, וועגן אירע צווייגן און רערן, און ווי פונם משכילישן „שלא לשמה" איז געקומען צום „לשמה" און ס'האָט זיך פאָרמירט די פּראַכפּולע, געזונטע מאָדערנע יידישע ליטעראַטור און איבער אירע וויכטיקסטע טענדענצן, ריכטונגען און כאַראַקטעריסטיקעס, וועלן מיר רעדן אין אונזערע ווייטערע רעפעראַטן.



שלום עליכם אין דער שווייץ

צווייטע לעקציע

די אידעאישע אַנטוויקלונגען פון דער השכלה

אין דער ערשטער לעקציע האָבן מיר געפּרואווט פאַר זיך קלאָר מאַכן, און מער וויניקער פעסטשטעלן, אַז דער שווערער קריזיס, וואָס די יידישע פאָלקס־שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור לעבן איצט איבער — וועלכער איז אַזוי טראַגיש, כמעט פאַטאַל געוואָרן מיטן אומקומען פונם מזרח־אייראָפּעאישן יידנ־טום — איז נישט קיין איזאָלירטער; אַז דעם זעלביקן קריזיס מאַכט איצט דורך, כאָטש מען באַמערקט עס נאָך נישט אַזוי, די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור, ווי אונזער גאַנצער מאָדערנער, וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם.

ווייל אונזערע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, ווי אַלע אונזערע נאַ־ציאָנאַל־וועלטלעכע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל און אַלע אונזערע וועלט־לעכע, באַלעבאַטישע און אַרבעטער־פּאַרטייען און באַוועגונגען בכלל, זענען די אויסערונגען און שעפּערישע סך־הכולן פון דעם דערוואַכטן פאָלקס־באַוואוסט־זיין און פאָלק ווערן, וואָס איז פאָרגעקומען אינם לעצטן יאָרהונדערט, וועלכער וועט זיכער באַצייכנט ווערן אין אונזער געשיכטע אַלס דער יאָרהונדערט פון אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאַנס.

ביים סוף פון דער ערשטער לעקציע האָב איך אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אונזער נייער יידישער ליטעראַטור איז איר השכלה־עלעמענט; און אַז דער אָנפאַנג פון אונזער נייער ליטעראַטור, ווי פון אונזער סעקולערן נאַציאָנאַליזם בכלל, קען אפשר גערעכנט ווערן פון משה מענדלסאָן און זיינע תלמידים און מיטאַרבעטער אין מערב און מזרח־אייראָפּע; און נישט דווקא פון העס, דר. פּינסקער און מענדעלע מוכר ספרים.

מיר מוזן זיך איצט אויף דעם לעצטן מאָטיוו אַביסל לענגער אָפּשטעלן און אים מער אַנטוויקלען.

עס הערשט איצט צווישן יידישע שרייבער און ליטעראַטור־פאָרשער אַ טענדענץ פון איין זייט צו נעגירן און שטאַרק מינימיזירן די שעפּערישע ווערט

פון דער גרויסער השכלה־עפּאָכע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן מיט מענדלסאָנען אין דייטשלאַנד ביים סוף פונם אַכצנטן יאָרהונדערט; און פון דער אַנדערער זייט — די השכלה־עפּאָכע און אירע טרעגער, די „ערשטע משכילים" אַפילו אין דייטשלאַנד, צו נאַציאָנאַליזירן און פאַריידישן, אַזוי צו זאָגן.

מען פאַרגעסט ביי אונז אָפט לעצטנס, אַז השכלה־אויפקלערונג, בילדונג — איז אין דער אמתן די הויפט־אויפגאַבע פון אַלע ליטעראַטורן (און אין אַלע קינסטלערישע און ליטעראַרישע פאָרמען) און אַז נישט נאָר פאַנגט זיך אָן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור מיט דער השכלה־עפּאָכע — פון מענדלסאָנען און נישט פון מענדעלען — נאָר אַז אַלע אירע בויער און קלאַסיקער זענען געווען משכילים־אויפקלערער.

אַז די השכלה־עפּאָכע און אירע אידעאַלן האָבן שוין לאַנג צוריק באַנקראָטירט, איז שוין געוואָרן ביי אונז אַ מין אקסיאמע, און מען גלויבט נאָך אַלץ ביי אונז אין דעם אַפילו איצט, ווען אונזער סעקולערער נאַציאָנאַליזם און פאַלקיזם, וועלכע זענען, אגב, אויך עוואָלוציאָנערע עטאַפּן פון דער השכלה, געפינען זיך פאַראַ פיל שווערערן קריזיס און טראַגישערן באַנקראָט, ווייל אויך אונזער מאָדערנער וועלטלעכער פאַלקיזם און נאַציאָנאַליזם האָבן נאָך ווייט נישט באַוויזן צו לייזן דאָס עיקר'דיקע פּראָבלעם, וואָס איז געווען דער שווערער נסיון, דער „אבן נגף" פון דער השכלה: דאָס פּראָבלעם פון פאַלק און בירגערלעכער עמאַנסיפּאַציע, פון ארץ־ישראל און גלות...

ס'איז שוין אַ סך מאָל אָנגעוויזן געוואָרן פון געשיכטע־פאָרשער, אַז היסטאָרישע תקופות, ווי קעגנזעצלעך און אַנטאַגאָניסטיש זיי זאָלן נישט אויסזען, טיילן זיי זיך גאָרנישט אַזוי שאַרף אָפּ איינע פון דער צווייטער, ווי עס קאָן זיך דאַכטן. עלעמענטן און שפּורן פון דער קומענדיקער נאַציאָנאַלער אָריענטאַציע קען מען געפינען אין די ווערק פון די ערשטע משכילים, פּונקט ווי ביי אייניקע פון אונזערע ערשטע אויטאָעמאַנסיפּאַציסטן און נאַציאָנאַליסטן, ווי אין דעם מאָדערנעם וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם בכלל, קען מען נאָך געפינען די כאַראַקטעריסטישע — ווילנדיקע און נישט־ווילנדיקע — אַסימילאַציע־טענדענצן פון דער השכלה. די בויער פון אונזערע מאָדערנע ליטעראַטורן, ווי פון אונזער סעקולערן פאַלקיזם, זענען די יורשים פון דער השכלה און די ערשטע משכילים; און יורשים גייען נישט אַוועק פון דער ירושה. זיי פאַרדייען זי, באַרייכערן זי און רעפאָרמירן זי. נאַטירלעך לויט די אַלגעמיינע נייע צייט־אומשטענדן, סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען; זיי זעצן פאָר די ירושה אין נייע פאָרמען, מיט נייע לאָזונגען און אַמאָל אויך אונטער אַ נייער פירמע, אָבער מיט דעם זעלביקן גע'ירש'נטן תוך און קערן.

דער ערשטער דור פון אונזערע אויטאָ־עמאַנסיפּאַציסטן זענען, אין דער אמתן, געווען דער צווייטער דור משכילים. זייער אידעאישער און פּסיכאָלאָגי־שער קערן איז געבליבן השכלה: אַרויס פון געטאָ, פון תהום, פון אינערלע־כער און אויסערלעכער איזאָלאַציע צו... עמאַנסיפּאַציע און וועלטלעכקייט — יחידישער און פּאָלקישער... און, פאַרשטייט זיך, בילדונג.

ווי שוין באַמערקט, זענען די געמען משכיל און השכלה איצט ביי אונז שטאַרק דיסקרעדיטירט — גנאַי־טערמינען שיער נישט געוואָרן; און איינ־קע פון אונזערע ניי־געבאַקענע בעלי־תשובה וואָלטן געוואָלט געפינען דעם אָנ־פאַנג פון דער נייער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, אויב נישט אונטערן באַרג סיני, איז כּאָטש אין די קבלה־ספרים און ביי די גרויסע חסידישע רביים, וועלכע זענען אויפגעקומען איינצייטיק מיט דער השכלה־באַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע (און ווי מיר וועלן זען ווייטער איז אויך דער חסידיזם געווען אומ־דירעקט באַאיינפלוסט פון דעם נייעם, מער דעמאָקראַטישן צייט־גייסט).

עס הערשט איצט אַ טענדענץ אָדער שטימונג צווישן אַ טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ צו מאַכן „קליין געלט" פון דער גרויסער השכלה־עפּאָ־כע און זיך אינגאַנצן אָפּזאָגן פון איר ירושה. די טענדענץ אָדער שטימונג איז אַ כאַראַקטעריסטישער רעפלעקס און פועל־יוצא פונם שווערן קריזיס, אין וועלכן עס געפינט זיך אַצינד אונזער וועלטלעכער נאַציאָנאַליזם — אויך צווישן דער אינטעליגענץ, בכלל, הערשט איצט אַן אנטוישונג אין פּאָזיטיוויזם און ראַציאָנאַליזם און אַ נייגונג צו מיסטיק און רעליגיע — און עס וועט אונז אויסקומען שפּעטער מער צו רעדן וועגן דער טענדענץ. אָבער דערווייל וויל איך נאָר באַמערקן, אַז אונזערע איצטיקע „בעלי־תשובה", די נעגירער פון דער השכלה, מאַכן דעם זעלבן פעלער — און אין אַ פיל שעדלעכערער פאָרם, גלויב איך, — וואָס אונזערע ערשטע משכילים האָבן געמאַכט, ווען זיי האָבן אַזוי ביטער באַקעמפט דעם חסידיזם, וועלכער איז אויפגעקומען אין זייער צייט, און האָבן געזען בלויז שאָטנס און פינסטערניש אין דעם דעמאָלטיקן יידישן לעבן אַרום זיי: — זיי קאַריקאַטוריזירן די השכלה, זיי ווילן נאָר זען די שאָטנס פון דער השכלה.

פּאָזיטיוו און נעגאַטיוו זענען אונזערע ירושות פון דער גרויסער השכלה־עפּאָכע, וועלכע האָט זיך אָנגעפאַנגען אין דייטשלאַנד און פראַנקרייך ביים סוף פון אַכצנטן און דער ערשטער העלפט פונם נייַנצנטן יאָרהונדערט און זיך אַריבערגעטראָגן קיין גאַליציען און מזרח־אייראָפּע:

פון די נעגאַטיווע ירושות פון דער השכלה־עפּאָכע קען מען הויפּטזאַכ־לעך רעכענען דעם פּלאַטאָנישן בורזשואַ־אינדיווידואַליסטישן אידעאַליזם און גלויבן אין אַן אַבסטראַקטער מענטשלעכקייט און ברידערלעכקייט — די אַל־

געמיינע ירושה פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און פון דער אייראָפּעאישער השכלה בכלל; און די אַבסאָלוטע נעגאַציע פונם גלות און פון גלות־ייד — אַ נעגאַציע, וועלכע איז טיילווייז איבערגענומען געוואָרן פונם היינטיקן עקסטרעמען ציוניזם.

דאָס פאַרלייקענען דעם געשיכטלעכן המשך (אויך אונטער מאָדערנער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם וויל אַריבערשפּרינגען אַ שטיק יידישע געשיכטע); דאָס לייקענען און נישט גלויבן, אַז מיר זענען אַ פאָלק, אַ נאַציע, ס׳רוב צו־ליב „טאַקטישע טעמים״, ווייל דאָס „רעוואָלוציאָנערע פראַנקרייך און דערנאָך די אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס האָבן אונז עמאַנסיפּירט און געגעבן בירגער־רעכט, האָבן אונז געוואָלט עמאַנסיפּירן אינדיווידועל און נישט ווי נאַ־ציאָנאַלע גרופּן — און די טענדענץ הערשט איצט נאָך מער צווישן די פעל־קער, וועלכע זענען נאָך נאַציאָנאַליסטישער געוואָרן — דאָס האָט אין צוזאַ־מענהאַנג מיטן הערשנדיקן בורזשואַזן ליבעראַליזם און אינדיווידואַליזם גע־פירט צו יחידישער אַסימילאַציע, און די פאַרבלענדעטע — דורך אַ ליכטיקן פלאַטאָנישן אידעאַל און דער אויסגעהונגערטער גייציקייט וואָס גיכער אַרויס־צוגיין פון דער געטאָ און זיך באַהעפטן מיט די אַלע פּראָגרעסיווע כחות פון דער מענטשהייט — שנאה צו דער יידישער שפּראַך (דער טעות פון די אַלטע משכילים (גרעץ א״א) און פון די נייע נאַציאָנאַליסטן, אַז אַ שיינע, לייטישע שפּראַך מאַכט שענער און געזונטער דאָס לעבן און נישט פאַרקערט) און צו דעם גאַנצן יידישן לעבנס־שטייגער פון יענער צייט, צו אַלע יידישע זיטן; אַ שנאה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַמערקן צווישן אונזערע מאָדערנע עקסטרע־מע נאַציאָנאַליסטן און אַזוי גערופענע „געזונטע יידן״ — אין ארץ־ישראל ביז דעם איצטיקן קריזיס.

די זענען, דוכט מיר, די הויפּט נעגאַטיווע ירושות פון דער השכלה, וועל־כע זענען, ווי מיר האָבן געזען, ווייט נישט פאַרוואָרפן געוואָרן אַפילו פון די פון אונז, וואָס גלויבן, אַז זיי זענען אין גאַנצן אַוועק פון דער השכלה־עפּאָכע.

אָבער די פּאָזיטיווע, שעפערישע ירושות פון דער השכלה זענען, גלויב איך, אָן אַן ערך גרעסער ווי די נעגאַטיווע — דער שכר פון דער השכלה איז פיל גרעסער און איז אפשר אין גאַנצן מתקן דעם הפסד: צום אַלעם ערשטן די „חכמת ישראל״ — דער גלענצנדער, פונדאַמענטאַלער אָנפאַנג פון דער יידישער געשיכטע, — ביבל, — יהדות, — און שפּראַך־פאָרשונג — אָן וועל־כע אונזער היינטיקער נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם וואָלטן נישט מעגלעך גע־ווען (צונץ, שטיינשניידער, קראַכמאַל, ראַפּאַפּאָרט)!

אָט די איז די ערשטע און דירעקטע גרויסע ירושה פון דער השכלה־עפּאָכע, וועלכע האָט קולמינירט, קען מען זאָגן, אין גרעץ'ס ערשטע, פּאָפּולערע און גרויסע יידישע געשיכטע; און פון גרעץ'ן צו דובנאָוו'ן און צו דער גאַנצער רייע מאָדערנע יידישע געשיכטע־פאָרשער. און אומדירעקט האָט די השכלה און די ערשטע משכילים, אָפּט קעגן זייער אייגענעם ווילן און אידעאַל, געהאָלפן אויפבויען אונזערע ביידע מאָדערנע ליטעראַטורן — די העברעאישע און די יידישע — ווי בכלל אונזער גאַנצן מאָדערנעם, וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם.

צו דעם לעצטן האָבן גורם געווען, הויפּטזאַכלעך, צוויי קאַרדינאַלע סאָציאַלע פאַקטאָרן: — וועגן אַ דריטן, ריין טעכנישן, אינערלעכן פאַקטאָר וועלן מיר רעדן שפּעטער — ערשטנס דאָס אויפקומען פונם נאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַלע ווידערגעבורטן אין דער אייראָפּע פונם ניינצנטן יאָרהונדערט (מיר זענען קיינמאָל נישט איזאָלירט פון די אַלגעמיינע סאָציאַלע באַדינגונגען); און דער צווייטער וויכטיקער פאַקטאָר איז וואָס די השכלה־באַוועגונג האָט זיך, ווי מיר ווייסן, אַריבערגעטראָגן צו די גרעסערע פּאָליטיש און עקאָנאָמיש פיל אָפּגעשטאַנענערע יידישע פאָלקס־צענטערן אין מזרח־אייראָפּע — און אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע יידישע מאַסן זענען די השכלה־אידעאַלן און אָנשויאונגען פיל שעפּערישער און פּרוכטבאַרער געוואָרן. אין קאָנטאַקט מיט די גרויסע יידישע מאַסן האָט די השכלה געמוזט — פון אינעווייניקסטע טעמים און נישט נאָר צוליב אויסערלעכע איינפלוסן אַליין — ווערן פאָלקישער, נאַציאָנאַלער און אויטאָ־עמאַנסיפּאַציפישער, אַזוי צו זאָגן; זיי האָבן אויך געמוזט אָנהויבן שרייבן אין דער שפּראַך פון די מאַסן, וועלנדיק אויסמעקנטשלען די יידישע גאַס, כאָטש זיי האָבן אַזוי פיינט געהאַט די דאָזיקע שפּראַך...

די ערשטע דורות משכילים זענען געקומען שעלטן און זיי האָבן אָפּט, אומבאַמערקט פון זיך אַליין, געגומען בענטשן. זיי האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין דער שפּראַך, וואָס זיי האָבן אַזוי אָפּגעשפּאָט, און אַזוי אַרום דעם זשאַרגאָן, נישט ווילנדיק, אַנטוויקלט און פאַרפיינערט...

פון אַבסאָלוטער נעגאַציע און פאַראַכטונג צום רעאַלן פאָלק און זיין שטייגער לעבן, רעדן און דענקען — און דאָס לעבן איז געווען אין אַ סך היבזיכטן פינסטער און פּרימיטיוו — זענען זיי געקומען צו ראַציאָנאַלער זעלבסט־קריטיק; און פון זעלבסט־קריטיק צו זעלבסט־באַוואוסטזיין און זעלבסט־ווירדע. אַזוי, אַז זייערע יורשים־משכילים פונם סוף ניינצנטן און אָנפאַנג פונם איצטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן זיך, ווי פּלוצלינג אויפגעכאַפּט, אַרומגעזען און דערזען, אַז זיי באַלאַנגען צו אַ פאָלק, נישט נאָר מיט איינער נאָר מיט צוויי פּראַכטפולע יונגע ליטעראַטורן; אַ פאָלק מיט גרויסע פאָלקס־

פּאַרטייען און באַוועגונגען, אַרבעטער — און בורזשואַזיע; מיט קאָנגרעסן כּמו־פּאַרלאַמענטן; און אַ לאַנד, דאָס לאַנד, וואָס איינציקע פון די ערשטע משכּילים, די ערשטע „רעפאָרם־יידן״, האָבן געוואָלט אויסמעקן פונם סדור, האָט זיך אָנגעהויבן בויען.

די נייע יידישע ליטעראַטור, ווי די העברעאישע, איז קודם כּל אַ פּראָדוקט פון דער השכּלה־עפּאָכע (און איז נישט השכּלה־אויפקלערונג, בילדונג — דער הייווּן, אַזוי צו זאָגן, פון אַלע נאַרמאַלע און געזונטע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן?). די גרונט־שטייגער פון אונזערע ביידע מאָדערנע ליטעראַטורן האָבן געלייגט אונזערע ערשטע משכּילים אין דייטשלאַנד און מזרח־אייראָפּע — גאַליציע, פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, וואָלין, „די שטיינער, וואָס משכּילישע בויער האָבן פאַרמיאוסט און פּיינט געהאַט, זענען געוואָרן ווינקל־שטיינער״. (איז נישט דער אייגענער פּראָצעס פאָרגעקומען אינם רוב מאָדערנע ליטעראַטורן, ווען די ערשטע „משכּילישע שרייבער״ האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין די פאַרלאָזטע און פאַרמיאוסטע פאָלקס־שפּראַכן?)

אהרן האללע וואָלפזאָן, איינער פון די ערשטע „ביאוריסטן״, דער פריינט פון מענדלסאָן און לאַנג־יאָריקער רעדאַקטאָר פונם היסטאָרישן „המאסף״ (געבוירן אין 1754, געשטאָרבן אין 1835) האָט מיט זיין שוי־שפּיל „לייכטזין און פרעמעליי״, מיט וועלכער ער האָט נאָר געוואָלט ביטער אָפּלאַכן פונם דעמאָלטיקן יידישן לעבן און פון דער מיאוסער שפּראַך, אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליטעראַרישע ווערק אין דער נייער יידישער ליטעראַטור און די ערשטע פּיעסע אין דעם מאָדערנעם יידישן טעאַטער־רעפּערטואַר (ביי אים האָבן מיר נאָר געהאַט „פּורים־שפּיל״).

און דאָס אייגענע האָבן געטון די אַנדערע משכּילישע שרייבער, ווי אייכעל, יצחק בער לעווינזאָן, דער מחבר פון דער „הפקר־וועלט״ דר. שלמה עטינגער, ישראל אַקסענפעלד, גאָטלאָבער, אייזיק מאיר דיק, און די אַנדערע ריין משכּילישע שרייבער, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין זלמן רייזענס אינטערעסאַנטן בוך „פון מענדלסאָן ביז מענדעלע״.

זיי זענען אַלע, ווער מיט מער אָדער ווייניקער נעגאַציע אָדער אינסטינקטיווער ליבשאַפט, געקומען שעלטן און נישט אויסנזייענדיק עס, געשאַפן מער־ווייניקער קינסטלערישע ווערק — די ערשטע, אַזוי גערופענע, „ביז מענדעלע״־תּקופה אין אונזער נייער ליטעראַטור.

אייגנטלעך קען מען נישט זאָגן, אַז די השכלה און אירע ערשטע פּיאָנערן האָבן געשאַפן די מאָדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, פּונקט ווי מ'קען נישט זאָגן, אַז פון דער השכלה איז געבוירן געוואָרן דאָס מאָדערנע נאַציאָנאַל און פאָלקיש יידנטום, דאָס יידישע פאָלק. אַ יש מאין איז בכלל אוממעגלעך, און אַלע נייע „אָריגינעלע" אָנפאַנגען זענען אין דער אמתן פאָרטזעצונגען און אַנטוויקלונגען. פאָלקישע און נאַציאָנאַלע וועלטלעכע עלעמענטן זענען געווען אין אונזער צעשפּרייטונג אַפילו אין מיטלאַלטער ביז די מאָדערנע צייטן — דער נאַציאָנאַלער עבר איז ווייט נישט אויסגעלאָשן געוואָרן אַפילו אין די פינסטערסטע און פּרימיטיווסטע צייטן פון אונזער גלות־געשיכטע: די יידישע רעליגיע איז געווען דער איינציקער אָדער כמעט דער איינציקער בינדנדער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר; און דער יידישער ריטואַליזם, וועלכער האָט זיך אויסגעפאָרמירט פון די ביבלישע צייטן, האָבן געהאָלפן אויפהאַלטן, ווען אַפילו אָפט אין אַ פאַרקריפּלטער פאָרם, די נאַציאָנאַלע זכרונות, וואָס האָבן פון זייערע זייט צוזאַמען מיט די דרויסנדיקע נגישות און פאַרפאָלגונגען געשפּייזט די מיסטיש־משיחיסטישע האָפנונגען און באַוועגונגען אין פאַרשיידענע צייטן.

אויך דאָס נאַציאָנאַלע שאַפן אונזערס איז כמעט קיינמאָל נישט אין גאַנצן אויסגעטריקנט געוואָרן אויך ביז דער השכלה־באַוועגונג. מיר האָבן געהאַט אַ „גאָלדענע רענעסאַנס־תקופה" אין שפּאַניע, וועלכע איז ווי פון דאָס ניי אַנטדעקט געוואָרן דורך דער השכלה; און אַ יידישע מאָנאַסטיש־רבנישע ליטעראַטור.

און אויך די יידישע שפּראַך, און אַ ליטעראַטור אין יידיש — די אַלט־יידישע ליטעראַטור — האָבן מיר געהאַט שיינע עטלעכע הונדערט יאָר, פונם דרייצנטן יאָרהונדערט אומגעפער ביז דער השכלה־עפּאָכע: אַ געשיכטע מיט עליות און ירידות, מיט תקופות פון אַלט, מיטל און ניי־יידיש. מיר האָבן געהאַט אַ יידישע שפּילמאַנישע דיכטונג אין דייטשלאַנד און יידישע טרובאַדורן, וואַנדערנדיקע זינגער, שוין אין פערצנטן יאָרהונדערט, און אויך דעם „אַרטור ראָמאַן" — אַ יידיש־שפּילמאַנישע באַאַרבעטונג פון דער דייטשער מיטלאַלטערלעכער עפּיק — און אַזעלכע זער פּאָפּולערע ווערק ווי דאָס שמואל־בוך, מלכים־בוך, די עקידת־יצחק.

אינם זעכצנטן יאָרהונדערט דערשיינט אַזאַ מערקווירדיקע יידיש־פאָלקסטימלעכע רענעסאַנס־פיגור ווי אליהו בחור און זיינע ווערק — די גרויסע עפּיגאַנישע יידישע שפּילמאַנישע ראָמאַנען „באבא־בוך", „פּאַריז און וויענא".

די באַדייטנסטע אַלט־יידישע נאָוועלע „בריעה וזמרה" געהערט צום זעכצנטן יאָרהונדערט.

אינם זיבצנטן יאָרהונדערט דאָס „מעשה־בוך" („דאָס גרויסע געשעעניש אין דער יידישער דערציילערישער דיכטונג", ווי מאַקס עריק באַ־צייכנט עס) און די „צאינה וראינה" — די ערשטע און וויכטיקסטע שאַפונג פון יידיש אין פוילן, וועלכע האָט באַאיינפלוסט צענדליקער דורות יידישע פרויען — און אייגצייטיק דער מוסר־ספר „לב טוב"; און גליקל האמעלס מעמוארן צווישן זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט. אויסער זייער געוויסער ליטעראַרישער באַדייטונג, האָבן די אַלע אויסגערכנטע און נישט אויסגערעכנ־טע ווערק אַן אומגעהויער גרויסע קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג.

ווי רייך די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז געווען — אין רעליגיעזע און וועלטלעכע לידער, משלים, איבערזעצונגען פון תנ"ך, מוסר און מעדיצינישע ביכער — ביז דער השכלה־עפּאָכע, קען מען זען פון דער באמת רייכער פאָר־שונג־ליטעראַטור פון אַלט־יידיש און איר ליטעראַטור, וואָס איז ביי אונז אויס־געוואַקסן אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר מיט אַזעלכע פאָרשער און היס־טאָריקער פון אַ גרויסן אייראָפּעאיש־אַקאַדעמישן מאסשטאב ווי דר. לאַנדוי, דר. גאסטער, מאַקס עריק, דר. שיפּער, זלמן רייזען, דר. צינבערג, מאַקס ווייג־רייך, דר. שאצקי און צענדליקער אַנדערע פּראָמינענטע געלערטע און פאָר־שער פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם ייוו"א, וועלכער האָט, אגב, אין די לעצטע טראַגישע יאָרן זיין טעטיקייט געמוזט אַריבערטראָגן פון ווילנע קיין ניו־יאָרק, און איז, ווייזט אויס, שוין געצוואונגען צו ווערן צוויי־שפּראַכיק — יידיש און ענגליש.

דער השכלה האָבן מיר צו פאַרדאַנקען נישט די געבורט נאָר די ווידער־געבורט פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, ווי פון אונזער גאַנצן מאָ־דערנעם נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם.

דאָס מאָדערנע יידנטום אין אַלע זיינע אויסערונגען, דערגרייכונגען און... דורכפאַלן איז אַ פּראָדוקט פון דער השכלה; פונקט ווי דער איצטי־קער, צוואַנציקסטער יאָרהונדערט מיט אַלע זיינע אומגעהויערע פּראָבלעמען איז אַ דירעקטער יורש און פועל־יוצא פון די פריערדיקע — אַכצנטן און ניינ־צנטן — יאָרהונדערטן.

ווי איך האָב אין דער ערשטער לעקציע געזאָגט איז די השכלה דער פוס, דער פיעדעסטאַל, פון וועלכן עס זענען אויסגעוואַקסן און זיך אַנטוויקלט אַלע רערן, אַלע צווייגן — לינקע און רעכטע, פאָלקישע און אַסימילאַטאָרישע — פון אונזער היינטיקן פאָלקישן וועזן, פון אַט דער גרויסער נאַציאָנאַלער מנורה, אין וועלכער אייניקע ליכט זענען איצט פאַרטונקלט אָדער אין גאַנצן אויסגע־לאָשן געוואָרן.

עס וועט זיין אַן אינטערעסאַנטע אויפגאַבע פאַר אַ יידישן סאָציאָלאָג און היסטאָריקער, אויסצופאָרשן און אָנצוצייכענען אַט די לעבעדיקע און אויסגע־לאַשענע רערן און צווייגן פון דער השכלה (אגב, איז אַפילו דער חסידיזם באַ־איינפלוסט געווען פון דער השכלה, פונם נייעם צייט־גייסט! דאָס קען מען זען ווען מען פאַרגלייכט אים מיט דעם עסאָטערישן כאַראַקטער פון דעם זוהר און מיטלאַלטערלעכן יידישן מיסטיציזם און דעם פאָלקסטימלעך דעמאָקראַטישן כאַראַקטער פון דעם חסידיזם אין דער השכלה־עפּאָכע; און ר׳ נחמן בראַס־לאַווער איז אַ פיגור פון אונזער פריִען רענעסאַנס ווי, צום ביישפּיל, דזשיאָטאָ אין דעם איטאַליענישן רענעסאַנס) אָבער פאַר אונזער טעמע וועט, לעת־עתה, זיין אפשר גענוג אָנצואווייזן אויף די דריי צי פיר הויפּט־צווייגן און פּראָדוקטן פון דער השכלה: די גרויס־בורזשואזע אַסימילאַטאָרישע השכלה — הויפּט־זאַכלעך אין דייטשלאַנד און מערב־אייראָפּע, וועלכע האָט געגעבן אַ שיין, אַ לייכט־אויף אין איראָפּע מיט אַזעלכע גלענצנדע נעמען ווי היינע, ד׳איזראַעלי, ראַשעל, סאַרא בערנאַר, מייערבעער, מענדלסאָן־באַרטאָלדי און אַ פּאָר אַנדע־רע באַרימטע נעמען אינם נייַנצנטן יאָרהונדערט; און וועלכע האָט זיך אָבער אויסגעלאָשן אין אַ האַלב־אַסימילירטער מענגע פּרעמד־שפּראַכיקע יידישע שרייבער און דיכטער און אין אַ פּרוכטלאָזער אַפּאָלאָגעטישער ליטעראַטור; און אין אַ האַלב־גוסס׳דיקן רעפאָרם־יידנטום.

אַט דאָס איז דער אַזוי־גערופענער אַסימילאַטאָרישער צווייג פון דער השכלה, הויפּטזאַכלעך אין דייטשלאַנד און מערב־אייראָפּע, וואו די אויפגעקו־מענע גרויסע יידישע בורזשואזיע האָט זיך פיל גרינגער ווי די אַנדערע שיכטן עמאַנסיפּירט און אַסימילירט.

אָבער פיל פּרוכטבאַרער איז געוואָרן די השכלה ווען זי האָט זיך אַרי־בערגעטראָגן אין מזרח־אייראָפּע און איז געקומען אין קאָנטאַקט מיט די גרוי־סע יידישע מאַסן. דאָרט אין גאַליציע, פּוילן, רוסלאַנד, ליטע און וואָליך האָט די השכלה געפונען און אַנטדעקט נישט נאָר יידישע געשיכטע, נאָר אויך יידי־שע קעגנוואַרט, אַ באַדן־פאָלק.

אָבער אויך די השכלה אין די מזרח־איראָפּעאישע יידישע צענטערן האָט זיך פאַרצווייגט, אַ גרויסע טייל פון די משכילים האָבן אָנגעהויבן זייער אויפ־קלערונג־אַרבעט אין דער איינציקער שפּראַך, וואָס די יידישע מאַסן האָבן פאַרשטאַנען, ווי משכיליש־פיינט זיי האָבן די שפּראַך נישט געהאַט; אפשר אויך ווייל זיי זענען געשטאַנען נענטער און באַלאַנגט צו די „זשאַרגאָן“ מאַסן.

אַן אַנדער טייל פון די מזרח־איראָפּעאישע משכילים — די באַלעבאַטי־שערע און פּראָפעסיאָנעלערע און אַקאַדעמישערע — האָט גענומען קולטיווירן און אויפלעבן די ביבל־שפּראַך, הויפּטזאַכלעך דאַכט זיך, ווייל די שפּראַך האָט

זיי דערמאָנט אָן די אַלטע צייטן, ווען דאָס פאָלק איז געווען נאָרמאַל און געזונט; געווען אַ באָדן־פאָלק א.אז.וו.

אַזוי אַרום האָבן סײַ די העברעאישע און סײַ די יידישע משכילים געמאַכט די התחלות פון אונזערע בײדע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, הגם אי די ערשטע העברעאישע און יידישע משכילים־שרייבער האָבן אפילו נישט געחלומט, אַז פון זייערע שריפטן וועלן אויסוואַקסן ליטעראַטורן, (ווייל ביידע האָבן זיי געקוקט נישט אָן האָפנונג און קנאה צו דער „לאַנדעס שפּראַכע" — רוסיש, דייטש א.אַז.וו.).

עס בעט זיך ממש אָנצודייטן די קלאַסן־דיפערענצירונג און דעם קלאַסן־כאַראַקטער, וואָס דאָס יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען און אַרויסווייזן אין דער צווייטער העלפט פונם ביינצנטן יאָרהונדערט, הגם ס'איז לייכט אויף דעם וועג צו ווערן צו דאָקטרינער און טעאָרעטיש; אָבער ס'איז דאָך נישט ווייט פונם אמת צו זאָגן, אַז די יידישע שפּראַך און שרייבער אין יידיש זענען בכלל געווען פיל דעמאָקראַטישער און נענטער צום יידישן בעל־מלאכה און צו דעם אויפקומענדיקן יידישן אַרבעטער־קלאַס, ווי די דעמאָלטיקע העברעאישע שפּראַך, וועלכע האָט ס'רוב אַפּעלירט צום שיינעם יידן, דאָס משכיל, דעם קורא־נכבד, וואָס פירט גרויסע געשעפטן און האָט „פּראַוואַזשיטעלסטווא".

אָבער ווי מען זאָל זיך נישט היטן פון אַ צו שטרענגער קלאַסן־אויסטייטשונג — ווייל אויך די ערשטע העברעאישע משכילים זענען נישט אַלע געווען ווייט פון די דאַן אויפקומענדיקע סאָציאַליסטישע אידייען — ליבערמאַן, איינער פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, האָט געשריבן העברעאיש; ווינטשעווסקי און ליעסין אויך, דאַכט זיך, זענען גאָרנישט געווען ווייט פון העברעאיש; און אין דער העברעאישער שפּראַך האָבן מיר איצט אַ סאָציאַליסטישע פּרעסע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. און מיר האָבן אין יידיש אַן אויסגעשפּראָכענע „בורזשואַזע" פּרעסע און ליטעראַטור — אָבער דאָך מוז יעדער אָנערקענען די אידעאָלאָגישע קלאַסן־צעצווייגטקייט פון דער השכלה ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט און דריקט זיך עד־היום אויס אין אונזערע ביידע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן.

יידיש איז די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פונם „בונד"; יידיש איז די שפּראַך פונם איצטיקן קאָמוניסטישן רוסישן יידנטום; און אַפילו די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען אין ארץ־ישראל זענען נישט קיין „געפערלעכע" אַנטי־יידישיסטן, ווי אייניקע פון די פּאַרשטייער פון דער הסתדרות וואָלטן עס אפשר געוואָלט זיין.

און העברעאיש איז געוואָרן די שפּראַך פון דעם יידישן מיטלקלאַס און פון דעם יידישן אינטעליגענט, וועלכער באַמערקט אָפּט אַליין נישט, אַז זיין ליבע צו העברעאיש איז אויך מער „משנאת גלות־וזשרגאָן״ — די שפּראַך פון חיבת ציון און פּאָליטישער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק. צי העברעאיש ווערט איצט אַ פאָלקס־שפּראַך אין ארץ־ישראל הענגט אַזויפיל אָפּ פון דער פראַגע, צי ארץ ישראל קען און וועט ווערן אַ יידיש לאַנד פאַרן יידישן פאָלק, אָדער ריכטיקער פאַרן פאָלקישן טייל פונם גלות־יידנטום.

אָבער כאָטש יידיש און העברעאיש זענען באַזונדערע צווייגן פון דער השכלה — ווי עס זענען דער דעמאָקראַטישער פּאָלקיזם, דער יידישער סאָציאַליזם, פון איין זייט; און דער באַלעבאַטישער ציוניזם, פון דער אַנדערער — זענען די פאַרשידנהייטן זייערע נישט אַזוי גרויס ווי מען קען אפשר אויסמאַכן. דער צד־השווה צווישן זיי איז גרעסער ווי זייער אַנטאַגאַניזם. אונזערע ביידע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, ווי איך האָב עס געפּרואווט אָנווייזן, זענען פון די שעפערישסטע און פּאָזיטיווסטע אויסערונגען פון אונזער מאָדערנער נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט.

ביידע שטייען זיי שפּראַכלעך אויפן באָדן־פאָלק, אויפקומענדיק פונם גערייפטן שטרעבן פון די יידישע מאַסן און זייער אינטעליגענץ צו ווערן אַ פּאָלק צו פעלקער גלייך, און ביידע געפינען זיי זיך אין איין לאַגער קעגן דעם שטראָם פון דער אַסימילאַציע מיט איר פרעמד־שפּראַכיקער אַפּאָלאָגעטיק און מיסיאָניזם. (אַסימילאַציע און מיסיאָניסטישע אידייען און טענדענצן ווערן אין יידיש צי העברעאיש אויך פּאָלקיש־נאַציאָנאַל).

אונזערע ביידע ליטעראַטורן האָבן געהאָלפן שאַפן דאָס היינטיקע יידיש פּאָלק, און באַוואוסטזיניקט און אומבאַוואוסט דערויף, אָפּגעשפּיגלט אַלע זיינע קלאַסן, דיפערענצירונגען, אידעאַלן און האָפנונגען.

אונזערע ערשטע משכילים, פון אַלע לאַגערן און שפּראַכן, האָבן אָנגעהויבן מיט שעלטן און געענדיקט מיט בענטשן.

דריי קאַרדינאַלע פאַקטאָרן האָבן, ווי געזאָגט, גורם געווען די פאַרוואַנדלונג פון דער קללה אין אַ ברכה, דעם איבערגאַנג פון נעגאַציע צו קאָנסטרוקטיוויזם, פון צעשטערונג צו בויאונג.

דער ערשטער פאַקטאָר — דער אויפקום פון נאַציאָנאַליזם בכלל אין אייראָפּע אין דער צווייטער העלפט פונם ניינצנטן יאָרהונדערט, וועלכער האָט מער ווי די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן, די דרייפוס־אַפערע און דער

וואַקסנדיקער בורזשואַזער אַנטיסעמיטיזם, געטריבן די משכילישע יידישע אינטעליגענץ פון דער אינדיווידואַליסטישער עמאַנסיפּאַציע צו נאַציאָנאַלער און פאָלקישער עמאַנסיפּאַציע.

דער צווייטער פאַקטאָר — דער לעבעדיקער קאָנטאַקט פון דער השכלה און אירע וואָרט־זאָגער מיט די גרויסע יידישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע.

ווי באַפרוכפּערנדיק און קאָנסטרוקטיוו־באַדנאַרטיק דער קאָנטאַקט מיט פאָלקס־מאַסן און שיכטן איז, קען מען זען, ווען מען פאַרגלייכט דאָס אַנעמיש־נאַציאָנאַלע און אַפּאָלאָגעטישע שאַפן פון די יידן אין די פרעמדע שפּראַכן מיט דעם געזונטן, קערנדיקן שאַפן פון אונזערע יידישע און העברעאישע שרייבער; ווען מען פאַרגלייכט די „קולטור־פּאַלירטע" צוויגס, וואַסערמאַנס, נאַדסאָנס, יושקעוויטשעס מיט אונזערע מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, ביאַליק, טשערני־כאָווסקי, ווייסנבערג, בערגלסאָן, אליעזר שטיינבאַרג א״א.

(מיר רעדן איצט פון קונסט און ליטעראַטור, וועלכע זענען אָן אַן ערך נאַציאָנאַל־באַדנדיקער ווי וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע, און אַזעלכע גרויסע פּי־גורן ווי מאַרקס, בערגסאָן, פרויד און איינשטיין שטייען נישט, אַזוי צו זאָגן, אין די שפּראַך־לאַגערן און האָבן כמעט גאָרנישט צו טון מיט די פראַגן פון פאָלקיזם און אַסימילאַציע).

און דער דריטער פאַקטאָר איז — עס איז באמת אוממעגלעך צו זאָגן וועלכער פון די דריי פאַקטאָרן איז מער אָדער ווייניקער וויכטיק — דער ריין־טעכנישער עוואָלוציע־פּראָצעס, וואָס יעדע ליטעראַטור, יעדע קונסט, יעדער פאַך מוז, נאַטירלעך, דורכמאַכן ביז ער ווערט צו ריין, צו רייף, צו שיין און ממילא פאַלש און מיאוס — ביז ער דערגרייכט די שטופע פון דעקאַדאַנס, ירידה.

אויף דעם לעצטן, דריטן פאַקטאָר, וויל איך זיך איצט אַביסל לענגער אָפּשטעלן. ערשטנס, ווייל ער איז ביי אונז, ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, זער ווייניק באַהאַנדלט געוואָרן; און צווייטנס, ווייל ביי אונז ווערט אָפט אַ טעכני־שער פּראָגרעס, אַ ריין פּראָפעסיאָנעלע עוואָלוציע באַטראַכט ווי אַ נייע אי־דעאָלאָגישע אָריענטאַציע. צום ביישפּיל, ביי אייניקע פון אונזערע ליטעראַטור־קריטיקער און היסטאָריקער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַ נייע קאָנווענציע, אַז אַ משכילישער שרייבער איז נאָר דער, וואָס קאָן נאָך נישט גוט שרייבן, און אַז אַ גרויסער דיכטער אָדער וואָרט־קינסטלער קען שוין דעריבער נישט באַ־צייכנט ווערן אַלס משכיל, ווייל ער איז אַ גרויסער קינסטלער. השכלה אַסאָ־ציאירט זיך ביי זיי אָפט מיט קינסטלערישער אומבאַהאָלפנקייט און מיט טענדענץ הויפּטזאַכלעך.

ס׳איז אפשר אמת, אַז סאַטירע איז די אויסדערווײלטע ליטעראַטור־פאָרם

פון דער השכלה ביי יידן און אין דער וועלט-ליטעראַטור בכלל. אָבער ווי קען מען מיינען (און אייניקע מיינען עס אפּנים), אַז סאַטירע איז אַ נידעריקערע ליטעראַרישע פאָרם ווי, צום ביישפּיל, עפּיק, ליריק א.אַז.וו.; און אַז די גרויסע משכּילים-סאַטיריקער זענען „קלענער" אָדער פּרימיטיווער ווי די דיכטער פון גרויסע עפּיקס. דאָס איז, גלויב איך, פאַלש. צווישן די גרעסטע שריפטשטעלער אין דער וועלט-ליטעראַטור זענען געווען סאַטיריקער און צווישן אירע גרעסטע אוצרות זענען דאָ סאַטירעס. סאַטירישן פּאַמפלעטיזם געפינט מען ביי די נביאים. אריסטאָפאַנעס איז געווען אַ סאַטיריקער.

סערוואַנטעס, איינער פון די צוויי-דריי גרעסטע פיגורן אין דער וועלט-ליטעראַטור, איז אַ סאַטיריקער און זיין „דאָן קיכאָט" איז נישט נאָר די גרעסטע סאַטירע אין דער וועלט ליטעראַטור, נאָר אויך פון די פּאָר פּאָעטישע ווערק, מיט וועלכע די מענטשהייט וועט אייביק שטאָלצירן.

סוויפט איז געווען אַ „משכּיל" און זיין „גאַליווערס טרעוולס" איז אַ וועלט-קלאַסיק. און גאָגאָלס סאַטירישע מייסטער-ווערק „דער רעוויזאָר" און „טויטע נפשות", וועלכע האָבן, ווי „דאָן קיכאָט", געהאַט אַ השפּעה אויף אונזער גרויסן משכּיל-סאַטיריקער, מענדעלע, זענען אויך קינסטלעריש אַ סך ווערטפולער ווי אַ סך נאַציאָנאַלע עפּיקס.

אַנאַטאָל פראַנס, פון די מאָדערנע שרייבער, איז אַ טיפּישער „משכּיל"-סאַטיריקער און צי ער איז ערשט-ראַנגיק צי נישט, נאָר אַ סך פון אַזוי גערופענע ריינע, פּאָזיטיווע אָדער נאַציאָנאַלע פּאָעטן קענען אפשר נישט בעסער שרייבן פון אים.

און בערנאַרד שאו איז אַ סאַטיריקער.

ס'איז איצט נישט מיין אויפגאַבע צו רעדן וועגן סאַטירע בכלל, און וועלכע ליטעראַטור-פאָרם איז העכער אָדער נידריקער. עס ווענדט זיך אין דער זשעניאַליטעט פונם שרייבער. אָבער מען קען דרך אגב באַמערקן, אַז די צוקונפט און קעגנוואַרט פונם מענטשלעכן מין וואָלט נאָך פיל האָפנונגסלאָזער געווען, ווען נישט די גרויסע „אָפּשפּעטער", קריטיקער און אָפּלאַכער — די משכּילים און אויסקלערער פון אַלע צייטן און ליטעראַטורן.

וואָס פאַר אַ טוכלע, מוטנע, שמן-זית'דיקע קאַליוזשעס וואָלטן אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן געווען, ווען זיי באַשטייען נאָר פון די נאַציאָנאַלע זיך באַזינגענדיקע עפּיקס? ווי סטאַטיש, סטאַגנירט און טויט-מוזעאומאַרטיק וואָלטן געוואָרן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, ווען נישט דער אומרו-גייסט פון סאַטירע, פון קריטיק און זעלבסט-קריטיק, וועלכער פאַרשוועכט און צעשטערט, ביז עס ווערן אויפגעשטעלט נייע טעמפּלען און די גרויסע צעשטערער און קריטיקער ווערן די נייע קלאַסיקער און „הייליקע".

נעגירן השכלה־אויפקלערונג, בילדונג — איז פונקט ווי מען זאָל זאָגן, מיר דאַרפן נישט לערנען געשיכטע; געשיכטע טויג נישט, ווייל די געשיכטע, וואָס מען האָט אונז געלערנט איז געווען פאַלש.

דער פּראָצעס פון „לא לשמה צו לשמה", ד"ה אויך וויאַזוי מיטלען ווערן ווערטן און צילן פאַר זיך אַליין, איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע אין דעם מענטשלעכן שאַפן — טעכניש, פּסיכאָלאָגיש און אידעאיש.

יעדער פאַכמאַן, יעדער בעל־מלאכה, קריגט ליב זיינע געווערק־צייג, אויב ער איז, פאַרשטייט זיך, אַ גוטער בעל־מלאכה און נישט קיין פּאַרטאַטש; און וואָס אַ בעסערער בעל־מלאכה ער איז, אַלץ מער האָט ער ליב און צאַצקעט זיך מיט זיין געווערק־צייג: צי ס'איז אַ הובעל, אַ האַמער, אַ צוואַנג אָדער אַן אַנדער כלי־מכשיר. אין דעם ווייזט זיך אַרויס דער עלעמענטאַר־נאַטירלע־כער אינסטינקט און דראַנג צו שאַפן, וואָס איז דאָ אינם מענטשן.

אָט דער פּסיכאָלאָגישער פּראָצעס אָדער אינסטינקט איז אודאי נאָך מער גילטיק און קענטיק בנוגע די מער ספּעציאַליזירטע, שעפערישע און קינסט־לערישע פאַכן. וואָס פאַר אַ גוטער מאָלער איז עס נישט פאַרליבט אין אַ גו־טער פאַרב, אין אַ גוט שטיקל לייוונט; וואָס פאַר אַ סקולפּטאָר ווערט נישט אַנטציקט, ווען ער דערזעט אַ פּראַכטפול שטיק ווייסן מאַרמאָר? און וואָס פאַר אַ שרייבער, וואָס האָט דערוועגט דעם נאָמען, פאַרליבט זיך נישט אין דער שפּראַך, אין די ווערטער — זיין ליים, זיינע פאַרבן, זיינע טענער, זיין גאַנצן קלאַפּער־געצייג — אין וועלכע ער האָט לכתחילה גענומען שרייבן נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן, אַריינזאָגן, אָדער דערציילן.

דאָס איז דער ערשטער, עלעמענטאַרער, מאָטיוו וויאַזוי ס'איז געקומען פונם „לא־לשמה" צום „לשמה" אין אונזער שפּראַך און ליטעראַטור (און דעם אייגענעם פּראָצעס, ווי געזאָגט, האָט דורכגעמאַכט יעדע ליטעראַטור און יע־דער שעפערישער געביט); און שוין אָט דער עלעמענטאַרער מאָטיוו אַליין האָט פאַרוואַנדלט די קללה אין אַ ברכה, און נישט דווקא די אָפּגעשוואַכטע אָדער געענדערטע טענדענץ פון דעם משכילישן שרייבער...

דער ערשטער דור יידישע משכילים, באַזונדערס אין מזרח־אייראָפּע, האָט אָנגעהויבן שרייבן אויך און נאָר אין דער יידישער שפּראַך, ווייל די יידי־שע מאַסן, וואָס זיי האָבן געוואָלט אויסבילדן און אויסמענטשלען, האָבן קיין אַנדער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען. אָבער צווישן זיי זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, גוטע שעפערישע בעלי־מלאכות, און זיי האָבן ביסלעכווייז, אָפּטמאָל אומבאַ־

מערקט פון זיך אַליין און יעדער לויט זיין אינדיווידועלער גרעסערער אָדער קלענערער „פּאַכמענישקייט“, אָדער רופט עס טאַלאַנט, זיך פאַרליבט אין דער „מיאוסער שפּראַך“ און זיך גענומען פּוצן און שייערן, דעם „זשאַרגאָן“ — די שפּראַך, צו וועלכער זיי האָבן זיך לכתחילה אַראָפּגעלאָזט, ווייל זיי האָבן גע־וואָלט נוצלעך זיין. ביז ס'איז געקומען צו מענדעלען, דעם גרויסן מייסטער פון אונזער פאָלקסשפּראַך, וועלכער האָט מער ווי זיינע פאַרגענגער משכּילים און אפשר אויך מער ווי אַ סך פון זיינע ליטעראַרישע „זין און אייניקלעך“, געמייסטערוועט אויף דער יידישער פאָלקסשפּראַך, כאָטש ער איז געווען און געבליבן דער גרעסטער משכּיל — און אודאי דער גרעסטער סאַטיריקער — אין דער יידישער ליטעראַטור.

מענדעלע, דער גרויסער משכּיל און אויפקלערער, איז אָבער געווען אַ נאָך אַ גרעסערער פּאַכמאַן און קינסטלער, און ער האָט דערפאַר אַזויפיל גע־אַרבעט אויף דער שפּראַך, אויף די ווערטער, ביז ער האָט געשאַפן דעם באַ־רימטן מענדעלע־נוסח; ביז ער האָט פאַרוואַנדלט, מער ווי עמיץ אַנדערש אפשר, יידיש אין אַ ליטעראַרישער שפּראַך — דאָס מיטל אין אַ גרויסער ווערט פאַר זיך.

אין דעם פּרט איז פון אומגעהויערן אינטערעס די זער כאַראַקטעריסטי־שע קריטיק פון יעקב דינעזאָן איבער מענדעלען, וואָס ער האָט געשריבן אין ספּעקטאַרס „הויז פריינד“ (אין יאָר 1888): יעקב דינעזאָן, דער סענטימענ־טאַלער משכּיל און מחבּר פונם „שוואַרצן יונגנמאַנטשיק“, איז געווען אַביסל יונגער פון מענדעלען און זיינער אַ גרויסער פאַרערער, ווי אַלע יידישע און העברעאישע שרייבער פון יענער צייט. און אָט וואָס דינעזאָן שרייבט וועגן מענדעלען; אָט איז זיין קריטיק:

„ווען איך לעזע“, שרייבט דינעזאָן אין ספּעקטאַרס „הויז פריינד“ „זיינע (מענדעלעס) לעצטע יודיש־דייטשע ווערקע, ווי למשל מסעות בנימין השלישי, באַקאָם איך איין געפיהל ווי דער מחבר שפּיעלט זיך און מאַכט קונסט־גע־ברעכע, און שפּאָט און לאַכט, און טאַנצט אויף אַ שטריק פיר זיינע חברים און מחברים זעלבסט, און בעקימערט זיך וועהניג אום דעם פּאָלק, וואָס נוצען צו ברייגען... זעלבסט אין דער שפּראַכע און אויסדריקע פון דעם יודיש־לשון, ווייס איך ניט ווי זיך צו ערקלערן די אַרט און וויזע ווי ער געברויכט איהם. איך גלויב ניט ער זאָל אַזוי פעדאַנטיש זיין און האַלטען דעם לשון אַלס איין געשעטלטע שפּראַכע, וואָס יעדער וואָרט האָט איר שורש און מקור אין דער שפּראַכע זעלבסט, און ער איז פיר די שרשים און מקורים אַזויפיעל איינ־

גענומען, אַז אַלץ, וואָס ער געפינט ניט אין זיי, איז ניט הייליג און ניט גוט צו געברויכען, און שרייבט דאַריבער ריין יודיש, ווי מאַנכער העברעער אַ פעדאנט שרייבט און וויל, אַז אַנדערע זאָלען אויך שרייבען נור ריין ביבליש, אָדער ער איז לכתחילה דעם זשאַרגאָן אַ פיינד און ער וויל אים אונטערגראָבען בכדי אַרויסצושטעלען זיין פראַסטקייט און פאַרדאַרבענהייט, ער זאָל זיך שעמען פאַר לייטען״.

מיר דאַכט זיך, אַז די קריטיק דינעזאנס איבער מענדעלען איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע, זיך און צייט אַנטפּלעקענדיקע, אין אונזער ליטעראַטור.

אין דער זעלבער קריטיק שרייבט דינעזאָן, אַז ער איז אַ גרויסער פאַר־ערער פון מענדעלען; אַז ער האַלט אים פאַר דעם גרעסטן טאַלאַנט, פאַר דעם לייב אין דער חברה. און דאָך פאַרשטייט ער נישט „די קונסט־געברעכע״, וואָס ער מאַכט איבער דעם „יודישען לשון, איבער דעם יודיש־דייטש״. און יעקב דינעזאָן איז איינער פון די פאָלקסטימלעכסטע משכילים אונזערע, וועל־כער איז דערנאָך געוואָרן אַ גרויסער פריינט און פאַרערער פון פרץ׳ן און אַן אמת־פאַרליבטער אין יידיש. אָבער דינעזאָן איז כאַראַקטעריסטיש אויפריכטיק אין זיין קריטיק איבער מענדעלען.

עפּעס ווי אַ פשוטער, געוועגלעכער בעל־מלאכה וואָלט געשטאַנען און געקוקט ווי אַ גאָר פיינער בעל־מלאכה, אַ קינסטלער, שטייט און צאַצקעט זיך מיט זיין שטיקל אַרבעט, און דעם אָרימען בעל־מלאכה גייט עס אַזש איבער דער גאַל, עפּעס קומט אים אויס ווי דער גרויסער פאַכמאַן איז אַ לועג לרש, מאַכט חוזק פון זיין שטיקל אַרבעט און פון דעם אָרימען „קאַסטימער״, וועמען דאָס שטיקל אַרבעט דאַרף דינען און נוצן.

יעקב דינעזאָן, דער תמימות׳דיקער, סענטימענטאַלער משכיל, האָט קיין געדולד נישט מיט די „קונסט־געברעכע״, מיט מענדעלעס זוכן שרשים און מקורים אין יידיש, גלייך ווי ס׳וואָלט געוועזן אַ מין העברעאיש, אַן „איינגע־שטעלטע שפּראַכע״. ווילסט ברענגען נוצן דעם פאָלק, טאָ טאַנץ נישט אויף אַ שטריק פאַר דיינע חברים מחברים.

אין דער טענה דינעזאנס זעט מען די באַציאונג פון דעם געוועגלעכן בעל־מלאכה צו דעם גרויסן פאַכמאַן, וועלכער מוז האָבן די פיינסטע געצייג; וועל־כער פאַרליבט זיך אין זיין געצייג, אין זיינע כלים. (כאָטש מען מוז צוגעבן, אַז אַביסל גערעכט אויך קינסטלעריש איז דינעזאן געוועזן. מענדעלע האָט זיך שוין צופיל אפשר געצאַצקעט און סטיליזירט, צו פיליגרינט די שפּראַך; דאָס

שרייבן איז ביי אים געווען אַ מלאכת משזר) אָבער די גרעסערע יידישע שריי־בער פון דינעזאָן, די פיינערע קינסטלער פון מענדעלעס צייט און די, וואָס זענען געקומען נאָך מענדעלען, האָבן באַוואונדערט און באַוואונדערן נאָך עד־היום מענדעלען פאַר זיינע „קונסט־געברעכע״.

אויך אַנדערע משכילישע שרייבער, ווי יוסף פּערל און יצחק בער לעווינ־זאָן, האָבן ביז מענדעלען און איינצייטיק מיט אים, ווי עכטע קינסטלער־פּאַכ־לייט, געאַרבעט אויף דער שפּראַך, אויף זייער געווערק־צייג ; און, ווי ניגער וויזט ריכטיק אָן, „צוגעגרייט דעם מענדעלע־נוסח״ און נישט ווילנדיק גע־האָלפן, אַז פונם לא לשמה זאָל ווערן דער גרויסער לשמה. אָבער מענדעלע איז, רעטראָספּעקטיוו געזען, נאָך אַלץ דער גרעסטער פּאַכמאַן אין אונזער ליטעראַטור און ער ווערט נאָך אַלץ פאַררעכנט אַלס דער זיידע און שאַפער פון דעם מאָדערנעם יידיש און דעם מאָדערנעם העברעאיש.

אַזוי זען מיר ווי ריין פּאַכמעניש און נישט בלויז צוליב נאַציאָנאַלע און אידעאָלאָגישע טעמים, וועלכע האָבן זיכער צוגעהאָלפן, איז יידיש געוואָרן אַ ליטעראַרישע שפּראַך ; ווי די נייע משכילים פון מענדעלען, שלום־עליכם און פּרץ׳ן ביז אַש, וויסנבערג, בערגלסאָן, שאַפּירא, אפּאַטאָשו און צענדליקער אַנדערע האָבן שוין געקענט אָפּערירן מיט פיינע, געשליפענע מיטלען, געווערק־צייג ; און מיט פיינערע כלים קען מען שוין פיינער קינסטלערישער, רעאַליסטי־שער, ניואַנסירטער, דעטאַליזירטער צייכנען און באַשרייבן דאָס יידישע לעבן, דעם יידישן טיפּ.

מיט פיינערע פאַרבן, אויף אַ בעסערן לייוונט, מיט אַ פיין פאַרשפּיצטן בליישטיפט צייכנט זיך און מאָלט זיך בעסער — און דער זעלביקער מאָטיוו, די זעלביקע טענדענץ, דער אייגענער געצייכנטער טיפּ אָדער פּאָרטרעט, ווערט נישט נאָר ווירקזאַמער און טרעפלעכער צוליב זיין גרעסערער קינסטלעריש־קייט, נאָר אויך אַ ווערט פאַר זיך ; דער זעלביקער מאָטיוו מיט דער זעלבי־קער טענדענץ — אין דעם פאַל דער משכילישער — קריגט אַן אינערלעכע ליכט, אַזוי צו זאָגן, און אַ זעלבסטשטענדיקע עקזיסטענץ — דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן אַ קונסט־ווערק.

גוט געמאַלטע אָרימקייט אָדער גראָבקייט און אומוויסנקייט ווערן קונסט־ווערק, פּאָזיטיווע ווערטן און בייטראַגן, אַזוי אַז אויבערפלעכלעכע צוקוקער קענען מיינען, אַז דער קינסטלער האָט געביטן זיינע אַנשויאונגען אָדער, ווי אונזער דינעזאָן האָט עס אַזוי כאַראַקטעריסטיש אויסגעדריקט, אַז ער מאַכט „קונסט־געברעכע״ און מאַכט חוזק פון דעם מאָטיוו.

ס׳איז שוין איצט אַן אַלטער כלל : אַ גוט געמאַלטע מיאוסע פּרוי איז שענער ווי אַ שלעכט געמאַלטע שיינע פּרוי ; און עס הערשט נאָך ביי מאַנכע

פון אונז די מיינונג, אַז השכלה און אויפקלערונג־ליטעראַטור — רעכטע און לינקע — קען נישט זיין קיין גרויסע און עכטע קונסט.

און נאָך אַ וויכטיקער מאָטיוו אין דעם טעכנישן, ווי איך האָב עס אָנגערופן, פּראָצעס פון לא לשמה צו לשמה — ווי מיטל ווערט אַ ווערט: מיט פיינערע פאַרבן און כלים, מיט אַ פיינערער, אויסגעשליפענער שפּראַך, מיט וועלכער עס איז לייכטער איבערצוגעבן די ניואַנסן און האַלבע טענער, און מיט אַ פיינער, מער געשולטער אויג, קען מען שוין טיפער און פילזייטיקער זען און מאָלן דאָס לעבן; דער פיינערער און גרעסערער קינסטלער מיט דער אַנטוויקלטער שפּראַך איז שוין מער נישט אַ שוואַרץ און ווייס קינסטלער, ווייל אין נאַטור און לעבן איז נישטאָ בלויז שוואַרץ אָדער בלויז ווייס: די ערשטע משכּילישע שרייבער אונזערע ביז מענדעלען, לאָמיר זאָגן, האָבן געזען בלויז שוואַרץ און ווייס אין דער יידישערווירקלעכקייט פון זייער צייט; בלויז דעם שוואַרצן שאָטן פון אומוויסנהייט און נאָר די „געטלעכע ליכט" פון דער „הימלישער טאָכטער" השכלה. אָבער בהדרגה און נאָרמאַל ריין טעכניש, קען מען זאָגן, האָבן זיי אָנגעהויבן שלייפן און קולטיווירן דעם „זשאַרגאָן" — און זייערע אויגן זענען קינסטלעריש שאַרפער און זעעוודיקער געוואָרן — און זיי האָבן, נישט נאָר צוליב דעם, ווייל זייער השכלה איז געוואָרן נאַציאָנאַלער, נאָר צוליב ריין טעכניש־קינסטלערישע טעמים, אָנגעהויבן אנערקענען, אַז בלויז שאָטן און בלויז ליכט איז נישטאָ אין לעבן; אַז שאָטנס האָבן אויך פאַרשידענע גראַדאַציעס און טענער; און אַז אין שוואַרץ איז אויך דאָ ליכט און טיפקייט (יעדער אמתער מאָלער וועט אייך זאָגן, אַז שאָטן איז שווערער צו מאָלן ווי' העלע ליכטיקע פלעקן). און אַזוי אַרום איז אונזער ליטעראַטור, פון נאָך מענדעלען אָן, געוואָרן צוליב ריין טעכנישע טעמים און געשולטקייט — רעאַליסטישער און קינסטלערישער. (און אַ סך באַצייכענען דאָס אַלס נאַציאָנאַלער).

די ערשטע משכּילים האָבן געזען בלויז שוואַרץ און ווייס, אָרים און רייך, אין דעם יידישן לעבן; זיי זענען, ס'רוב, געווען שוואַרץ־ווייס שרייבער. דער צווייטער און די ווייטערדיקע דורות משכּילים, פון אַלע לאַגערן און שאַטירונגען, האָבן שוין דאָס יידישע לעבן אָנגעהויבן זען און שילדערן פילזייטיקער און פילפאַרביקער. זיי האָבן שוין געקענט זען די פּאָזיטיווע און ליכטיקערע מאָטיוון אין דעם יידישן לעבן אַרום זיי, וואָס איז נאָך ווייט נישט געוואָרן נאָרמאַל און געזונט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט עס זען. צוליב ריין קינסטלערישע

טעמים האָבן זיי אַנגעהויבן זען פּאָזיטיווער און גאַנצער, פולער דאָס לעבן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, פון דעם יידישן מענטש. זיי האָבן גענומען איבערשאַצן אַ סך דעם חסידיזם, פון וועלכן זייערע פאָרגענגער, די ערשטע משכילים, האָבן אַזוי ביטער אָפּגעלאַכט, נישט אַזוי ווייל זיי זענען געוואָרן רעליגיעז־מיסטישער און טראַדיציאָנעלער — ווי מען וויל עס היינט אויסטייטשן — נאָר ווייל זיי האָבן אָנגעהויבן פיינער, קינסטלערישער און רעאַליסטישער עס צו זען...

שלום־עליכם׳ס מנחם־מענדל און טביה דער מילכיקער זענען די אייגענע לופט־מענטשן, פון וועלכע די ערשטע משכילים האָבן אַזוי ביטער אָפּגעלאַכט. אָבער שלום־עליכם, געשולט אויך פון מענדעלען, האָט זיי פיינער געשילדערט און ער האָט דערזען זייער לעבנס־זאַפטיקייט און געוויזן זייער לעבנס־פעאיקייט און לוסטיקייט.

פּרץ דער משכיל (געדענקט זיין פּראָגראַם־אַרטיקל „בילדונג״, פון וועלכן ער האָט נישט אָפּגעטראָטן אפילו אין די שפּעטערע יאָרן) האָט מיט זיין שאַרף, אינטעלעקטואַל־קינסטלעריש אויג דער ערשטער, אפשר, דערזען דעם דעמאָקראַטיש־פאָלקסטימלעכן מאָמענט אינם חסידיזם — זיין בעסטע דערציילונג איז, דאַכט זיך, נאָך אַלץ „אויב נישט נאָך העכער״.

אַזוי זען מיר ווי צוליב ריין טעכנישע טעמים זענען די קינסטלער־משכילים געקומען פון לא לשמה צו לשמה; פון אַ זשאַרגאָן איז געוואָרן אַ פיינע, ניואַנסירטע, ליטעראַרישע שפּראַך; פון יחידישע משכּילישע שריפטן איז אַרויסגעוואַקסן אַ יונגע, מאָדערנע, אייראָפּעאישע ליטעראַטור — אַ ליטעראַטור, וואָס איז פון אַ מיטל צו בילדן די מאַסן געוואָרן אַ גרויסע ווערט פאַר זיך און איינע פון די וויכטיקסטע סוראַגאַטן פון אונזער מאָדערנעם וועלטלעכן פאָלקיזם און נאַציאָנאַלער ווידערגעבורט בכלל.

נאַטירלעך האָבן אָט דעם טעכנישער, ריין קינסטלערישער עוואָלוציע צוגעהאָלפן אָדער אין דער זעלבער מאָס מיטגעווירקט, ווי געזאָגט, די אַנדערע צוויי סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן; דאָס אויפקומען פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען אין אייראָפּע אין דער צווייטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט און דער קאָנטאַקט פון דער השכלה מיט די גרויסע יידישע מאַסן. און אָט דער גליקלעכער צוזאַמענווירקונג פון די דריי גרויסע פאַקטאָרן — ווי דעם גייסט פון השכלה־בילדונג, אויפקלערונג און זעלבסט־קריטיק — האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אָט דעם וואונדערלעכן אויפשטייג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, וואָס איז פאַרגלייכמעסיק שוין אַ סך איבערזעצט געוואָרן אין דעם רוב מאָדערנע שפּראַכן — אַ ליטעראַטור, וואָס שטייגט שוין איבער אין כמות און איכות אַ סך פון די מאָדערנע „קליין־פעלקישע ליטעראַטורן״.

ד ר י ט ע ל ע ק צ י ע

פון פראַזע צו דיכטונג

פון דער גרויסער השכלה־באַוועגונג, וועלכע איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן פון דייטשלאַנד קיין מזרח־אייראָפּע, זענען אויפגעקומען די נייע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן; די השכלה איז געווען דער מעכטיקער סטימול צו זייער ווידערגעבורט; די בויער און קלאַסיקער פון די ביידע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן זענען געווען משכילים, וועלכע האָבן אַפילו נישט געוואַגט צו חלומען, אַז פון זייערע אינדיווידועלע אויפקלערערישע שריפטן וועלן אויסוואַקסן נאַציאָנאַלע, פאָלקס־ליטעראַטורן, וועלכע וועלן אויך ווערן די הויפּט־זיילן פון אונזער מאָדערנעם וועלטלעכן פאָלקיזם.

מיר האָבן שוין פריער געפּרואווט אָנצייכענען די דריי הויפּט־צווייגן פון דער השכלה: ערשטנס, די גרויס־בורזשואַזע השכלה — הויפּטזאַכלעך איז דייטשלאַנד און מערב־אייראָפּע — וועלכע האָט געגעבן אַ שיין־אויף אין אַ יידישער „פרעמד־שפּראַכיקער" ליטעראַטור און זיך אויסגעלאָשן אין אַן אַנע־מישער, האַלב־אַסימילאַטאָרישער אַפּאָלאָגעטיק, און אין נישט־טויט נישט־לעבעדיק רעפאָרם־יידנטום.

צווייטנס, דעם בירגערלעך נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישן צווייג פון דער השכלה — די נייע העברעאישע ליטעראַטור, וועלכע האָט פון אָנפאַנג אָן הויפּטזאַכלעך אַפּעלירט צו די באַלעבאַטישערע און פּראָפעסיאָנעל־לומדישע יידישע שיכטן אין מזרח־אייראָפּע; און דריטנס, דעם מער דעמאָקראַטישן און פאָלקסטימלעכן צווייג פון דער השכלה, וואָס האָט אין אַן אָרגאַנישן קאָנטאַקט מיט די גרויסע יידישע מאַסן און זייער שפּראַך געשאַפן די מאָדערנע יידישע ליטעראַ־טור.

(איך מוז איצט נאָכאַמאָל באַטאָנען, אַז קיין קינסטלערישע פאָלקס־ליטעראַטור קען נישט אויסהאַלטן אַ שטרענגע קלאַסן־צעטיילונג; אמתע גרויסע קינסטלער און דיכטער שאַפן אָפט קעגן זייערע אייגענע פּערזענלעכע בירגערלעכע אנשויאונגען און אינטערעסן — באַלזאַק און קאָנסטאַנטין מעניע זענען נאָר אַ פּאָר פון אַ סך ביישפּילן; באַזונדערס אונזערע מאָדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראַטורן, וועלכע זענען אויפגעקומען אין דער צווייטער

העלפט פון נייַנצנטן יאָרהונדערט, ווען צוזאַמען מיטן פאָלקס־באַוואוסטזיין האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַרויסשיילן אַ קלאַסן־דיפערענציאַציע אינעם יידישן לעבן; און איצט האָבן זיי ביידע, אי די יידישע אי די העברעאישע ליטעראַטורן, אין זיך אַליין, ווי אַלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, בורזשואַזע און פראָלעטאַרישע ריכטונגען און שרייבער, פונקט ווי אונזער אַסימילאַציע האָט אויך איצט אירע לינקע און רעכטע עקספּאָנענטן).

אָבער ס׳איז נאָך וויניק, גלאַט צו זאָגן, אַז די יידישע ליטעראַטור איז פאָלקסטימלעכער געווען ווי די העברעאישע, ווייל איינע איז אין דער „שפחה־שפראַך״ און די אַנדערע אין דער „גביר׳טע־שפראַך״. וויאַזוי זשע האָט זיך ריין ליטעראַריש, און נישט נאָר אין אינהאַלט און שפראַכלעך, אויסגעדריקט און אַרויסגעוויזן דער מער דעמאָקראַטישער און פאָלקסטימלעכער כאַראַקטער פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין פאַרגלייך מיט איר שוועסטער ליטעראַטור, דער נייער העברעאישער, וועלכע שטאַמען ביידע, ווי מיר האָבן געזען, פון איין מקור — מזרח־אייראָפּעאישע השכלה און האָבן בשותפות׳דיקע בויער און אַפילו איין „זיידן״ — מענדעלע מוכר ספרים?

מיר דאַכט זיך, אַז וואָס אונטערשיידט די נייע יידישע ליטעראַטור פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור איז הויפּטזאַכלעך איר פּראָזאַאיקייט.

די יידישע ליטעראַטור איז ביז די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר, אומגעפער, געווען הויפּטזאַכלעך אַ פּראָזאַ־ליטעראַטור; און די נייע העברעאישע ליטעראַטור (אויך ביז לעצטנס) אַ שירה־ליטעראַטור, אַ פּאָעטישע ליטעראַטור. די יידישע השכלה־ליטעראַטור הויבט זיך אָן מיט די רעאַליסטישע פּיעסעס אייכלס „רב העניך״ (אַן ערך 1793) און וואָלפזאָנס „לייכטזין און פרעמעל״ (1796); די מאָדערנע העברעאישע השכלה־ליטעראַטור מיט דער פּסעוודאָ־קלאַסישער „מאזאידא״ (1785־1789).

ווען מען האָט גערעדט און מען רעדט נאָך עד־היום פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור און אירע זיילן, רעדט מען פון אייזיק מאיר דיק, לינעצקי, מענדעלע, גאָלדפאַדן, שלום־עליכם, פּרץ, ספּעקטאָר, אַש, בערגעלסאָן, וויסנבערג א״א — אַלע פּראָזע־שרייבער און פּראָזע־קינסטלער.

נישט קוקנדיק אויף די פּראַכטפולע יידישע פאָלקס־לידער (העברעאיש האָט נאָך נישט קיין פאָלקס־לידער — ביאַליק האָט איבערזעצט די יידישע אין זיינע „שירי עם״) און אויף די פּראַכטפולע מאָדערנע טרובאַדורן — די בראָדער זינגער, אַ וועלוול זבאַרזשער, אליקום צונזער, גאָלדפאַדן א״א, איז די

יידישע ליטעראַטור געוואָרן אַ ליטעראַטור הויפּטזאַכלעך צוליב אירע גרויסע פּראָזע־שרייבער. כמעט קיין איין יידישער דיכטער ווערט נישט דערמאָנט ווען מען רעדט פון די גדולים און בויער פון דער יידישער ליטעראַטור; און די געוואוינהייט האַלט נאָך אָן עד־היום, כאָטש אינם לעצטן פירטל יאָרהונדערט זענען אויפגעקומען אַזויפיל פּראַכטפולע יידישע פּאָעטן און מער ווי פּראָזע־שרייבער.

עס קאָן זיין, אַז אַ פּאָר פון אונזערע עלטערע צווייט און דריט־ראַנגיקע פּראָזאַאיקער זענען געווען „קלענערע טאַלאַנטן" און האָבן אַ קלענערע ווערט פאַר אונזער ליטעראַטור ווי אונזערע עלטערע דיכטער, ווי צום ביישפּיל פּרוג, מאָריס ראָזענפעלד, ליעסין, יהואש (און פון די שפּעטערע גלענצנדע פּאָעטן איז דאָך אָפּגערעדט) און דאָך רעדט מען נאָר פון אונזערע פּראָזאַאיקער ווען מען רעדט פון אונזער ליטעראַטור אין יידיש. און אַפילו רייזענען, וועלכער איז דער עיקר אַ פּאָעט — און איינער פון אונזערע פיינסטע און עכטסטע — רעכנט מען צום צווייטן דור פון אונזערע קלאַסיקער, הויפּטזאַכלעך, דאַכט זיך, ווייל ער איז אויך אַ דערציילער, אַ פּראָזאַאיקער.

און אין קעגנזאַץ, ווען מען רעדט פון דער נייער העברעאישער ליטעראַ־טור און פון איר אויבנאָן — פון אירע גדולים, רעדט מען הויפּטזאַכלעך פון פּאָעטן — י. ל. גאָרדאָן, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור, י. כהן, שמעונוביץ. אַפילו פון אחד־העם׳ען רעדט מען, דאַכט זיך, הויפּטזאַכלעך צוליב זיין יום־טוב׳דיקייט, כאָטש ער איז דער ערשטער אפשר, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן אַ קלאָרן, נישט־מליצה׳דיקן העברעאיש. און אַפילו אַזעלכע עכטע און פיינע העברעאישע פּראָזע־שרייבער און רעאַליסטן ווי ברענער, בערדיטשעווסקי, שופמאַן, גניעסין א"א (איך רעד אַלץ ביז לעצטנס) זענען באַהויכט מיט אַן אָטעם פון שירה, שוין צוליב זייער העברעאיש; אויך דוד פרישמאַן איז גע־ווען אַ קריטיקער און פּאָעט. נאָר בדרך כלל, ווען מען רעדט פון דער מאָ־דערנער העברעאישער ליטעראַטור, פאַרגעסט מען אין אירע פּראָזאַאיקער פּונקט ווי מען פאַרגעסט אין די יידישע דיכטער, ווען מען רעדט פון די בויער און פאַרשטייער פון דער יידישער ליטעראַטור.

ווי געזאָגט איז דאָס נישט דערפאַר, ווייל אין אונזערעביידע ליטעראַטורן זענען נישטאָ קיין מייסטער אין אַלע ליטעראַרישע פאָרמען — אי גוטע פּאָעטן אי גוטע פּראָזאַאיקער; אי פּאָעטן, וואָס זענען אין דער אמתן פּראָזאַאיקער און פּראָזאַאיקער, וואָס זענען אין דער אמתן פּאָעטן (פּאָעזיע און פּראָזע זענען נישט געבונדן דוקא מיט געוויסע ליטעראַרישע פאָרמען).

יידיש, ווי שוין באַמערקט, האָט אויך צווישן אירע ערשטע שרייבער געהאַט פּאָעטן, כאָטש אויך זיי, ווי שמעון פרוג, איינער פון די ערשטע און באַדייטנדסטע, האָבן געהאַט אַ גרויסע דאָזע פּראָזע און פעליעטאָן אין זייער

פּאָעזיע. די ערשטע משכּילים האָבן איבערהויפּט ליב געהאַט די פּאָעטישע פאָרם, שרייבן אין גראַמען, מיינענדיק דערמיט פּאָפּולערער און צוציענדער צו מאַכן זייערע אידייען; און אַפילו מענדעלע האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ ווערק, אַ מין „יידישע געשיכטע" אין גראַמען. און גאָלדפאַדנס פאָלקסטימלעכע לידער, וואָס זענען פון די טעאַטער־ברעטער אויפגעכאַפּט און געזונגען געוואָרן פונם פאָלק, זענען אַן אָרגאַנישער, לעבעדיקער טייל פון אונזער יידישער ליטעראַטור.

און אין דער ערשטער תקופה פון דער נייער העברעאישער ליטעראַטור זענען געווען אַזעלכע גרויסע פּראָזאַאיקער, וועלכע האָבן בשעתם געוועלטיקט אין העברעאיש, ווי מאַפּו און פּרץ סמאָלענסקין. אָבער אויך זיי, באַזונדערס דער ערשטער, זענען געווען מער פּאָעטיש ווי פּראָזאַאיש; און אונזער מענדעלע איז אפשר דער איינציקער אמתער פּראָזאַאיקער געווען אין דער נייער העברעאישער ליטעראַטור פאַר אַ לאַנגער צייט (ער האָט זיך אַליין „איבערגעשאַפן" אין העברעאיש). אגב, איז מאַפּו׳ס קלאַסיש ווערק „אהבת ציון" אַ דורכאויס פּאָעטיש ווערק, כאָטש פון דעם ווערק, וואָס איז איצט אַזאַ פאַרגעניגן צו לייענען, קען מען זען, אַז אין די מאָדערנע צייטן וואָלט מאַפּו געקענט ווערן אַ מייסטער־שרייבער פון „טהרילערס".

אָבער נישט קוקנדיק דערויף איז די העברעאישע ליטעראַטור, ביז לעצטנס, געווען הויפּטזאַכלעך אַ פּאָעטישע ליטעראַטור און די יידישע, נאָך מער, — אַ פּראָזאַאישע; און, ווי מיר וועלן זען ווייטער, אַ דערציילעריש־רעאַליסטישע ליטעראַטור.

און ס׳איז נישט בלויז אַ קאָנווענציאָנעלע מיינונג; ס׳איז נישט בלויז, ווייל מען האָט אַזאַ שם אויף יעדער פון זיי אויסגעטראַכט. און אודאי נישט צופעליק איז די יידישע ליטעראַטור געוואָרן אַ פּראָזע־ליטעראַטור הויפּטזאַכלעך. אַפילו פּאָעטן און פּראָזע־שרייבער דערשיינען נישט אינגאַנצן צופעליק.

פאַרוואָס זשע איז עס אַזוי געווען? פאַרוואָס איז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער ליטעראַטור, ביז לעצטנס, געווען איר פּראָזאַאישקייט?

אָבער איידער מיר פאַרענטפערן די וויכטיקע פראַגע, מוז באַטאָנט ווערן, אַז ווען מיר זאָגן: „די יידישע ליטעראַטור איז געווען אַ מער פּראָזע־ליטעראַטור און די העברעאישע — אַ מער פּאָעטישע", מיינען מיר דערמיט נישט צו זאָגן, אַז איינע איז שוין צוליב דער אייגנשאַפט אַליין העכער אָדער שעפערישער ווי די צווייטע. די פראַגע, צי די פּאָעטישע פאָרם איז די העכסטע לי־

טעראַרישע פאָרם און דעריבער די קרוין פון יעדער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, איז נאָך אַלץ אַ פּראָבלעמאַטישע און נישט פאַרענטפערט. ערשטנס, ווייל נישט שטענדיק זאָגט אַ פּאָעטישע פאָרם עדות אויף עכטער פּאָעזיע, און מאַנכע פּראָזע־שרייבער זענען געווען פון די גרעסטע פּאָעטן אין דער וועלט־ליטעראַטור. עס וועגדט זיך אין דער גרויס פון דעם אינדיווידועלן דיכטער און פּראָזע־שרייבער; די ספּעציעלע אייגנשאַפטן פון אַ פאָלק און די ספּעציעלע צייט־באַדינגונגען שפּילן אַ גרויסע ראָלע. מאַנכע פעלקער זענען אפשר מער גענויגט צו דער פּאָעטיש־מוזיקאַלישער ליטעראַטור־פאָרם; און מאַנכע עפּאָכן זענען גינסטיקער פאַר פּאָעזיע ווי פאַר פּראָזע.

די ביבל, אָט דער אוצר פון גרויסער פּאָעזיע, איז אינם בוכשטעבלעכן זין און פאָרמאַליסטישן זין פונם וואָרט הויפּטזאַכלעך אַ פּראָזא־בוך — אַן אַנטאָלאָגיע פון גרויסע שאַפונגען אין פּראָזע.

האָמער קען זיין דער גרעסטער דיכטער פון דער קלאַסישער גריכישער ליטעראַטור; און סערוואַנטעס, דער פּראָזאאיקער, איז דער גרעסטער שפּאַנישער דיכטער. שעקספּיר דער פּאָעט איז אויך געווען אַ דראַמאַטורג און די דראַמאַ־פאָרם איז נאָענט צו פּראָזע. און מאָליער איז, אינם פאָרמעלן זין פונם וואָרט, נישט קיין פּאָעט ווי שעלי, בייראָן אָדער פּושקין זענען עס, צום ביישפּיל. און די ערשט־דערמאָנטע פּראָזע־שרייבער זענען דאָך פון די גרעסטע פּאָעטן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

אויך די פראַגע, וואָס איז געווען פריער אָדער שפּעטער — פּאָעזיע אָדער פּראָזע? — איז נאָך, ווי ווייט איך ווייס, נישט קיין אויסגעפאָרשטע. עס קאָן זיין, אַז ריטם, דער ריטמישער קלאַנג, איז געווען פריער; איז פּרימיטיווער ווי דאָס פּראָזאאישע וואָרט, וואָס ענטפערט אויף באַדערפעניש און פּרואווט אָנרופן זאַכן ביי אַ נאָמען. פון אָנפאַנג איז אפשר געווען דער טאַנץ און דער ריטמישער קלאַנג; און ס׳קאָן זיין, אַז די מאָדערנע פּאָעזיע איז אייגנצייטיק די פּרימיטיווסטע און ראַפינירטסטע אויסדרוק־פאָרם פונם מענטשן.

עס קאָן אויך זיין, אַז דער אָנפאַנג פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור איז אַ ריטמישער און אַ פּאָעטישער, ווייל דער אָנפאַנג האָט צו טון, הויפּטזאַכלעך, מיט סאַגאַס, לעגענדעס, מיט די ווייטע, פאַרהיסטאָרישע זכרונות און געדעכטענישן פון אַ פאָלק, וואָס הויבט אָן קומען צו אַ רעאַליסטישן באַוואוסטזיין פון זיין עקזיסטענץ און ווערן. און עס זינגט זיך און בענקט זיך וועגן די זכרונות, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל דורך די פּרימיטיווע טרובאַדורן און פאָלקס־זינגער.

אגב, האָט אויך אַלט־יידיש זיך אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד מיט יידישע שפּילמענער, טרובאַדורן, מיט די וואַנדערנדיקע זינגער, וועלכע האָבן געוואַנ־

דערט פון ישוב צו ישוב מיט זייערע פּרימיטיווע האַלב־דייטשע האַלבֿ־תנ״כ׳ישע בעל־פּה גערזאַנגען.

זיכער איז אָבער, אַז אַלע מאָדערנע גרויסע און קליינע פּראָזע־ליטעראַטורן זענען פּראָדוקטן פון די לעצטע מאָדערנע יאָרהונדערטער, ווען שרייבער און דיכטער האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין די לעבעדיקע און גערעדטע שפּראַכן פון זייערע פעלקער. פּראָזע איז, קען מען אפשר זאָגן, אַ מאָדערנע דערפינדונג, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אַנטוויקלען און צוואַקסן פון זינט גוטנבערג האָט דערפינדן די ערשטע דרוק־מאַשין.

נאָך די פּאָר נויטיקע, דוכט מיר, באַמערקונגען, קענען מיר איבערגיין צום ענטפער אויף דער פראַגע, פאַרוואָס די יידישע ליטעראַטור איז ביז לעצטנס געווען הויפּטזאַכלעך אַ פּראָזאַאישע ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור פון סאַטיריקער, דערציילער און נאָוועליסטן, און די העברעאישע הויפּטזאַכלעך — אַ פּאָעטישע; און אַפילו אין איר פּראָזע — ראָמאַנטיש און פּסעוודאָ־קלאַסיש. מיר דאַכט זיך, אַז ס׳איז געווען הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל להיפּוך צום מאָדערנעם העברעאיש איז יידיש געווען אַ שפּראַך, אויף וועלכער די גרויסע יידישע מאַסע האָט גערעדט אין שטוב, אין גאַס, אין מאַרק, אין בית־המדרש; און העברעאיש איז ווידער ביז לעצטנס געווען אַן אַלטע קלאַסישע שפּראַך, אַ ספר־שפּראַך, אַ לשון־קודש, אַ שפּראַך, אין וועלכער דער פּשוטער ייד האָט געדאַוונט, אין וועלכער דער ייד דער למדן, דער משכיל, האָט אַריינגעקוקט אָדער געלערנט.

דאָס איז די הויפּט־סבה פאַרוואָס יידיש איז געוואָרן אַ פּראָזע־שפּראַך.

דער יידישער שרייבער־משכיל האָט געהאַט וואָס צו זאָגן, האָט געוואָלט אויפקלערן זיינע יידיש־רעדנדיקע לעזער, וואָס האָבן קיין אַנדער שפּראַך נישט געקענט; און ער האָט געקענט פיל גרינגער און נאַטירלעכער קאָפּירן און ווייזן דעם יידישן לעזער זיין לעבן אין דער שפּראַך, אין וועלכער ער האָט געלעבט. זענען טאַקע דערפאַר אין יידיש אויפגעקומען אַזעלכע גרויסע און באַדייטנדע פּראָזע־שרייבער ווי אייזיק מאיר דיק, לינעצקי, מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ, ספּעקטאָר, דינעזאָן ביז צו די שפּעטערע פּראָזע־שרייבער אונזערע ווי אש, נאָמבערג, רייזען, דוד פּינסקי, וויסנבערג, בערגלסאָן, יונה ראָזענפעלד, אָפּאַטאָשו, שאַפּיראָ, ראַבאי, זינגער, פוקס א״א.

דערפאַר אויך זענען אונזערע ערשטע פּאָעטן ס׳רוב געווען אַזעלכע פּראָזאַאישע, „זשאַרגאָנישע״. זיי האָבן געשריבן פּראָזע אין גראַמען. הגם דאָס

פאָלק אַליין האָט אין יענע צייטן, און אפשר שוין אַביסל פריער, געשאַפן די פּראַכטפולע פאָלקס־לידער, וועלכע זענען שפּעטער פון אונזער אינטעליגענץ אַנטדעקט און געזאַמלט געוואָרן און וועלכע האָבן אַזוי שטאַרק און פרוכטבאַר־שעפעריש (און „רעאַליסטיש" ווייל אויך פאַזיע קען עס זיין) באַאיינפלוסט די שפּעטערע גלענצנדע פּאָעטן אונזערע, וועגן וועלכע מיר וועלן רעדן שפּעטער.

אין דער העברעאישער שפּראַך ווידער האָט מען דאַן געמוזט, אַזוי צו זאָגן, איבערזעצן דאָס דאַן געלעבטע יידישע לעבן, וואָס די העברעאישע משכילים האָבן געוואָלט באַשרייבן. דערפאַר קלינגען נאָך עד־היום די העברעאישע נאָוועלן, ספּורים און ראָמאַנען ווי איבערזעצונגען, ווען אַפילו פּראַכטפולע, פון יידיש אָדער רוסיש — אָדער אפשר ביידע. (דאָס קען מען נאַטירלעך באַמערקן אויך אין די ווערק פון אַזעלכע שפּעטערע העברעאישע פּראָזע־שרייבער ווי ברענער און שופמאַן; און עגנון איז אפשר אויך באַוואוסט־זיניק סטיליסטיש־יידיש — זיין העברעאיש איז, דאַכט זיך, מער אַ חסידישער יידיש ווי אַ העברעאיש; פונקט ווי ביאַליקס „קורצער פרייטאָג", צום ביישפּיל, איז אַ שלום־עליכמדיקע דערציילונג).

אָט דערפאַר, גלויב איך, האָט זיך דער העברעאישער שריפטשטעלער־משכיל גענומען אַזוי גערן צו דער פאָרם פון דיכטונג.

דעם דיכטערס קונסט איז מער אַ „קאַבינעט־קונסט" ווי דעם פּראָזע־שרייבערס. ווען די גאַס, די שטוב רעדט נישט דעם שרייבערס שפּראַך, קען ער אַוועקגיין, אַנטלויפן צום שרייב־טיש, זיין „קודש־קדשים", און אויסחלומען דאָרט זיינע נאַציאָנאַלע חלומות און מענטשלעכע בענקשאַפטן, געגועים, אין פערזן.

צוליב דעם זעלבן טעם איז יידיש געוואָרן זשורנאַליסטישער, המונישער אָדער „עמך'דיקער" ווי העברעאיש. אַ פּאָפּולערע יידישע פרעסע האָט זיך פריער און שטאַרקער אַנטוויקלט אין יידיש ווי אין העברעאיש. (אַ שטאַרקע און גרויסע העברעאישע פרעסע — און נאַטירלעך אַ מער באָדנדיק־רעאַליסטישע ווי די איצטיקע יידישע, מוז מען צוגעבן — האָט זיך ערשט אינם לעצטן צענדליק יאָר אונגעפער אַנטוויקלט אין ארץ־ישראל, וואו העברעאיש איז שוין אַ גערעדטע שפּראַך געוואָרן).

ווען מען זאָל פאַרגלייכן — איך טו עס איצט על פּי זכרון — די ערשטע העברעאישע „מאספים" און „בכורי העתים" מיט די שפּעטערע ערשטע יידישע זאַמל־ביכער פון ספּעקטאָר, שלום־עליכם און פּרץ, קען מען אויך, דאַכט זיך, באַמערקן דעם פּראָזאַאיש־דערציילערישן כאַראַקטער פון די לעצטע און דעם פּאָעטיש־מליצהדיקן פון די ערשטע — אַן אונטערשייד, וואָס דערקלערט זיך נישט בלויז מיט דער צייט.

דער פראָזע־כאַראַקטער פון דער יידישער ליטעראַטור האָט זיך אַרויס־געוויזן אויך אין די אַנדערע, ווייניקער קינסטלערישע ליטעראַטור־פאָרמען. אין יידיש האָט זיך שטאַרקער און לעבעדיקער אַנטוויקלט דער זשורנאַליזם; אין העברעאיש — מליצהדיקע, אַבסטראַקטע „מאמר׳יסטיק״.

מאמר׳יסטיק האָט זיך אירע שטאַרקע חסרונות: זי איז מליצהדיק (און די בעסטע העברעאישע שרייבער האָבן געמוזט קעמפן קעגן דער מליצה); דער העברעאישער פובליציסט האָט בייצושטיין דעם נסיון פון שיינע תנ״כישע אָדער תלמודישע ווערטער און פסוקים, און אָפטמאָל פאַרזינדיקט ער די קלאָר־קייט פון געדאַנק צוליב אַ זעלטן שיין וואָרט, צוליב אַ „לשון נופל על לשון״, אַ וואָרט־שפּיל; אָבער די יידישע פובליציסטיק האָט זיך אירע חסרונות — די חסרונות פון פאַרוואָסערטער פאָפולאַריזאַציע, פון „צעקייעכץ״ און אַריינ־לייגן דעם לעזער אין מויל אַריין. ביי דעם שרייבער אין יידיש איז שוין אַזאַ קבלה, אַז אין יידיש מוז מען שרייבן פאָפולער, פראָסט — די ערשטע משכילים האָבן דאָך דערפאַר אָנגעהויבן שרייבן אין „זשאַרגאָן״! אָבער פאָ־פולאַריזאַציע איז נישט שטענדיק אַ סימן פון קלאָרקייט און איינפאַכקייט און קען אָפט פאַרוואַנדלט ווערן אין ביליקן זשורנאַליזם. דערפאַר האָט זיך אין העברעאיש אויסגעאַרבעט דער באַגריף פונם „קורא נכבד״ און אין יידיש — דער ציינישער באַגריף פון אַ „משה״, וואָס שלינגט אַלעס אַראָפּ. דער שאָטן פון רעאַליסטישער פראָזע איז שונד און ביליקער זשורנאַליזם.

אויב אונזער יידישע ליטעראַטור צייכנט זיך אַזוי געזונט און גלענצנד אויס הויפּטזאַכלעך מיט אירע גרויסע פראָזע־קינסטלער, ווייל זי איז געווען אַ ליטעראַטור אין אַ לעבעדיקער, גערעדטער שפּראַך, האָט זי אָבער פאַר דער גרויסער מעלה געמוזט באַצאָלן מיט אַ חסרון — מיט ביליקן זשורנאַליזם און שונד (די שטראָף פון אַלע מאָדערנע, לעבעדיקע פראָזע־ליטעראַטורן): העב־רעאיש האָט נישט געהאַט קיין שמ״ר און קיין בלאַשטיין, און נישט קיין ביליקע פרעסע.

ס׳איז אָבער שווער צו זאָגן וואָס איז שעדלעכער, צי וואָכעדיקער זשור־נאַליזם צי „יום־טובדיקע, מליצהדיקע מאמר׳יסטיק?״ נישט קוקנדיק אויף דעם „זשורנאַלעסק״, אויף דעם זשורנאַליסטישן סטיל, וועלכער איז, דאַכט זיך דאָמינירנד אין יידיש, איז ביי אונז אויפגעקומען אויך אַ רייכע רעאַליסטישע פובליציסטיק און אַ גאַנצע רייע ערנסטע יידישע פובליציסטן ווי הלל צייטלין, מתתיהו אחר, בער באַראַכאָוו, סירקין, דר. זשיטלאָווסקי, ש. ראָזענפעלד, בן־אדיר, דר. גינזבורג, מעדעם א״א, וועלכע האָבן אפשר זייער גלייכן נישט (מיט די גלענצנדע אויסנאַמען פון אחד־העם, ליליענבלום) אין דער מאָדערנער העברעאישער פובליציסטיק.

איך בין, ווי ווייט איך ווייס עס, נישט קיין לייענער פון „שונד״ — און אַפילו ניט פון דעם געזאַלבטן, „שמן־המשחה״ און מליצהדיקן שונד, וועלכער איז אַ סך מאָל נאָך גיפטיקער ווי דער פּראָסטער, אָבער עס ווערט מיר גאָר־נישט פריילעך אויפן האַרצן, ווען איך שטעל זיך פאָר, אַז אין גיכן וועט אפשר אויך אין יידיש נישט זיין קיין פּלאַץ פאַר שונד, און אַז אַלע יידישע שרייבער וועלן אויב נישט ווערן דיכטער, אָנהויבן צו שרייבן „ריין און כשר און שיין״.

דער יידישער פובליציסט און עסייאיסט האָט געמוזט ווערן זשורנאַליס־טישער און פּאָפּולערער, וועלנדיק צוקומען צום פאַרצווייגטן יידישן געזעל־שאַפטלעכן און פּאַרטיי־לעבן (ער האָט אויך געהאַט אַ מאַרק — אַ רייכע יידי־שע פּרעסע); און אייניקע „געבוירענע״ זשורנאַליסטן האָבן אין דער הע־ברעאישער שפּראַך געכאַפּט דעם אַנבליק פון ערנסטע פובליציסטן און שיער נישט פילאָזאָפן, ווייל עס באַהאַלט זיך גרינגער דאָס אויבערפלעכלעכע און זשורנאַליסטישע אין דער שפּראַך פון די נביאים...

יידיש איז געווען די שפּראַך, די גערעדטע שפּראַך פון דער יידישער שטוב, פון גאַס און מאַרק און פונם בית־המדרש — אַ קעגנווערטיקע פאָלקס־שפּראַך; און העברעאיש איז געווען די שפּראַך פון ספר, די שפּראַך פונם למדן און יידישן אינטעלעקטואל — די שפּראַך פונם עבר און... דעם עתיד־לבא.

איך האָב ביז איצט אַזוי אָפט גענוצט די ווערטער „געווען״, „ביז לעצ־טנס״: די יידישע ליטעראַטור איז געווען הויפּטזאַכלעך אַ פּראָזע־ליטעראַטור און די העברעאישע — אַ פּאָעטישע; ביז לעצטנס זענען די גרויסע בויער און פאַרטרעטער פון דער יידישער ליטעראַטור געווען אירע גרויסע פּראָזע־קינסטלער, דערציילער און נאָוועליסטן, וועלכע זענען איצט אונזערע קלאַ־סיקער.

אַלץ געווען און ביז לעצטנס. און איצט? האָט איצט אונזער יידישע לי־טעראַטור געביטן איר הויפּט־כאַראַקטער? איז שוין מער נישט אונזער לי־טעראַטור אַ פּראָזע־ליטעראַטור ווי זי איז געווען? ווערט איצט אונזער יידי־שע ליטעראַטור אַ ליטעראַטור פון דיכטער און אונזער אַמאָליקער גערעדטער און געלעבטער יידיש אַ דיכטער־שפּראַך? (און אגב, באַמערקט זיך איצט נישט דער זעלבער פּראָצעס נאָר פאַרקערט אויך אין דער העברעאישער שוועסטער־ליטעראַטור?)

און אויב ס'איז אַזוי — פאַרוואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאַקטאָרן איז עס גורם דעם איבערגאַנג פון פּראָזע צו דיכטונג

אין אונזער יונגער יידישער ליטעראַטור? גרויסע ענדערונגען אין אַ ליטעראַ־טור קומען נישט פאָר, ווייל ס'ווערן פּונקט אָדער צופעליק געבוירן מער פּאָעטן ווי פּראָזע־קינסטלער, אָדער ווייל יונגע קינסטלער קומען זיך צוזאַמען אין זייערע „קאַטעריס" אָדער „קיבעצאַרניעס" און באַשליסן „פון היינט אָן און ווייטער וועלן מיר בעסער שרייבן לידער און נישט קיין דערציילונגען"... ווייל וואָס יעדער גרויסער און פּרייער דיכטער זאָל נישט קלערן וועגן זיך און זיין שאַפן (און זיי האָבן אַ רעכט עס צו טון), זענען זיי דאָך באַאיינפלוסט פון די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע ענדערונגען אַרום זיי, און גרויסע ענדערונגען אין אַ ליטעראַטור, אַפילו די אַזוי גערופענע „ריין קינסטלערישע", קומען דאָך פאָר אונטער דעם איינפלוס פון די געענדערטע, גוטע אָדער שלעכטע, סאָ־ציאַלע באַדינגונגען.

וואָס זשע פאַר אַן ענדערונגען זענען פאָרגעקומען אינעם יידישן לעבן און אין דער יידישער פאָלקס־שפּראַך, צוליב וועלכע זי ווערט איצט אַלץ מער און מער אַ שפּראַך פון דיכטער און נישט פון פּראָזע־קינסטלער, ווי זי איז געווען הויפּטזאַכלעך ביז לעצטנס?

אין די עטלעכע לעקציעס מיינע איז מיין הויפּט־אויפגאַבע צו רעדן וועגן די הויפּט־טענדענצן און כאַראַקטעריסטיקעס פון אונזער יונגער מאָדערנער ליטעראַטור, און ווען אַ ליטעראַטור בייט אַזוי איר כאַראַקטער און ווערט פון אַ פּראָזע־ליטעראַטור אַ פּאָעטישע־ליטעראַטור, איז דאָס זיכער אַ גרויסע ליטעראַרישע רעוואָלוציע, הגם אונזער ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך ביז איצט דערויף, אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, נישט אָפּגעשטעלט. אָבער פריער מוזן מיר, ווי מען דריקט זיך אויס, „פעסטשטעלן" צי דער איבערגאַנג פון פּראָזע צו דיכטונג איז טאַקע פאָרגעקומען אָדער קומט טאַקע פאָר?

און ווען אַ מאָדערנע ליטעראַטור ווערט רייכער — אין איכות און אין כמות — אין פּאָעטן ווי פּראָזע־קינסטלער און שרייבער — איז עס דוקא אַ סימן פון איר ירידה?

אָבער פריער מוזן מיר ענטפערן אויף דער ערשטער פראַגע:

איך גלויב, אַז ס'קאָן אין גאָר קיין ספק נישט זיין, אַז אונזער יידישע לי־טעראַטור איז אינם משך פונם לעצטן פירטל יאָרהונדערט פיל רייכער גע־וואָרן אין צאָל און קוואַליטעט, אין פּאָעטן ווי אין פּראָזע־קינסטלער; און ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז די יידישע ליטעראַטור, ווי מיר האָבן פריער באַוויזן, איז הויפּטזאַכלעך געווען אַ פּראָזע־ליטעראַטור, און אַז אירע פיינסטע בויער און קלאַסיקער זענען געווען פּראָזע־קינסטלער איז אָט די גרויסע גערעטעניש אין ערשט קלאַסיקע, פאַרגלייכמעסיק, פּאָעטן, אַ פענאָמען אויף וועלכן יעדער פאָרשער און ליבהאָבער פון אונזער ליטעראַטור מוז זיך אָפּשטעלן און פּרוּוון באַשיידן.

פונקט ווי מיר האָבן געזען כמעט נאָר פּראָזע־שרייבער, ווען מיר האָבן גערעדט און רעדן פון דער ערשטער תקופה און פון דעם קלאַסישן פּעריאָד אין אונזער ליטעראַטור, אַזוי זען מיר כמעט הויפּטזאַכלעך פּאָעטן, ווען מיר איבערבליקן אונזער ליטעראַטור אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר אונ־געפער — די קעגנוואַרט.

דער לעצטער דור, צי צוויי, יידישע שרייבער איז כולל מער דיכטער ווי פּראָזע־קינסטלער; מער און אויך, מעגלעך, פּעאיקערע. דער רעפּרעזענ־טיווער נייער יידישער שרייבער איז איצט, דאַכט זיך, דער פּאָעט און נישט דער דערציילער, דער נאָוועליסט, ווי ס'איז געווען אין דער „נאָענטער פאַר־גאַנגענהייט" ביז אַ פּאָר יאָר נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אינם קלאַ־סישן פּעריאָד פון אונזער יידישער ליטעראַטור.

און נישט נאָר אין אַמעריקע זענען אויפגעקומען די גלענצנדע פּלעיאַדע פּאָעטן, וועלכע זענען באַקאַנט געוואָרן אַלס די „יונגע" (זיי זענען שוין היינט אַלע מיטליעריקע), נאָר אויך אין אונזערע אַלטע ליטעראַרישע צענטערן — פּוילן, רוסלאַנד, ליטע און גאַליציע — זענען אויפגעקומען נישט ווייניקער גלענצנדע גרופּעס, פּלעיאַדעס נייע און יונגע פּאָעטן...

ס'איז אמת — און דאָס איז וויכטיק צו געדענקען — אַז אונזערע לעצטע און נייעסטע דערציילער און נאָוועליסטן, ווי ווארשאַווסקי, זינגער, הארענ־טשיק (ליידער צו יונג געשטאָרבן און אומגעקומען), באַשעוויס, פּוקס א"א, זענען אויפגעקומען פון אונזערע חרובע אַלטע היימען (אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו, ראַבאָי און גלאַזמאַן האָבן זיך פאַרטגעזעצט און אַנטוויקלט, זענען אויסגע־וואַקסן אין אַמעריקע), אָבער אויך אין אונזערע אַלטע היימען האָט דאָס לעצ־טע פערטל יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן מער פּאָעטן ווי פּראָזע־קינסטלער. און ווען מיר זאָלן אַצינד נאָר אויסרעכענען די נעמען פון אונזערע איצטיקע רעפּרעזענטאַטיווע יידישע שרייבער, וועלן מיר מוזן קריגן דעם איינדרוק, אַז די יידישע ליטעראַטור איז איצט אַ דיכטערישע און נישט קיין פּראָזאַאישע ווי אַמאָל.

אין אַמעריקע — משה לייב האלפּערן ע"ה, לייוויק, משה נאדיר, גלאַט־שטיין, מאני לייב, ראַלניק, מנחם, לעיעלעס, זישע לאנדוי, ביאלאסטאצקי, ניסענזאָן, סיגאַל, ווײנפּער, גרינבערג און אַ צענדליק אַנדערע „יונגע", און עלטערע „אַמעריקאַנער" יידישע דיכטער ווי מאָריס ראָזענפעלד, יהואש, ליעסין (אונזער אברהם רייזען איז נאָך אַלץ נישט אין וועלכן ס'איז זין אַן „אַמעריקאַ־

נער״) ; און אַפילו ווען מ׳זאָל קעגן זיי שטעלן די גאָר באַדייטנדע פּראָזע־קינסט־לער, וועלכע זענען שטאַרק געוואָרן אין אַמעריקע—לאמעד שאַפּירא, אפּאטאשו, ראַבאי, גלאַזמאַן—וועלן מיר דאָך מוזן צוגעבן, אַז דער דיכטערישער עלעמענט איז דער דאָמינירנדיקער אין דער איצטיקער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. מ׳זעט עס אויך בולט אַרויס פון די לעצטע נייע, יידישע זאַמלביכער און זשור־נאַלן אין אַמעריקע — זייערע רעדאַקטאָרן מוז זיין פיל גרינגער נייע גוטע לידער ווי נייע קינסטלערישע פּראָזע, דערציילונגען און נאָוועלן, צו באַקומען. נישט קוקנדיק אויף דער רייכער פּרעסע, איז אַמעריקעס ביישטייער צו דער יידישער ליטעראַטור, ווי מיר וועלן זען ווייטער, הויפּטזאַכלעך אַ פּאָעטישער ווי אַ פּראָזאַאישער.

דעם אייגענעם פּראָצעס — פון פּראָזע צו דיכטונג — ווי געזאָגט, באַ־מערקן מיר אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר אויך אין די עלטערע און אָר־גאַנישערע יידישע פאָלקס און ליטעראַטור־צענטערן :

אין רוסלאַנד — דער נסתר, פּרץ מאַרקיש, איציק פעפער, קולבאַק, האָפשטיין, קוויטקא א״א ; און אַ גלענצנדע רייע קריטיקער און ליטעראַטור־פאָרשער — און בערגלסאָן איז כמעט איינציק.

און אַפילו אין די ערשט חרובע יידישע היימען, און באַזונדערס אין פּוילן און גאַליציע, וואו די קינסטלערישע פּראָזע האָט זיך נאָך, אַזוי צו זאָגן, געריסן צום לעבן און זיך נישט געלאָזט אויסלעשן אין אַ ״פּאָעטישער מיתת נשיקה״, זענען די גלענצנדע פּאָעטן איציק מאַנגער, שטערן, וואגלער, סוצקע־ווער, גראַדע, אהרן צייטלין, ראַוויטש, לערער, האָראָוויץ, כמעלניצקי א״א גע־וואָרן די רעפּרעזענטאַנטן פונם יידישן וואָרט.

און איצט איז די יידישע ליטעראַטור רייכער געוואָרן מיט אַ נייער פּלעיאַדע יידישע פּאָעטן פון אונזער טראַגישער שארית השליטה, פּאָעטן פון אונזער חורבן און מאַרטיראָלאָגיע. (אגב, איז טרויעריק סימפּטאָמאַטיש, אַז פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן זענען אַרויסגעקומען אויך פיל מער פּאָעטן ווי פּראָזע־שרייבער).

איך מיין, אַז אויך פון דעם לויפיקן איבערבליק — און איך האָב אַ סך וויכטיקע נעמען נישט ווילנדיק אַרויסגעלאָזט — מוזן מיר קומען צו דער הנחה, אַז אונזער ליטעראַטור איז לעצטנס געוואָרן אַ פּאָעטישע ליטעראַטור, באַזונדערס ווען מיר געדענקען, אַז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אונזער יידישער ליטעראַטור, להיפּך צו דער העברעאישער, איז געווען איר פּראָזאַ־אישקייט.

ווען מיר זאָגן, אַז אין אונזער איצטיקער ליטעראַרישער קעגנוואָרט פאַרנעמט דער דיכטער דעם אויבנאָן און דער וויסנשאַפטלער (אויך וואָס

אזא באדייטנדע צאל יידישע אינטעלעקטואלן האט געפונען א מקלט אין ייוו״א און פארשונג־ארבעט אנשטאט זיך אפצוגעבן מיט לעבעדיקער פובליציסטיק איז אין איינקלאנג מיטן פראצעס „פון פראזע צו דיכטונג״), קענען מיר נישט און טארן נישט פארגעסן, אז צו אונזער גליק לעבן נאך און זענען אין גייע תקופות פון זייער שאפן אזעלכע באדייטנדע גרויסע יידישע פראזע־קינסטלער ווי אש, בערגלסאן, שניאור, פינסקי און אפאטאשו און דער ליידער צופרי פארשטארבענער לעצטער רעאליסט י. זינגער, וועלכע זענען די לעצטע — און ווייט נישט די מינדסטע פיגורן פון אונזער שפעטערן קלאסישן פעריאד. און ווען מיר האבן געזאגט, אז די „סטארס״ אין אונזער ליטעראטור זענען איצט פאעטן, זענען די ערשט דערמאנטע גרויסע פראזע־קינסטלער אויסגעשלאסן פון דעם כלל: זיי, צוזאמען מיט רייזען דעם דיכטער, געהערן מער צו דער צייט און טראדיציע פון אונזערע קלאסיקער ווי צו אונזער ליטעראַרישער קעגנווארט. און וועגן זיי, באזונדערס וועגן אש׳ן, וועלן מיר רעדן אין די וויטערדיקע רעפעראטן. לעת־עתה קענען מיר זאגן, אז אויך זייערע יורשים זענען אצינד פאעטן און נישט קיין פראזע־קינסטלער; און זיי אליין זענען געווארן, ווי מיר וועלן זען ווייטער, פאעטיש און ראמאנטיש אין זייער פראזע.

איצט אבער קענען מיר זיך אומקערן צו דער צווייטער פראגע: ווען א ליטעראטור ווערט רייכער — אין איכות און אין כמות — אין פאעטן ווי אין פראזע־שרייבער — איז עס א סימן פון איר ירידה? איז עס אמאל נישט פארקערט? — וועלן אייניקע אפשר נאאיוו פרעגן — א סימן פון עליה ווען א ליטעראטור ווערט א מין „ממלכת משוררים״, א פאעטישע ליטעראטור? איז נישט דער פאעט דער פיינערער קינסטלער ווי דער שרייבער פון קינסטלערישער פראזע? איז נישט דעם פאעטס קונסט שוין טעכניש אליין די פיינערע און שווערערע קונסט ווי דעם פראזע־שרייבערס, ווי די קונסט פונם נאוועליסט און דערציילער? פארוואס זשע זאלן מיר נישט דרינגען פארקערט, אז ווען די צאל פון פאעטן ווערט אין א ליטעראטור דאמינירנד, איז עס א באווייז, אז די ליטעראטור ווערט רייכער, ראפינירטער, שעפערישער?

איך האב ערשט געזאגט, אז די פראגע איז א „נאאיווע״, ווייל אינדיווידועל מעג טאקע דער פאעט זיין דער פיינערער קינסטלער (נאטירלעך אויב מען פארגלייכט אים נישט מיט די גרויסע ערשט־ראנגיקע פראזע־שרייבער, וועלכע זענען גרויסע פאעטן אין פראזע), אבער א פאלקס־ליטעראטור פון בלויז פאעטן איז, ווי א מאלצייט פון בלויז קאמפאטן; א

ליטעראַטור, וואָס ווערט אַקאַדעמיש־אַבסטראַקט, אַלץ מער און מער אָפּגע־שיידט פונם גרויסן וואָכעדיקן לעבן; אָדער אַן אוטאָפּיע: אַ ליטעראַטור פון בלויז פּאָעטן וועט אפשר מעגלעך זיין לעתיד לבוא, ווען די פונקציעס פון אַ פּראָזאַאישער ליטעראַטור וועט איבערנעמען, לאָמיר זאָגן, די סינעמא, טע־לעוויזיע און ענלעכע טעכנישע רעפּאָרטאַזש־דערפינדונגען, און די וואָרט־קינסטלער, וואָס וועלן זיין, וועלן קענען בלייבן ריינע פּאָעטן; און אַלע ליטעראַטורן וועלן אפשר דאַן ווערן פּאָעטישע ליטעראַטורן.

נאַטירלעך זענען אויך איצט דאָ פּאָעטן, וואָס אין זייער פּאָעזיע, אין זייערע לידער, איז דאָ מער „רעאַליזם" און ריטם פונת מאָדערנעם לעבן און פון פּאָלקס־לעבן, ווי ביי אַ סך פּראָזע־שרייבער מיט קלענערן טאַלאַנט, ווי צום ביישפּיל רייזען, מ. ל. האלפערן, איציק מאַנגער און די פּאָעטן אין רוס־לאַנד, וועלכע זענען „טענדענציעז" רעאַליסטיש.

אָבער מיר רעדן דאָך פון מאָדערנע ליטעראַטורן אין דער מאָדערנער קאָכעדיקער און ברויזנדיקער געזעלשאַפט, וועלכע איז נאָך וויט נישט איינ־געשטעלט און קריסטאַליזירט. און אין מאָדערנע צייטן, ווען אַ ליטעראַטור ווערט צו פּאָעטיש, קען עס נאָר זיין אַ באַווייז, אַז די ליטעראַטור ווערט צו אַקאַדעמיש, צופיל אָפּגעשיידט פון דער ווירקלעכקייט; אַז זי אַנטלויפט פון דער ווירקלעכקייט אָדער די ווירקלעכקייט ווערט צו גרויזאַם פאַר אירע פּראָפעסיאָנעלע וואָרט־זאָגער. (דער יידישער „פּראָזע־קריזיס" האָט דירעקט, גלויב איך, נישט צו טון מיט דער פראַגע וועגן דער צוקונפט פון דער נאָ־וועלע, וועלכע ווערט איצט בכלל אין אַלע ליטעראַטורן דיסקוטירט).

דעריבער מוזן מיר קומען צו דער הנחה, ווי פּיינלעך דאָס זאָל פאַר אונז נישט זיין, (ווייל מיר האָבן ליב אונזערע פּאָעטן, וועלכע זענען, אַזוי צו זאָגן, פּאָזיטיווע דערשיינונגען פון אַ קריטישער עפּאָכע), אַז ווען אַ ליטעראַטור ווערט צו פּאָעטיש, איז עס אָדער אַ סימן פון ירידה אָדער פון אַ שאַרפן סאָ־ציאַלן און נאַציאָנאַלן קריזיס.

און די אייגענע סיבה, וועלכע האָט אונזער יידישע ליטעראַטור, להיפּך צו דער העברעאישער, געמאַכט פאַר אַ כאַראַקטעריסטיש־פּראָזאַאישער, פאַר־וואַנדלט איצט אונזער ליטעראַטור אין אַ ליטעראַטור פון פּאָעטן.

ווען יידיש איז געווען אַ גערעדטע שפּראַך, די שפּראַך פון דער יידישער שטוב, אַ שפּראַך פון גאַס און מאַרק און פונם בית־המדרש (איצט רעדט מען שוין אַפילו קיין יידיש נישט אין די ענגלישע און אַמעריקאַנער שולן און סי־נאַגאָגעס), האָבן אונזערע ערשטע דורות משכילישע שרייבער געמוזט שרייבן פּראָזע און אינם מיאוסן זשאַרגאָן, אַפילו ווען אייניקע פון זיי האָט זיך געוואָלט שרייבן לידער, שירים, און אין אַ „שענערער שפּראַך".

און זיי האָבן געקענט שרייבן און באַשרייבן דאָס יידישע לעבן אין יידי־שער פּראָזע, ווייל דאָס יידישע לעבן אַרום זיי האָט זיך געלעבט אין דער איינציקער דאָן גערעדטע יידישער פאָלקס־שפּראַך. יידיש איז דאַן געווען אויך קינסטלעריש אַ דאַנקבאַר פעלד פאַר דעם יידישן שרייבער: דאָס יידי־שע לעבן האָט זיך ממש געבעטן ביי אונזערע שרייבער, „באַשרייבט מיך ווי איך שטיי און גיי; ווי איך לעב און ווי איך רעד". און דערפון האָט זיך גע־נומען די שפע פון פּראָזע־קינסטלער — מענדעלע, לינעצקי, פּרץ, שלום־עליכם, ספּעקטאָר, אַש, וויסנבערג, בערגלסאָן און צענדליקער אַנדערע פּראָזע־קינסטלער, דערציילער און דיכטער אין פּראָזע. אין דער צייט, ווען אין דער דאָן נישט־גערעדטער העברעאישער שפּראַך האָבן אַפילו פּראָזאאיקער זיך גענומען צו שירה, און אַפילו די פּראָזע האָט געמוזט ווערן פּאָעטיש און מליצהדיק.

אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר איז פאָרגעקומען אַ געוואַלדיקע ענ־דערונג אינם יידישן לעבן, באַזונדערס אינם לעבן פון דער יידישער פאָלקס־שפּראַך. מיטן אויפקומען פון אונזערעביידע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן האָט זיך אויסגעפורעמט דאָס גאַנצע מאָדערנע וועלטלעך־נאַציאָנאַלע און פאָלקישע יידנטום מיט אַלע זיינע רעכטע און לינקע, גרויסע און קליינע, פּאַרטייען. מיר זענען געוואָרן כמעט אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, אָבער אָן אַ פאָלקישן באָדן, אָן אַ מערהייט צענטער. און ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שטאַרקע, נאַטירלעכע, הגם נישט ווילנדיקע, שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, באַזונדערס אין די לענדער, וואו יידן זענען בירגערלעך־רעכטלעך עמאַנסיפּירט געוואָרן. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, וועלכע איז אין דעם ניינצענטן יאָרהונדערט געווען יחידיש און האָט זיך באַמערקט נאָר צווישן די העכערע בורזשואַזע יידישע שיכטן, האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען און פאָרקומען צווישן די גרעסערע יידישע קיבוצים, צווישן די יידישע מאַסן.

נישט נאָר די נייע דורות יידן אין אַמעריקע, רוסלאַנד, ענגלאַנד האָבן שוין כמעט גאָרנישט געקענט קיין יידיש, נאָר אַפילו די האַלב־אויסגעגרינטע דורות עמיגראַנטן אין ענגלאַנד און אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן מישן און צע־ברעכן, פון דאָס ניי „פאַרזשאַרגאָנעווען" די פאָלקס־שפּראַך, וועלכע האָט זיך אקאָרשט ערשט, דאַכט זיך, אויסגעפאָרמט אין אַ פיינער ליטעראַרישער שפּראַך מיט אַן אייגענער פיינער מאָדערנער ליטעראַטור.

מיטן טרויעריקן סך־הכל, אַז ווען אַ מאָדערנער יונגער יידישער שריי־בער וויל שרייבן אַ דערציילונג, אַ נאָוועלע פון דעם היינטיקן יידישן לעבן

אין אַמעריקע, ענגלאַנד (צי אַפילו אינם היינטיקן רוסלאַנד, שטעל איך זיך פֿאָר) מוז שוין זיין יידישע דערציילונג מער צי ווייניקער קלינגען ווי אַן אי־בערזעצונג פון דעם איצט געלעבטן יידישן לעבן (אָט ווי ס׳האָט אַמאָל געפילט דער העברעאישער שרייבער, ווען ער האָט פונם זשאַרגאָניש יידישן לעבן געשריבן אין העברעאיש).

וואָס איז אפשר נישט ווייניקער טרויעריק, הגם עס קען אויסזען פּאַראַ־דאָקסאַל: ווען מיר לייענען איצט די גוטע פּראָזע פון אונזערע אַמעריקאַנער יידישע שרייבער, ווען מיר לייענען איצט די נייע דערציילונגען פון ל. שאַ־פּירא, אפּאַטאשו, און אודאי די לידער פון אונזערע פיינע אַמעריקאַנער דיכ־טער, זעט אונז שוין אויס זייער פּראָכטפולער, רייכער און ניואַנסירטער יידיש אַביסל שוין צו „פּוריסטיש״, „מוזעאום־אַרטיק״, און מען מוז צוגעבן, אַז אָט דער ריינער יידיש זייערער קלינגט נישט אַזוי „רעאַליסטיש״ ווי דער „פּאַר־דאָרבענער, צעקאַליעטשעטער יידיש״ פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע, וועל־כער איז דאָך נענטער צום יידיש, וואָס ווערט נאָך גערעדט פון די עלטערע, האַלב־אויסגעגרינטע יידישע אימיגראַנטן אין אַמעריקע.

מיר דאָ אין ענגלאַנד פאַרשטייען און קענען דעם פּראָצעס, ליידער, צו גוט. ווען איר רעדט דאָ צו אַ יידן אין ווייטשעפּל צי גאָלדערס־גרין, וואָס לעבט שוין דאָ עטלעכע צענדליק יאָר, אין אַ גוטן, ליטעראַרישן צי היימישן יידיש, קוקט ער אויף אייך ווי אויף אַ „גרינעם״, אויף אַ „פּאָרענעם״, וואָס רעדט עפּעס אַ האַלב־פרעמדע שפּראַך, אַ מין דייטש, חלילה...

אָבער אין דער צייט, ווען ביי אונז אינם יידישן ענגלאַנד איז שוין קליין די צאָל פון די יידן, וואָס רעדן און שרייבן אַ גוטן ריינעם יידיש, לעבן נאָך אין אַמעריקע אַ סך פון אונזערע בעסטע היינטיקע שרייבער און דיכטער. אָבער דער יידיש פון אונזערע גוטע און בעסטע שרייבער און דיכטער אין אַמעריקע מאַכט שוין דעם איינדרוק ווי ער וואָלט געוואָרן צו „פּוריסטיש״, צו אַקאַדע־מיש — אַ שרייב־טיש און בוך־יידיש. ער מוז עס ווערן, ווי רעאַליסטיש אונ־זערע היינטיקע בעסערע שרייבער זאָלן נישט וועלן זיין, ווייל די אַמעריקאַנער יידישע שטוב, און אַפילו די עלטערן אין דער שטוב קענען שוין נישט דעם יידיש, קלינגט שוין אָט דער יידיש פרעמדלעך.

מיר קענען זיך לייכט פאַרשטעלן ווי אַן אַמעריקאַנער צי לאָנדאָנער עלטערער ייד טוט אָן די ברילן און קוקט אַריין אויף „טשיקאַוועס״ אין אַ בענדל דערציילונגען פון שאַפּיראָ, אפּאַטאשו, אָדער לידער פון גלאַטשטיין, לייוויק — אויב אַזעלכע בענדלעך קומען אַמאָל אין זייערע הענט — און ער קנייטשט מיט די אַקסל, אפשר אויך מיט האַרץ־ווייטאָק: ס׳איז אים אי נאָענט אי פרעמד; עפּעס ווי ער וואָלט אַריינגעקוקט אין אַ לשון־קודשדיק

ביכל. און נישט דערפֿאַר אַליין ווייל ער פֿאַרשטייט נישט קיין גוטע ליטעראַ־טור (רייזענס אָדער מאַנגערס אַ ליד פֿאַרשטייט, און פילט דאַכט זיך יע־דער...) נאָר ווייל דער יידיש איז אים שוין פרעמדלעך, און דעם יידיש פון זיין „פייפער" פֿאַרשטייט ער נאָך.

מיט אַ דריי־פיר צענדליק יאָר צוריק, ווען אונזער יידיש איז נאָך געווען אַ גערעדטע שפראַך, פלעגן אונזערע קלאַסיקער — מענדעלע, שלום־ עליכם און פּרץ׳ן — לייענען יונגלעך. ווען מיר זענען געווען יונג, האָבן מיר גע־לייענט אונזערע קלאַסיקער. היינט מוזן יונגערע שרייבער און דיכטער אָנ־קומען צו די עלטערע לעזער, און דער דורכשניטלעכער עלטערער לעזער קוקט אַריין אין אַ מאָדערן יידיש בוך פּונקט ווי זיין טאַטע פלעגט אַמאָל אַריינקוקן אין אַ לשון־קודש־ביכל.

מיר האָבן געזען אין די פריערדיקע לעקציעס ווי פון אונזער זשאַרגאָן איז געוואָרן יידיש, ווען אונזער אינטעליגענץ איז געקומען אין שעפערישן קאָנטאַקט מיט די גרויסע יידישע מאַסן אין זייער גערעדטער שפראַך; קומען מיר איצט צו אַ תקופה, ווען יידיש הויבט אָן ווערן אַ מין נייער לשון־קודש, אַן אַקאַדעמישע בוך־שפראַך, אין וועלכער ס׳איז שוין אַמבעסטן און אַמבאַק־וועמסטן — ריין קינסטלעריש — צו שרייבן לידער אנשטאט פראָזע. און ווען מען שרייבט שוין יאָ פראָזע אַצינד, איז עס ס׳רוב פּאָעטישע דערציילונגען — זכרונות פון די אַלטע היימען און אויף היסטאָרישע „קידוש־השם"־טעמעס, אָבער נישט פון דערווירקלעכקייט, פון דער קעגנוואַרט, פון אונזער אייגן לעבן, ווייל אונזער איצטיק יידיש לעבן איז שוין שפּראַכלעך אַסימילירט, אָדער האַלב־אַסימילירט.

אָבער וועגן דעם פּראָצעס פון שפּראַכלעכער אַסימילאַציע און וועגן דער נייער ראָמאַנטישער טעמאַטיק אין אונזער ליטעראַטור, וועלן מיר רעדן אין דער קומענדיקער לעקציע.

פון רעכטס צו לינקס: ה. נאָמבערג, ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, י. ל. פרץ, אברהם רייזין און שלום אַש (שטייט) אויף דער טשערנאָוויטשער קאָנפערענץ.

פ ע ר ט ע   ל ע ק צ י ע

פון רעאַליזם צו ראמאַנטיק

די יידישע עמאַנסיפּאַציע אין אַמעריקע און רוסלאַנד זענען די אמתע, די ערשטע, עיקרדיקע און פּאָזיטיווע, מוז מען צוגעבן, סיבות פון דעם איצ־טיקן קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור, וועלכער אויסערט זיך אינם פּראָ־צעס פון פּראָזע צו דיכטונג, ווי מיר האָבן שוין באַוויזן אין דער פריערדיקער לעקציע.

דער קריזיס האָט זיך אָנגעפאַנגען ווען די גרויסע יידישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע האָבן ביים סוף פונם פאַריקן יאָרהונדערט און אין די ערשטע צען יאָר פונם איצטיקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן עמיגרירן קיין אַמעריקע, וואו זיי זענען בירגערלעך עמאַנסיפּירט געוואָרן (ד.ה. ווען די אַסימילאַטאָרישע טענ־דענצן און פּאַטענצן פון דער השכלה, וועלכע האָט ביז דאַן זיך געאויסערט צווישן דער יידישער בורזשואַזיע אין דייטשלאַנד און מערב־אייראָפּע, האָבן אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער). פון איין זייט אַמעריקע, וואו ס׳האָט אָנגע־הויבן אויפקומען דער גרעסטער צענטער פון יידישער עמאַנסיפּאַציע און גלייכבאַרעכטיקונג און פון דער אַנדערער זייט רוסלאַנד, דאָס נייע רוסלאַנד פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און ווייטער — ד.ה. אַז סאַי די בירגערלעך־דעמאָקראַטישע גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע און די אַנדערע פרייע לענדער; און סאַי די סאָציאַליסטישע אָדער, רופט עס, קאָ־מוניסטישע יידישע עמאַנסיפּאַציע אין רוסלאַנד, זענען די הויפּט־סיבות פונם קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי פון אונזער גאַנצן סעקולערן פאָל־קיזם אין דער דיאַספּאָרא.

ס׳איז פּאַראַדאָקסאַל־טראַגיש: דוקא די לענדער און רעזשימען וואָס האָבן עמאַנסיפּירט די יידישע מאַסן, זענען געוואָרן די געפערלעכסטע פאַר די פאָלקישע און נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און טענדענצן פון די זעלבע פון זיי עמאַנסיפּירטע יידישע מאַסן.

יידיש איז אין אַמעריקע נישט פאַרפאָלגט געוואָרן, ווי אינם אַמאָליקן צאַריסטישן רוסלאַנד, וואו די נייע יידישע ליטעראַטור האָט אויפגעבליט, (נישט קוקנדיק אויף די פאַרפאָלגונגען און אַ דאַנק די משכילישע שטרעבונ־

גען צו עמאַנסיפּאַציע און אויטאָ־עמאַנסיפּאַציע) און אַ רייכע יידישע פּרעסע איז אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע כל זמן די ערשטע דורות אימיגראַנטן זענען נאָך געווען פאַרבונדן מיט די „אַלטע היימען״. אָבער די נייע דורות אַמעריי־קאַנער יידן קענען שוין כמעט נישט קיין יידיש און וואָלטן נאָך ווייניקער איצט געוואוסט פון „יידישקייט״, ווען דער נאַצי־פאַשיזם פאַרשטאַרקט אויך דאָרט נישט דעם אַנטיסעמיטיזם און רופט נישט אַרויס אַזאַ אינטערעס צו דער יידן־פראַגע.

נאָך בולטער איז דער טראַגישער מאָמענט פאַר דער יידישער ליטעראַ־טור אינם איצטיקן רוסלאַנד, וואו די יידישע שפּראַך איז אָפיציעל אנערקענט און געשטיצט, און וואו די יידישע ליטעראַטור איז גלייכבאַרעכטיקט מיט די אַנדערע סאָוויעטישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן.

מיר קענען זיך לייכט פאָרשטעלן ווי אַ מיטליעריקער יידישער סאָוויע־טישער בירגער שפּאַצירט מיט זיין יינגל אויף אַ שלום־עליכם צי מענדעלע גאַס אין קיעוו אָדער אָדעס און דאָס יינגל פרעגט ביי זיין טאַטן:

„קטא עטא שאלעם אלעיכעם״? (פּונקט ווי דער סטודענט אין שלום־עליכמס דערציילונג פרעגט: „שטא עטא טאקאיע חנוכה״?)

דאָס איז די טראַגעדיע פון מינדערהייט־קולטורן און ליטעראַטורן; די איז די טראַגעדיע פון אונזער יידישער ליטעראַטור. אַ נאָרמאַלע און „גליק־לעכע״, אויב מען קען אַזוי זאָגן, טראַגעדיע, ווייל מיר שטרעבן דאָך אַלע צו פולער גלייכבאַרעכטיקונג פונם יידישן יחיד און פון די יידישע מאַסן אי־בעראַל, און די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז דאָך אויפגעקומען אַדאַנק אויך דעם עמאַנסיפּאַציע־אידעאַל פון דער השכלה; און מיר גלויבן נישט, ווי אייניקע פון אונזערע היינטיקע דיכטער און אינטעלעקטואַלן ווילן גלויבן, אַז עס זענען מעגלעך לעבעדיקע, דינאַמישע ליטעראַטורן אין געטאָס.

אָבער וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן שפּעטער. איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו אונזער טעמע — צו דעם פראַצעס וויאַזוי אונזער כאַראַקטעריס־טישע פּראָזע־ליטעראַטור ווערט אַלץ מער און מער אַ פּאָעטישע ליטעראַטור, און... צו דער איצטיקער נייער נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישער טעמאַטיק אין אונ־זער ליטעראַטור, ווייל אַ פּראָזע־ליטעראַטור מיינט אויך אַ רעאַליסטישע ליטעראַטור; און אַ פּאָעטישע ליטעראַטור ווערט אויך אין איר פּראָזע טע־מאַטיש אַלץ מער ראָמאַנטיש און ווייניקער רעאַליסטיש.

אין אַמעריקע — ווי אינם נאָך־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד — האָט די יידישע פּראָזע צו קיין קינסטלערישע הויכן נישט דערגרייכט: אויפן אַמעריקאַנעם באָדן, הייסט עס, און פונם אַמעריקאַנעם יידישן לעבן איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין קינסטלערישע פּראָזע, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן אַפילו מיט דער פּראָזע פון אונזערע אַלטע היימען. מיט די גרויסע כוואַליעס פון דער יידישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע האָבן — אָפּשטעלנדיק זיך אין ענגלאַנד — אייניקע באַדייטנדע משכיליש־סאָציאַליסטישע יידישע שרייבער אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. צווישן זיי אַזעלכע באַדייטנדע יידישע פּראָזע־שרייבער ווי דוד פּינסקי, גוידא (ב. גאָרין), קאָברין, ליבין, אב. קאַהאַן, און אַזעלכע פּאָעטן ווי מאָריס ראָזענפעלד, מאָריס ווינטשעווסקי, ליעסין, יהואש א״א. אייניקע פון זיי, אָדער כמעט אַלע פון די ערשט־דערמאָנטע „אַמעריקאַנער״ יידישע שרייבער, האָבן אָנגעפאַנגען זייער שריפטשטעלערישע טעטיקייט נאָך אין דער „אַלטער היים״ כמעט אין איין צייט מיט פּרץ, שלום־עליכם און ספּעקטאָר, און דעביוטירט אין די באַרימטע זאַמלביכער, וואָס די לעצטע דריי האָבן אַרויסגעגעבן.

ס׳איז געווען די צייט, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן זיך פאָרמירן אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע אַ משכיליש־סאָציאַליסטישע ליטעראַטור (דאַכט זיך, אַז נאָך פאַר דער גרינדונג פונם „בונד״).

טיילווייז צוליב פּאָליטישע טעמים און טיילווייז מיטגעריסן מיט דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע, האָט אויך אַ באַדייטנדער טייל פון דער משכיליש־סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ אונזערע אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע האָבן אונזערע ערשטע פּלאַטאָנישע סאָציאַליסטן אַלס אַזעלכע געפונען אַ דאַנקבאַרן באָדן: זיי האָבן דאָרט געפונען אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס, אַ יידישן פּראָלעטאַריאַט — די היימישע אָרימע בעלי־מלאכות, לופט־מענטשן און סתם אָרימע־לייט האָבן געמוזט ווערן שניידער, פּראָלעטאַריער.

קיין אַנדערע שפּראַך ווי יידיש האָבן די מאַסן נישט געקענט; סאָציאַליסטיש געשטימט זענען זיי נאַטירלעך געווען אָדער געוואָרן — איז טאַקע אין ענגלאַנד און אַמעריקע אויסגעוואַקסן אַ יידישע סאָציאַליסטישע פּרעסע און אַן אויפקלערערישע יידיש־סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור. אָבער אַ קינסטלערישע פּראָזע, וואָס זאָל אַפילו דערמאָנען די קלאַסישע, יידישע פּראָזע, וואָס איז מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר אינגאַנצן פריער אויסגעוואַקסן אין די אַלטע היימען, באַווייזט זיך נישט אין אַמעריקע, נישט אין יענער תקופה און נישט אַפילו שפּעטער, ווען אַ יונגערער דור יידישע פּראָזע־קינסטלער און דיכטער קומט קיין אַמעריקע.

די כאַראַקטעריסטישע ליטעראַרישע פאָרשטייער פון דער ערשטער אימיגראַציע זענען די פּאָעטן — עדעלשטאַדט, באָוושאָווער און מאָריס ראָזענפעלד (וועלכער איז עד־היום, גלויב איך, דער אַמעריקאַנער־יידישער דיכטער). מער ווי די פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּראָזע־און־סקיצן־שרייבער פון יענער צייט אין אַמעריקע, אַפילו מער ווי פינסקי, וועלכער געהערט נאָך אַלץ צו דער ליטעראַטור־געשיכטע פון דער אַלטער היים, רעפּרעזענטירן די פּאָעטן די ערשטע אימיגראַציע.

איך ווייס נישט צי די צווייטע אימיגראַציע (אָדער איז עס די קריסטאַליזירטע, מער־ווייניקער איינגעשטעלטע ערשטע?) האָט אַזעלכע רעפּרעזענטאַטיווע פּראָזע־שרייבער אין אַמעריקע ווי די פּאָעטן — נאַציאָנאַלערע שויז — ליעסין, יהואש און אברהם רייזען; אויב מען קען רייזענען בכלל צורעכענען צו די אַמעריקאַנער?

און די איצטיקע יידישע אַמעריקע אָדער יידישיסטישע אַמעריקע איז שוין, ווי געזאָגט, הויפּטזאַכלעך און כאַראַקטעריסטיש פּאָעטיש און דיכטעריש, כאָטש אַזעלכע באַדייטנדע און טאַלאַנטפולע פּראָזע־קינסטלער ווי פינסקי, שאַפּיראָ, אָפּאַטאָשו, איגנאַטאָוו און די פּריצייטיק־געשטאָרבענע ראַבאַי, יונה ראָזענפעלד און גלאַזמאַן, האָבן הערצאיש, קען מען זאָגן, געקעמפט פאַרטצוזעצן די נייע יידישע פּראָזע־קונסט אין דער איצטיקער אַמעריקע.

ס׳האָט אייגנטלעך געדאַרפט זיין פאַרקערט, גרויסע יידישע אַרבעטער־מאַסן אין אַמעריקע, פאָלקסטימלעכע מאַסן — דאַכט זיך, אַ גינסטיקער באָדן פאַר אַ פּראָזאַאיש־רעאַליסטישער ליטעראַטור — און דאָך וואַקסט אויס אַ גרויסע פּאָפּולערע פּרעסע, ווייל די ערשטע דורות אימיגראַנטן זענען נאָך נאָסטאַלגיש געבונדן מיט די אַלטע היימען, לעבן נאָך מער מיט די נייעס און גרוסן — ס׳רוב אומעטיקע און טרויעריקע — פון זייערע אַלטע היימען, ווי מיט דער נייער היים, וועלכע גיט זיי בירגער־רעכט, אָבער וואו זיי זענען עקאָנאָמיש נאָך געדריקט, אַרבעטן אין די „שוויץ־פאַבריקן״.

ס׳וואַקסט אויס, איינצייטיק מיט דער פּאָפּולערער פּרעסע, אַ מין אילוסטראַטיווע, נישט־קינסטלערישע, סאָציאַליסטיש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע סקיצן־ליטעראַטור; אַ סענטימענטאַל־סאָציאַליסטישע און משכיליש־פּראָפּאַגאַנדיסטישע ליטעראַטור, וועלכע אָפּערירט ס׳רוב אויף צוויי מאָטיוון — די שווערע פּראַצע און נויט פונם אימיגראַנט אין דער „גאָלדענער מדינה״ (אָדער אין דער „פרייער מדינה״) און — צווייטנס — זיין נאָסטאַלגישע בענקשאַפט צו די אַלטע היימען, מיט דעם אַלטן יידישן שטייגער און די אַלטע יידישע טיפּן — די אַלטע טאַטעס, מאַמעס, וואָס זענען געבליבן אין די אַלטע יידישע שטעט און שטעטלעך, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פון דער ווייטנס אויסזען אַלץ ראָמאַנטישער און ליבער.

אָט די אילוסטראַטיווע סקיצן־ליטעראַטור פון די ליבינס, קאָברינס, זעווינס און אַנדערע זענען ס׳רוב געשריבן געוואָרן פאַר דער פּרעסע; און די פּעאיקערע, טאַלאַנטירטערע שרייבער האָבן אָדער געשריבן „געדיכטע״ אָדער זיך גענומען צום טעאַטער, געשריבן פּיעסן, וועלכע האָבן אויך ס׳רוב געשפּילט אויף די צוויי דערמאָנטע סטרונעס: די צרות פונם אימיגראַנט אין דער פרייער גאָלדענער מדינה און זיין נאָסטאַלגישע בענקשאַפט נאָך די אַלטע היימען און היימישע מאָטיוון.

עדעלשטאַדט, באָוושאָווער און מאָריס ראָזענפעלד (און טיילווייז אויך מאָריס ווינטשעווסקי) זענען די רעפּרעזענטאַטיווע יידישע דיכטער פון דער ערשטער אימיגראַציע; דוד פּינסקי, יהואש, ליעסין, ראַלניק א״א זענען שוין די פּיל קינסטלערישערע און נאַציאָנאַלערע (אויך ווייל די מאַסן אימיגראַנטן האָבן זיך שוין אָנגעהויבן נאַטוראַליזירן און אַריבערגיין צו די מיטלערע, באַלעבאַטישערע קלאַסן) רעפּרעזענטאַנטן פון דער אימיגראַציע פונם סוף יאָרהונדערט.

ביז ס׳איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע די פּלעיאַדע יונגע דיכטער, וועלכע זענען טאַקע באַרימט געוואָרן אַלס די „יונגע״, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ פאַרגלייכמעסיק רייכע יידישע ליטעראַרישע טראַדיציע הינטער זיך, זענען אויסגעוואַקסן, אַזוי צו זאָגן, אויף אונזערע קלאַסיקער און אויף זייער פאַרפיינערטער קינסטלעריש־יידישער שפּראַך. און נישט נאָר מיט אַ יידישער קינסטלערישער קולטור, נאָר מיט אַן אַלגעמיינער רייכערער קינסטלערישער קולטור זענען זיי אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע און זיי זענען געוואָרן פּאָעטן.

זיי זענען ווי פון אַן אַנדער וועלט אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע, פון אַ וועלט, וואו ס׳איז דאָ אַ ניי יידיש פּאָלק מיט אַ נייער יונגער יידישער ליטעראַטור, מיט אַ מענדעלע, שלום־עליכם און אַ פּרץ, וועלכן זיי האָבן געוואַגט אַפילו צו קריטיקירן, זיי זענען פּול מיט אַ געזונטן גלויבן אין דער ליטעראַטור און אין די אייגענע שעפערישע כחות (איצט, אויף דער עלטער, קומען זיי צוריק צום „פּרציזם״, ווי מיר וועלן זען ווייטער).

פאַר אָט דער לעצטער ליטעראַרישער אימיגראַציע, פאַר די „יונגע״, איז דאָס יידישע וואָרט, די יידישע שפּראַך, שוין געווען אַ קינסטלערישע ווערט און דערגרייכונג פאַר זיך אַליין; אַן אינסטרומענט, פון וועלכן זיי האָבן געקענט די פּיינסטע קלאַנגען און ניואַנסן אַרויסברענגען — אמתע פּאָעזיע, מאָדערנע פּאָעטישע פאָרמען שאַפן. און ווען זיי האָבן דערזען די יידישע אַמעריקע פון יענע יאָרן מיט דער פאַרדאָרבענער שפּראַך אין דער פּרעסע, מיט דעם סענטימענטאַלן סאָציאַליזם און נאַציאָנאַליזם, האָבן זיי זיך, האַלב־קינסטלעריש־באַוואוסטזיניק און האַלב־אינסטינקטיוו, אָפּגעשיידט פון דער דעמאָלטיקער יידישער אַמעריקע — איר פּראָזע און ווירקלעכקייט.

ווען מיר רעדן איצט פון דער איצטיקער יידיש־ליטעראַרישער אַמעריקע, רעדן מיר פון מ. ל. האלפערין, פון לייוויק, משה נאדיר, גלאַטשטיין, מנחם, ראָלניק, זישע לאנדוי, מאני לייב, לאַפין, ניסענזאָן, י. סיגאל און אַ סך אַנדערע נישט־וויניקער פּעאיקע און טאַלאַנטירטע, וואָס ווערן איצט צופעליק נישט דערמאָנט.

מיר רעדן פון די „יונגע", פון די יידישע „פּאַרמיסטן" און „אינזיכיסטן". מיר זען בלויז פּאָעטן, ווען מיר רעדן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע, ווייל שוין אין זייער צאָל אַליין שטייגן זיי איבער די „יונגע" יידישע פּראָזע־קינסטלער ווי שאַפּירא, אַפּאַטאשו, ראבאי, איגנאַטאוו, גלאזמאן, וואָס זענען איינצייטיק מיט זיי אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע; וועלכע ווערן אויך ס׳רוב טעמאַטיש־ראַמאַנטיש, ד.ה. אויך פּאָעטיש.

פאַרוואָס זשע איז די „גאָלדענע מדינה" — די יונגע רעאַליסטישע אַמע־ריקע — געוואָרן דאָס לאַנד פון יידישע פּאָעטן הויפּטזאַכלעך? פאַרוואָס האָבן די צענדליקער נייע יונגע טאַלאַנטן, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט די גרויסע יידישע מאַסן אַריבערגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אויך דאָרט נישט פאַרטגע־זעצט די קינסטלערישע פּראָזע, מיט וועלכער עס האָט זיך, ווי מיר האָבן גע־זען, ביז די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר, אַזוי אויסגעצייכנט די יידישע ליטעראַטור? פאַרוואָס האָט פּאָעזיע גובר געווען די פּראָזע אין אַמעריקע? און ווען מען זאָל זאָגן: „סטייטש, די אַלע פּאָעטן, וואָס איר האָט אויסגערעכנט, זענען פונקט געבוירענע פּאָעטן! טאָ ווי קענט איר פון זיי דערוואַרטן פּראָ־זע?" קען מען דאָך פרעגן: „טאָ ווי קומט עס, וואָס די אין צאָל קלענערע פּראָזע קינסטלער, וואָס מיר האָבן שוין יאָ אין אַמעריקע, האָבן נישט געשאַפן די גרויסע נאָוועלן און דערציילונגען פונם אַמעריקאַנעם יידישן לעבן; וואָס זאָלן אַרויפליייגן זייער חתימה אויף דער איצטיקער ליטעראַרישער תקופה אין אַמעריקע און בכלל?" אַפּילו מיר זאָלן אָננעמען, אַז אַלע פּאָעטן זענען „גע־בוירענע פּאָעטן", וואָס קענען קיין פּראָזע נישט שרייבן — כאָטש איך בין חושד, אַז אויך פּאָעטן פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל און ווערן מער דיקטירט פון ווירקלעכקייט, אַ סימן: דער רוב פון די זעלבע פּאָעטן זענען לעצטנס געוואָרן גוטע זשורנאַליסטישע מיטאַרבעטער אין דער אַמעריקאַנער פּרעסע, — טאָ בלייבט די פראַגע: איז נישטאָ קיין יידיש לעבן, קיין יידישע פּראָזע אין אַמעריקע? פאַרוואָס איז אין אַמעריקע און פונם אַמעריקאַנעם יידישן לעבן נישט געשאַפן געוואָרן קיין נאָוועלע, (מיטן אויסנאַם אפשר פון ראַבאַי)

וואָס זאָל זיך פאַרגלייכן אַפילו נאָמיר זאָגן מיט די „פוילישע וועלדער", וואָס אפּאַטאָשו האָט אָנגעשריבן אין אַמעריקע ?

דער ענטפער אויף דער פראַגע איז די שפּראַכלעכע און קולטורעלע אַסי־מילאַציע, וואָס מוז פאַרקומען אין די לענדער און אונטער די רעזשימען — בורזשואַ־דעמאָקראַטישע אָדער סאָציאַליסטישע — וואָס עמאַנסיפּירן רעכט־לעך, בירגערלעך זייערע נאַציאָנאַלע און פאָלקישע מינדערהייטן.

ביז די מאָדערנע צייטן, ווען יידן האָבן געוואַנדערט פון איין געטאָ צו דער צווייטער, פון ערגערע רדיפות און גזירות צו אַ מער אָדער ווייניקער לייכטערער אָפּגעזונדערטקייט, האָט זיך דאָס יידישע לעבן שטאַרק נישט גע־ביטן; אודאי נישט שפּראַכלעך.

אין אַמעריקע אָבער, ווי אין רוסלאַנד (אין נאָך אַ גרעסערער מאָס אפשר), ווי אין אַלע מאָדערנע מלוכות, וואו יידן זענען עמאַנסיפּירט געוואָרן — און דאָס אייגענע וואָלט פאַרגעקומען אין די מזרח־איראָפּעאישע לענדער און אין פּוילן, ווען נישט די פאַטאַלע פאַשיסטישע רעאַקציעס — האָט זיך מיט דער שפּראַכלעכער און רעכטלעכער עמאַנסיפּאַציע אָנגעהויבן בייטן דער יידישער לעבנס־שטייגער, און וואָס איז נאָך וויכטיקער: דער לעבנס־שטייגער האָט גענומען בייטן די שפּראַך; און אָן אַ לעבנס־שטייגער אין דער פאָלקס־שפּראַך קען, ווייזט אויס, קיין געזונטע, קינסטלערישע פּראָזע נישט אַנטוויק־לען זיך.

אין רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, גאַליציע איז געווען אַ יידישער „שטייגער", אַ יידיש גערעדט יידיש לעבן — ס'איז געווען אַן אָפּגעשטאַנען, אין אַ געוויסן זין, פּרימיטיוו יידיש לעבן. די משכילים יידישע שרייבער האָבן עס קריטיקירט, ביטער אָפּגעלאַכט, ווייל זיי האָבן עס קולטורעל און פאָלקיש געוואָלט פאַר־וועלטלעכן. אָבער ס'איז דאָך געווען אַ גאַנצקייט, אַ בילדלעכע גאַנצקייט אין דעם לעבנס־שטייגער און מען האָט עס געקענט באַשרייבן און באַזונדערס אין דער פאָלקס־שפּראַך, אין וועלכער דער יידישער לעבנס־שטייגער האָט זיך אויסגעלעבט. דערפאַר איז אין יידיש אויפגעקומען אַ רייכע פּראָזע־ליטעראַ־טור און נישט אין דער העבראַישער שפּראַך, וועלכע איז נאָך נישט געווען קיין גערעדטע שטייגער־שפּראַך.

און ווען די משכילישע שרייבער אונזערע, רעכטע און לינקע, עלטערע און יונגערע, זענען מיט די עמיגראַציע־שטראָמען געקומען קיין אַמעריקע, האָבן זיי שוין דאָרט נישט געפונען דעם אַמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער און

נאָך נישט דעם נייעם שטייגער (אפשר יידישן ?) וועלכער הויבט זיך אפשר אָן פֿאָרמירן דאָרט, ווי ביי אונז אין ענגלאַנד, אין דער ענגלישער שפּראַך. זיי האָבן פֿאַרלאָזט זייערע אַלטע היימען און געבראַכט מיט זיך זייער טייערסטע ירושה — דעם פּראַכטפֿול אויסגעשליפֿענעם יידיש פֿון מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ און פֿון די יונגערע דאָן, שלום אש, רייזען, נאָמבערג, ווייסנבערג. זיי זענען געקומען קיין אַמעריקע מיט אַ פּראַכטפֿולער ליטעראַרישער יידישער שפּראַך און מיט פּאַטענצן זי — די שפּראַך — נאָך מער צו באַרייכערן און פֿאַרפֿיינערן, און האָבן אין אַמעריקע געפֿונען נאָך אַ פּיל „מיאוסערן” זשאַרגאָן ווי דער, וואָס די ערשטע משכילים האָבן געפֿונען אין מזרח־אייראָפּע פֿאַר מענדעלען, איידער ס׳איז יידישע ליטעראַטור אויסגעוואַקסן.

די יונגע און נייע יידישע טאַלאַנטן, וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע ביים אָנפֿאַנג פֿון דעם איצטיקן יאָרהונדערט מיט די קלאַנגען פֿון פּרץ׳ס און שלום־עליכמס יידיש נאָך אין די אויערן און אין האַרצן, האָבן נאָך אפשר גע־פֿונען יידיש־רעדנדיקע שטיבער אויף דער איסט־סייד. אָבער וואָס פֿאַר אַ יידיש איז דאָרט גערעדט געוואָרן, וואָס פֿאַר אַ נייער אַנגליזירטער „זשאַר־גאָן” ? און די קינדער פֿון די עמיגראַנטן האָבן שוין אויך דעם זשאַרגאָן נישט פֿאַרשטאַנען . . . און ווי שוין פֿריער באַמערקט, איז שוין ריין טעכניש און קינסטלעריש שווער געוואָרן צו שרייבן פֿונם יידישן לעבן אין אַמעריקע אין יידיש. דער אַלטער שטייגער לעבן איז צעבראָכן, צעשטיקלט, אָן אַלטע און אָן נייע נאָך וואָרצלען ; און דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע איז שוין אַזאַ, אַז דער יידישער שרייבער מוז עס, אַזוי צו זאָגן, איבערזעצן אין דער יידישער שפּראַך. איך מיין, אַז יעדער יידישער שרייבער אין אַמעריקע, און אין ענגלאַנד און אין רוסלאַנד, מוזן מודה זיין, אַז ס׳איז שוין גרינגער און נאַטירלע־כער אין די לענדער צו שרייבן דערציילונגען פֿונם יידישן לעבן אין ענגליש אָדער רוסיש, ווי אין דער יידישער שפּראַך, אין וועלכער דאָס יידישע לעבן רעדט שוין נישט.

דאָס הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז מען קען נישט, צום ביישפּיל, אין ענג־ליש צי אין פֿראַנצויזיש, שרייבן פֿונם לעבן פֿון כינעזער אָדער נעגערס. געוויס קען מען. און גוטע זאַכן זענען געשריבן געוואָרן, פֿון פֿרעמדע שטייגערס און טיפּן אין פֿרעמדע שפּראַכן ; פּונקט ווי אין העברעאיש זענען געשריבן גע־וואָרן ווערטפֿולע דערציילונגען און ראָמאַנען פֿונם יידיש־גערעדטן יידישן לעבן, זענען אַ סך אויך גוטע און מער־ווייניקער געטרייע דערציילונגען גע־שריבן געוואָרן אין יידיש פֿונם איצטיקן שפּראַכלעך אַסימילירטן, צי האַלב־

אַסימילירטן, יידישן לעבן אין אַמעריקע. אָבער דער עלעמענט פון „איבערזע־צונג" איז דאָך שוין דאָ אין דער קינסטלערישער יידישער פּראָזע אין אַמעריקע. און ווען מיר לייענען אַפילו אַזעלכע רייפע און, ביי אונז, ערשט־ראַנגיקע דער־ציילער ווי שאַפּיראָ און אָפּאַטאָשו, מוזן מיר גלייך דערפילן, אַז זייער גוטער, פּוריסטישער און קינסטלערישער יידיש איז דער יידיש, וואָס זיי האָבן גע־בראַכט פון דער היים און אייגנאַרטיק, אינדיווידועל אַנטוויקלט; און נישט דער יידיש פון דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס זיי שילדערן. דערפאַר איז דאָ אַ דיסאָנאַנס אין זייערע רעאַליסטישע דערציילונגען; דערפאַר זען זיי אויס דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן צו „ליטעראַריש", און דערפאַר שרייבן זיי שוין אַממייגסטן פונם אַלט־היימישן לעבן אָדער אויף „טעמעס".

אָבער מיר רעדן דאָך נישט אַצינד פון איינצלנע שרייבער און איינצלנע שאַפונגען, נאָר פון אַ יידישער שטייגער־ליטעראַטור, פון אַ יידישער פּראָזע־ליטעראַטור — און אַזעלכע קענען, ווייזט אויס, נאָר זיך אַנטוויקלען אין אַ לעבעדיקער און גערעדטער — אין מאַרק, אין שטוב, אין גאַס און „פון קינד און קייט" — פאָלקס־שפּראַך.

איך ווייס נישט צי אַ סך פון אונזערע אַמעריקאַנער יידישיסטן וועלן זיין אַזוי איינגעשפּאַרט און זאָגן, אַז מייקל גאָלד, צום ביישפּיל, און אַנדערע ענג־ליש־שרייבנדיקע אַמעריקאַנער יידן זענען ווייניקער געטריי דעם איצטיקן יידישן לעבן ווי די יידישע דערציילער אין אַמעריקע. דאָס אייגענע קען גע־זאָגט ווערן וועגן באַבעל און אַנדערע, וואָס שרייבן פונם יידישן לעבן אין דער רוסישער שפּראַך אינם נייעם רוסלאַנד. און וועגן די לואי גאָלדינגס און ווילי גאָלדמאַנס ביי אונז אין ענגלאַנד. און די פּאָר יידישע שרייבער, וואָס מיר האָבן דאָ, שרייבן נישט פונם ענגליש־יידישן לעבן. מייסטנס „דיכטן" זיי.

(די כאַראַקטעריסטישע לאָנדאָנער שרייבער זענען מייסטנס, דיכטער, ווי צום ביישפּיל דער פאָלקסטימלעכער אייגנאַרטיקער משה עובד, שטענצל, מלכה לאָקער, טויבעש, יוסף הלוי, אויב מ׳קען זיי באַצייכנען אַלס לאָנדאָנער, און בן־א. סאָכאַטשעווסקי, פּאַלמע; און פון די פּראָזע שרייבער ליסקי און אסתר קרייטמאַן).

ס׳איז שוין אַוועק די צייט, ווען מיר האָבן געקענט זיך קריטיש באַציען און אַפילו לאַכן פון די דערציילער פונם יידישן לעבן אין פרעמדע שפּראַכן; באַזונדערס, ווען מיר פלעגן זיי פאַרגלייכן מיט אונזערע געזונטע און שעפע־רישע דערציילער אין יידיש. אגב, איז פאַר אונז סימפּאַטאָמאַטיש די מערונג פון יידישע דערציילער אין ענגליש און רוסיש; ווי אויך אין העברעאיש אין א״י, וואו עס הויבט זיך דאָך אָן אַ יידיש לעבן אין העברעאיש.

איך מיין, אַז מיר האָבן גענוג קלאָר און בולט אַנאַליזירט דעם פּראָצעס פון פּראָזע און דיכטונג, וואָס אונזער ליטעראַטור האָט לעצטנס דורכגעמאַכט, מיר הויבן אָן זען פאַרשטיין די אינערלעכע טראַגעדיע — און ס'איז אַ טראַגעדיע, כאָטש מיר און זיי זענען ס'רוב נישט באַוואוסט דערויף — ווען יונגע טאַלאַנטירטע יידישע שרייבער, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אויף אונזערע קלאַסיקער אין פּראָזע, ווערן, אַזוי צו זאָגן, געצוואונגען — ווען אַפילו דורך רוח־הקודש — צו ווערן דיכטער.

איך וועל נישט וואַגן צו זאָגן, אַז אונזערע איצטיקע פּאָעטן זענען נישט קיין פּאָעטן, (הגם אמתע פּאָעטן זענען בכלל ווינציק דאָ) אָבער אונזערע גרויסע פּראָזאַאיקער זענען אודאי נישט געווען קיין קלענערע פּאָעטן, און דאָך האָבן זיי געקענט אויפבויען אונזער פּראָזע־ליטעראַטור, ווייל דאָס יידישע לעבן האָט געהאַט אַ כאַראַקטעריסטישע שטייגער אייגנאַרטיקייט און זיי האָבן געהאַט אַ לעבעדיקע און גערעדטע און געלעבטע יידישע פאָלקס־שפּראַך. זיי האָבן נישט געקענט, ווען זיי וואָלטן אַפילו געוואָלט, זיך פאַרשליסן אין ריין פּאָעטישע פאָרמען. די דעמאָלטיקע יידישעווירקלעכקייט האָט זיי נישט געלאָזט. און ווי־פל פון אונזערע היינטיקע גוטע פּאָעטן וואָלטן אפשר געוואָרן נאָך בעסערע און שעפערישע דערציילער, ווען די איצטיקע יידישע ווירקלעכקייט לאָזט פון זיך דערציילן אין דער יידישער שפּראַך; און ווען יונגע יידישע דורות־לעזער וואָלטן געוואָרט און געפאָדערט מען זאָל זיי דערציילן אין יידיש פון זייער לעבן און פון זייערע קעגנווערטיקע פּראָבלעמען.

אין די אַלטע, איצט חרובע היימען און באַזונדער אין פּוילן, איז נאָך געווען אַ לעבנס־שטייגער, וואָס האָט זיך געבעטן: „שילדער מיך, באַשרייב מיך, כדי מיר זאָלן בעסער ווערן!" און עס זענען דאָרט אויפגעקומען אונזערע לעצטע גייע דערציילער, וואָס זענען געקומען נאָך ווייסנבערג און בערגעלסאָן — די דערציילער עוזר וואַרשאַווסקי, האַראַנטשיק, באַשעוויס, פוקס און דער שטאַרקסטער און באַוואוסטזיניקסטער, אַזוי צו זאָגן, פון אונזערע לעצטע רעאַליסטן — י. זינגער, וועלכער איז, ליידער, צו יונג פון אונז אַוועק.

אָבער, ווי שוין באַמערקט, האָט אויך אין אונזערע אַלטע היימען און ליטעראַטור־צענטערן אָנגעהויבן גובר זיין דער פּאָעטישער עלעמענט, דער באָדן־שטייגער איז אויך דאָרט פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר פאַר דער מלחמה געוואָרן נישט שטאַרק זיכער צוליב אַלגעמיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע סבות, און הויפּטזאַכלעך, ווייל אונזערע אַלטע צענטערן האָבן אָנגעהויבן זען זייער צוקונפט — פּאָליטיש און אידעאָלאָגיש — אין רוסלאַנד אַמעריקע אָדער אין ארץ־ישראל, פון וועלכע זיי זענען אַלץ מער אָפּהענגיק געוואָרן.

מיר האָבן געזען, אַז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אונזער יונגער לי־טעראַטור ביז דעם לעצטן פירטל יאָרהונדערט, אומגעפער, איז געווען איר פּראָזע; די יידישע ליטעראַטור איז געווען אַ פּראָזאַאישע און די העברעאי־שע — אַ פּאָעטישע.

און ווען מען זאָגט, אַז אַ ליטעראַטור איז אַ פּראָזאַאישע, הויפּטזאַכלעך, מיינט עס שוין אויך, אַז די ליטעראַטור איז דער עיקר אַ רעאַליסטישע; דאָס הייסט, אַז אונזער ליטעראַטור איז אין איר גלענצנדער פּראָזע־תקופה, אין איר קלאַסישער תקופה, ווי זי ווערט איצט באַצייכנט, געווען הויפּטזאַכלעך אויך אַ רעאַליסטישע ליטעראַטור. (ווי שוין פריער באַמערקט הויבט זיך די מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור אָן מיט ווייזעלס פּסעוודאָ־קלאַסישער „מאָזאַאידע" און די מאָדערנע יידישע — מיט די רעאַליסטישע פּיעסן אייכלס „ר' הענעך" און וואָלפזאָנס „לייכטזין און פרעמעליי").

מיטן אויסנאָם פון פּרצן, פון אונזערע עלטערע קלאַסיקער, און פון אש'ן פון אונזערע יונגערע קלאַסיקער — זענען זיי אַלע געווען פּראָזע־שרייבער און רעאַליסטן. אייזיק מאיר דיק, לינעצקי, מענדעלע, שלום־עליכם, ספּעק־טאָר, דינעזאָן, פּינסקי, פון די עלטערע, זענען אַלע געווען רעאַליסטן.

רייזען דער דערציילער, נאָמבערג, ווייסנבערג, בערגלסאָן, שניאור, שאַ־פּיראָ, יונה ראָזענפעלד און טייטעלבוים אָפּאַטאָשו זענען אַלע רעאַליסטן.

פאַרשטייט זיך, אַז איך נוץ נישט אַצינד דעם טערמין רעאַליזם אין אַן ענגן ליטעראַטור־אַקאַדעמישן זין. ווען איך זאָג, אַז די אַלע אויסגערעכנטע שרייבער אונזערע זענען רעאַליסטן, מיין איך נישט, אַז זיי האָבן אַלע באַ־לאַנגט צו איין רעאַליסטישער שולע אָדער ריכטונג אָט ווי עס ווערט פאַר־שטאַנען ווען מען רעדט פון דער „זאָלא און גאָנקור" רעאַליסטישער שולע אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור; ווייל דער רעאַליזם, פון וועלכן איך רעד אַצינד נעמט אַריין צענדליקער, קען מען זאָגן, שאַטירונגען, קינסטלערי־שע פאָרמען און אַפילו ריכטונגען.

זאָלאָ איז אַ רעאַליסט און פלאָבער איז אַ רעאַליסט; דיקענס איז אַ רעאַליסט און טהעקערי און האַרדי און דזשעין אָסטין און וועלס און שאָו זענען רעאַליסטן. טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי און טורגעניעוו, טשעכאָוו, גאָרקי און שטשעדרין זענען רעאַליסטן אינם ברייטן זין פונם וואָרט. און, ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, זענען די מאָדערנע גרויסע שרייבער, ווי דער פראַנצויזי־שער פּרוסט און דער אירלענדיש־ענגלישער דזשעימס דזשאָיס, אין תוך גענו־מען, רעאַליסטן, כאָטש זיי זענען קינסטלעריש, פאָרמיסטיש און טעמפּעראַ־מענטאַל אַזוי ווייט פונם רעאַליזם פון אַ זאָלאַ אָדער אַ טשעכאָוו און מאָפּאַסאַן.

עס זענען דאָ סאַטירישע רעאַליסטן, הומאָריסטישע און לירישע רעאַ־

ליסטן; רעאַליסטן־נאַטוראַליסטן, ביאָ און סאָציאַלע רעאַליסטן, פסיכאָ־אַנאַ־ליטישע און אַפילו ראָמאַנטישע רעאַליסטן, און רעאַליסטן־אימפּרעסיאָניסטן, נישט רעדנדיק שוין פון פאַרשידענע קלאַסן און אידעאָלאָגישע טענדענצן.

ווי עס איז צו זען, זענען פאַראַן רעאַליסטן פון פאַרשידענע קינסטלערי־שע מדרגות, טעכנישע, קינסטלערישע און צייט־אידעאָלאָגישע דערגרייכונגען טענדענצן און שולן אַפילו. און עס זענען פאַראַן אַ סך גרויסע קינסטלער און שריפטשטעלער, וועלכע זענען רעאַליסטן, כאָטש זיי אַליין וואָלטן זיך אָפּגע־שאָקלט פון דעם ריין אַקאַדעמישן, טענדענציעזן און פאָטאָגראַפישן רעאַליזם.

אָבער וואָס עס פאַראייניקט דאָך אַלס רעאַליסטן אָט די אַלע דערמאָנטע גרויסע אינדיווידועלע שריפטשטעלער איז, וואָס אַלע האָבן זיי אין זייערע ווערק געשילדערט די ווירקלעכקייט, ווי זיי האָבן זי געזען. זיי האָבן געשיל־דערט די מענטשן און אומשטענדן פון זייער צייט, וואָס זיי האָבן אַליין גע־קענט, אָבסערווירט און שטודירט. און אַפילו ווען אַ פּאָר פון זיי — ווי טאָל־סטאָי, אין זיין „קריג און פרידן“ און פלאָבער, אין זיין „סאַלאַמבאָ“ — האָבן געשריבן אויף היסטאָרישע טעמעס, האָבן זיי די טעמעס באַהאַנדלט רעאַליס־טיש. זיי האָבן נישט געשריבן פון דער פאַרגאַנגענהייט ווי ראָמאַנטיקער, כדי צו אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט און קעגנוואַרט, נאָר מיט די אויגן פון דער קעגנוואַרט.

אָט די אַלע שריפטשטעלער זענען רעאַליסטן אין דעם זין, הויפּטזאַכלעך, ווייל זיי האָבן געשילדערט די ווירקלעכקייט, דאָס לעבן אַרום זיי, כאָטש נאַ־טירלעך מיט פאַרשידענע טענדענצן, קינסטלערישע פּאָטענצן, דערגרייכונגען, קונסט־ריכטונגען און לויט זייערע אינדיווידועלע טעמפּעראַמענטן.

סטענדאַל, באַלזאַק, פלאָבער, זאָלאַ און פּרוסט און צענדליקער אַנדערע אין פראַנקרייך; טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו, טשעכאָוו, גאָרקי, אין רוסלאַנד; פילדינג, דיקענס, טהעקערי, דזשעין אָסטין, האַרדי א״א אין ענגלאַנד — זיי האָבן אַלע געשילדערט די געזעלשאַפט, די מענטשן פון זייער צייט, כאָטש זיי זענען נישט געגאַנגען אין איין ליטעראַרישן חדר; כאָטש זיי האָבן נישט באַלאַנגט צו איין „רעאַליסטישער שולע“.

פון אָט דעם מין רעאַליזם, פון רעאַליזם אין דעם זין פון ווירקלעכקייט און קעגנוואַרט, רעד איך, ווען איך זאָג, אַז דער קלאַסישער פּעריאָד אין אונ־זער ליטעראַטור, אַז כמעט אַלע אונזערע קלאַסיקער זענען געווען רעאַליסטן. ביז די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר אין אונזער ליטעראַטור, הויפּטזאַכלעך, גע־ווען אַ פּראָזע־ליטעראַטור, און פּראָזע־ליטעראַטור מיינט שוין אויך, ווי מיר האָבן ערשט געזען, אַ רעאַליסטישע ליטעראַטור.

פאַרשטייט זיך, אַז אויך אונזער רעאַליזם איז געווען פון פאַרשידענע וויכטיקע קינסטלערישע, טעמפּעראַמענטאַלע שאַטירונגען און טענדענצן, ניואַנסן און דערגרייכונגען. לינעצקיס „פּוילישע יונגל“ איז גראָטעסקער רעאַליזם; מענדעלעס רעאַליזם איז סטיליזירט און סינטעזירט; מענדעלע איז געווען אַן אינטעלעקטואַלער סאַטיריקער־רעאַליסט; און שלום־עליכם — אונזער גרויסער „מענטשלעכער“ הומאָריסט; ספּעקטאַרס רעאַליזם — אַ פּיסנער און פּאַטאָגראַפישער; דינעזאָנס — אַ סענטימענטאַליסטישער; אַש, אין די ערשטע יאָרן, איז געווען ראָמאַנטיש־רעאַליסטיש און וויסנבערג — געזונט און פּלאַסטיש; נאָמבערג, בערגלסאָן און שאַפּיראָ — אינטעלעקטואַלע רעאַליסטן אאַ״וו. יעדער פון זיי, און פון די צופעליק גישט דערמאָנטע נעמען, האָט זיך זיין אייגן קינסטלעריש פּנים און אייגענע כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס דער ליטעראַטור־קריטיקער קען דערזען, ווען ער באַהאַנדלט זיי אינדיווידועל. אָבער דאָס געמיינזאַמע צווישן זיי אַלע (און מיר רעדן דאָך אין דער סעריע לעקציעס בכלל וועגן די הויפּט־ליניעס און כאַראַקטעריסטיקעס פון אונזער ליטעראַטור) איז, אַז זיי זענען אַלע געווען רעאַליסטן. זיי האָבן אַלע געשילדערט דאָס יידישע לעבן, די יידישע ווירקלעכקייט, אין וועלכער זיי האָבן געלעבט. זיי האָבן אַלע אָבסערווירט און געשילדערט די יידישע מענטשן, די יידישע טיפּן, וואָס זיי האָבן געקענט, געזען און שטודירט. מיט איין וואָרט, דעם יידישן יחיד, דעם יידישן שטייגער, די יידישע געזעלשאַפט האָבן זיי געשילדערט ווי זיי האָבן געזען לויט זייערע אנשויאונגען — משכיליש־סאָציאַליסטישע, משכיליש־נאַציאָנאַלע און פאָלקיסטישע — און לויט זייערע אינדיווידועלע טעכנישע און קינסטלערישע גרעסערע אָדער קלענערע פעאיקייטן און טאַלאַנטן. אונזער ליטעראַ!טור איז געווען אַ פּראָזע און רעאַליסטישע ליטעראַטור ביז פּרץ׳ן.

פאַרוואָס עפּעס ביז פּרץ׳ן? — קען מען פרעגן. ווער שמועסט ווען מיר ווייסן, אַז אויך אין דער צייט, ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן ווערן באַוואוסטזיניק־ראָמאַנטיש, אַזוי צו זאָגן, האָבן אונזערע גרויסע אַלטע רעאַליסטן געלעבט און געשאַפן; און די יונגערע רעאַליסטן האָבן זיך אַפילו אין זיין סביבה ערשט אָנגעהויבן אַנטוויקלען און רייפן. איך מיין אָבער אַז ס׳איז אין אַלגעמיין ריכטיק צו באַצייכענען, אַז מיט פּרץ׳ס גדולה און אומפאַרגלייכלעכן איינפלוס, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אויסאיבן אויף די יונגערע יידישע שריפטשטעלער און קינסטלער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, האָט זיך אָנגעהויבן די ראָמאַנטישע און פּאָעטישע תקופה — אָדער וואָס איז נאָך סימפּטאָמאַטישער, די טעמאַטישע תקופה — אין אונזער ליטעראַטור, אין וועלכער מיר געפינען זיך נאָך אַציגד, און וועלכע האָט איר הויך און איינצייטיק איר ירידה פּערזאָניפי־

צירט אין אש׳ן — אין שלום־אש׳ן דעם ראָמאַנטישסטן שרייבער אין דער יידישער ליטעראַטור (אָבער וועגן אש׳ן וועלן מיר רעדן באריכות אַביסל מער ווייטער).

פאַרוואָס זשע קענען מיר פאָרט זוכן דעם אָנפאַנג פון דער איצטיקער ראָמאַנטישער, נישט רעאַליסטישער דעקאַדאַנס־תקופה — דעקאַדאַנס־תקופה, לויט מיין מיינונג — אין אונזער ליטעראַטור מיט פּרץ׳ן? איך מיין, הויפּטזאַכלעך, דערפאַר, ווייל פּרץ דער אינטעלעקטואַלער, קאָפּ־קינסטלער, האָט דער ערש־טער דערפילט די נישט זיכערקייט פון דער יידישער ליטעראַטור און שפּראַך אין אַ רעאַליסטישער דיאַספּאָרא, און פּרץ האָט געוואָלט אויפהאַלטן און פאַר־זיכערן די עקזיסטענץ פון יידיש אין גלות. נאַטירלעך איז ער טעמפּעראַמענ־טאַל אַלס אינטעלעקטואַלער, אידעאישער שריפטשטעלער געווען מסוגל דער ערשטער דאָס צו דערפילן און זוכן די ווערטן, די פּאָזיטיווע ווערטן — אַלטע און נייע — וואָס זאָלן אויפהאַלטן דאָס פאָלק, זיין שפּראַך און ליטעראַטור.

די אַנדערע גרויסע משכילישע שרייבער פון פּרץ׳ס צייט און פריער האָבן געוואוסט און געפילט, הגם נישט אַלע האָבן עס אַרויסגעזאָגט, אַז זיי זענען „די לעצטע״. (וואו זענען די קינדער פון די קלאַסיקער פון די מאָדערנע העב־רעאישע און יידישע ליטעראַטורן?) אַפילו שלום־עליכם, דער זאַפטיקסטער און פאָלקסטימלעכסטער פון אונזערע קלאַסיקער האָט אויסגעדריקט די האָפ־נונג, אַז „זיינע ביינער וועלן אַריבערגעפירט ווערן קיין ארץ־ישראל״ (ד.ה. אַז ער וועט לעבן אין דער העברעאישער שפּראַך). ער האָט נישט געחלומט, אַז אין אַ נייעם רוסלאַנד וועט ער פאַר אַ צייט אויפלעבן מיט אַ ניי לעבן, ש׳ער נישט ווי אַ קולט!

פּרץ האָט אָבער נישט געוואָלט זיין דער לעצטער, ער האָט געוואָלט ווערן דער ערשטער.

פּרץ דער עכטער משכיל (ער איז געווען מער און עכטערער משכיל ווי שלום־עליכם), וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט מיט אַ פּאָפּולער־היגיענישער בראָשור „אַז מען וויל נישט, שטאַרבט מען נישט פון חלי־רע״ און מיט אַזעלכע קרעפטיקע רעאַליסטישע פּובליציסטישע אַר־טיקלען ווי „בילדונג״ און „וואָס איז אַזוינס געשיכטע?״ — האָט זיך אַרומגע־זען, אַז מיט „רעאַליזם״ אַליין, באַזונדער קריטישער רעאַליזם (און רעאַליזם מוז זיין קריטיש, ווייל ס׳איז בכלל נאָך נישטאָ אַזאַ מענטשלעך לעבן, וואָס קען אידעאַליזירט ווערן) — קען דאָס יידישע פאָלק און די יידישע ליטעראַטור נישט לעבן אין דער דיאַספּאָרא. און וואָס מיר מוזן געדענקען, ווייל ס׳איז זער כאַראַקטעריסטיש, פּרץ איז נישט געווען קיין ציוניסט, ער איז אפשר גע־ווען מער אַנטי־ציוניסט ווי מענדעלע, הגם נישט פּרינציפּיעל; און שלום־

עליכם איז, ווי באַקאַנט, יאָ געווען אַ ציוניסט. (אַלס ייִנגל איז מיר אויסגעקור־מען צו הערן פון פּרץ'ן זיין כאַראַקטעריסטישע מיינונג וועגן ציוניזם: „ווען מען זאָל ביי דער פּמליה של מעלה פרעגן, צי יידן דאַרפן האָבן אַ לאַנד אין דער צייט, ווען אַלע פעלקער האָבן אייגענע לענדער, וועט מען זיכער ענט־פערן: 'יאָ'. אָבער ווען מען זאָל זיי פרעגן, צי עס קען פאַרווירקלעכט ווערן, וועלן זיי ענטפערן: 'ניין!'"). פּרץ איז אידעאָלאָגיש געשטאַנען אומגעפער צווישן דעם „בונד" און „דובנאָוויזם", אָבער אַלס אינדיווידועלער קינסטלער, אַלס דיכטער, באַאיינפלוסט פון די ראָמאַנטישע אַנטי־רעאַליסטישע טענדענצן אינגם אָנפאַנג פונם איצטיקן יאָרהונדערט אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור בכלל, האָט ער זיך נישט געקענט באַנוגענען מיט די סאָציאַליסטישע האָפענונ־גען פונם „בונד", און מיט נאַציאָנאַלער מינדערהייט־אויטאָנאָמיע אין דער דיאַספּאָרא. און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די גייסטיקע ווערטן און סימבאָלן אינגם יידישן לעבן און פאַרן יידישן לעבן. אי אַלס ייד אי אַלס שריפטשטעלער, וועלכער איז געווען באַאיינפלוסט פונם סימבאָליזם און ראָמאַנטיציזם, וואָס האָבן דאַן אָנגעהויבן הערשן אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

פּרץ, אונזער נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיקער און סימבאָליסט, איז אויך גע־ווען דער אייראָפּעאישסטער און מאָדערניסטישסטער צווישן די יידישע שריפטשטעלער פון יענער צייט. פּרץ, דער ראַציאָנאַלער משכיל (פון וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַפרייט) און אינטעלעקטואַל, האָט דער ערשטער דערפילט, אַז מיט יידיש, ווי אַ צווייט־ראַנגיקע שפּראַך און מיט אַ רעאַליסטי־שער, וואָכעדיקער אַפילו שלום־עליכם'דיקער ליטעראַטור, וועלן מיר נאָך נישט קענען ווי יידן אויסלעבן זיך אין גלות. איז ער אָבער אַלס קינסטלער און אונטערן איינפלוס פון די דאַן מאָדישע טענדענצן און שטימונגען אין דער אייראָפּעאישער און סלאַווישע ליטעראַטורן געקומען צו דעם נישט־רעאַליס־טישן און טראַדיציאָנעלן אויספיר, אַז מיר דאַרפן זוכן און געפינען די יידישע גייסטיקע ווערטן, וואָס זאָלן אונז געבן די כחות און דעם זין צו לעבן ווי אַ פאָלק, נישט ווי אַלע פעלקער. (פּראַכטפולע דערציילונגען פון חסידישן לעבן האָט אויך יהודה שטיינבערג געשריבן פאַר אים אפשר, אָבער פּרץ האָט זיי געשריבן „לשמה" אַזוי צו זאָגן) און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די „שבת־יום־טוב־דיקע יידן" און ער האָט אַריינגעוואָרפן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי אַ ברענענדיקן פאַקעל דעם לאָזונג „שבת זאָל זיין"! גלייך ווי עס קאָן זיין אַ שבת אָן אַ שווערן, האַרעפּאַשנעם, גרויען אינדערוואָכן, גלייך ווי אַ פאָלק אָן אַן אינדערוואָכן קען האָבן אַ שבת. פּרץ האָט געוואָלט אַריבערשפּרינגען דעם אינדערוואָכן און מקרב זיין דעם קץ...

ס'איז ביז גאָר אינטערעסאַנט און כאַראַקטעריסטיש ווי פּרץ'ס איינפלוס האָט זיך אָנגעהויבן אויסאיבן אויף דער פאָלקסטימלעכער יידישער אינטעליגענץ און אויף די יונגערע יידישע שרייבער און קינסטלער פון זיין צייט און סביבה.

פּרץ'ס נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיציזם און סימבאָליזם האָבן זיך „אַריינגעגנבט" קען מען אפשר אַזוי פּראָסט זיך אויסדריקן, אין אונזער ליטעראַטור אויף אַ ביז גאָר רעאַליסטישן שטייגער: דערצויגן אויף די עלטערע משכּיליש־רעאַליסטישע שרייבער, און אויף די גרויסע רוסישע רעאַליסטן, האָבן די יונגע שריפטשטעלער אונטער פּרץ'ס השפּעה, אָנגעהויבן רעאַליסטיש שילדערן נישט די צעבראָכענע גלות־אומתחום־יידן, נאָר די געזונטע וואוילע־יונגען, די שטאַרקע יידן פון די פאַרפונדעוועטע יידישע שטעטלעך.

די עלטערע יידישע רעאַליסטן האָבן אונז געוויזן די קראַנקע, שאָטנדיקע לופט־מענטשן — די גלופּסקער און קבצאַנסקער קרעמער, לופט־הענדלער, קאַליקעס און מלמדים, און זייערע בעלי־טובות די פאַרשידענע בעלי־טאַקסע און פּראָצענטניקעס, די האָצמאַכס און די פישקעס ביז שלום־עליכמס לעבנסזאַפטיקע און פאָלקסטימלעך־ליבלעכע טביהס און מנחם־מענדלס מיט זייערע ווייבער און קינדער. פּרץ האָט זיך מיט די נעגאַטיווע טיפּן נישט באַגנוגנט און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די פּאָזיטיווע יידישע טיפּן און מאָטיוון; און אונטער דער השפּעה פון זיינע קינסטלעריש־ראָמאַנטישע זוכונגען, האָבן די יונגערע קינסטלער און שריפטשטעלער אָנגעהויבן שילדערן די געזונטע טיפּן, די בעלי־כוח אין דעם יידישן לעבן.

שלום אַש איז פריילעך דערשינען מיט זיין אידיליש שטעטל, מיט זיין „קוילער געסל", מיט זיין חברה דרייפ פיי'ען — פישערס, פליישערס, פורמאַנעס.

באַלד איז וויסנבערג געקומען מיט זיין „טאַטע מיט די בנים" און מיט זיין נאָך געזונטערן און רעאַליסטישערן „שטעטל", און ס'איז אַוועק אַ סדרה וואוילע־יונגען, בריונים אין אונזער ליטעראַטור. כוחות, כוח — איז געוואָרן דער יום־טובדיקער מאָטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור. אַפילו ביאַליק האָט אָנגעשריבן זיין „אריה בעל־גוף". קצבים, אָקסן־הענדלער, פערד־גנבים און סתם געזונטע יונגען, שלעגערס, וואָס ווייסן וואו צו קנייפּן און וואו צו זבענקען... ס'איז אויך געווען די צייט, ווען דער גאַנצער יידישער תהום אינם צאַריסטישן רוסלאַנד איז באַלעבט און אויפגעלעבט געוואָרן פון דער „סאַמאַ אבאָראָנע"־זעלבסט־שוץ. איר געדענקט יענע צייטן?

מיר קענען ערשט איצט זען ווי פּאַטעטיש יידישע אינטעליגענטן, עקסטערניקעס, לערנערס, סטודענטן, האָבן זיך עס דאַן געקוויקט מיט דער גאַ־

לעריע געזונטע יידישע טיפּן און כאַראַקטערן, וואָס די יונגע יידישע ליטעראַטור האָט דאַן אַזוי רעאַליסטיש פאַר אונז געשילדערט, געוויזן... אָ, מיר האָבן אויך כחות, געזונטע יידן, מיר זענען שטאַרק. רעאַליסטיש, זאָג איך.

אפשר די בעסטע קורצע רעאַליסטישע דערציילונגען זענען דאַן געשאַפן געוואָרן אין אונזער ליטעראַטור; רעאַליסטיש אָבער אין דעם רעאַליזם איז שוין געווען, ווי געזאָגט, פּרץ׳ס השפּעה. ווען אַפילו אַן אומדירעקטע און פּאַראַדאָקסאַלע השפּעה. עפּעס ווי פּרץ׳ס ראָמאַנטיציזם וואָלט באַקעמפט דעם וואַכעדיקן רעאַליזם אין אונזער ליטעראַטור דורך און מיט דער הילף פון אַט די געזונטע רעאַליסטישע דערציילונגען און שילדערונגען פון געזונטע יונגען.

אָט די געזונטע טיפּן, וואָס די יונגע יידישע קינסטלער האָבן, דאַכט זיך, אַזוי רעאַליסטיש געשילדערט, האָבן שוין צופיל אָנגעהויבן שמעקן מיט ראָמאַנטיציזם. אונזערע שרייבער האָבן זיך שוין צופיל געצאַצקעט און האלובעט מיט זיי, עפּעס שוין כמעט ווי ווייבלעך. אַך, אַזעלכע וואוילע־יונגען מיט אַזעלכע שטאַרקע מוסקולן. און אונזער אינטעליגענץ, אַפילו אונזער ליטעראַטור־קריטיק, האָט מיט אַזאַ פּאַטעטישער, אינטעליגענטער התפּעלות פון זיי אָנגעקוואָלן.

ס׳איז כאַראַקטעריסטיש, דאָס דוקא אש, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער ראָמאַנטישסטער פון אונזערע שרייבער, איז געווען דער ערשטער אפשר וואָס האָט אַריינגעפירט די חברה דריי פּיי׳ען אין אונזער ליטעראַטור; און ער האָט זיי שוין דאַן אַזוי ראָמאַנטיש און אַזוי יום־טובדיק געשילדערט (ווייסנבערג האָט אינסטינקטיוו געקעמפט מיטן שטייגנדיקן ראָמאַנטיציזם און איז געבליבן אַ רעאַליסט).

אַן אומדירעקטע השפּעה האָט פּרץ׳ס נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק געהאַט אויך אויף נאָמבערגן און בערגלסאָנען, וועלכע האָבן די ערשטע אָנגעהויבן שילדערן די יידישע אינטעליגענטן און האַלבע אינטעליגענטן אין אונזער יידישער ליטעראַטור. פּרץ, מיט זיין סימבאָליזם און מאָדערניזם, האָט אפשר מער ווי סאַי וועלכער פון אונזערע קלאַסיקער געמאַכט יידישע לעזער צווישן אונזערע אינטעליגענטן פון יענער צייט, וועלכע זענען געווען באַאיינפלוסט פון דער דאַן מאָדערניסטישער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, און פאַר וועלכע שלום־עליכם און די אַנדערע יידישע שרייבער זענען געווען צו איינפאַך — „גוט פאַר די מאַסן״. פאַר זיי איז פּרץ געווען דער ערשטער אייראָפּעאיש־יידישער שריפטשטעלער; זיינע פּראָבלעמאַטישע טעמעס, זיין עכט־ליטעראַרישער סטיל, זיין אינטעלעקטואַלע שפּראַך און זיינע טעמעס.

די יידישע ליטעראַטור האָט אויך אַ פּרץ — האָט די אינטעליגענץ זיך געפריידט!

ס'איז איבערהויפּט געווען די צייט, ווען מיר האָבן יעדע מער־וויניקער נייע ליטעראַרישע דערשיינונג באַגעגנט מיט אַ פרייד, ווי עפּעס אַ נאַציאָנאַלן זיג, ווי נאָך אַ באַווייז, אַז מיר ווערן אַ מאָדערן פֿאָלק.

געזונטע טיפּן האָבן מיר שוין געהאַט אין אונזער ליטעראַטור. עס האָבן געפעלט נאָר די אינטעליגענטע טיפּן, ווייל אינטעליגענטע לעזער זענען שוין צוגעקומען אַדאַנק פּרץ'ן, הויפּטזאַכלעך. און נאָמבערג און בערגלסאָן האָבן די ערשטע גענומען שילדערן די אינטעליגענטע פליגלמאַנס.

אינטעליגענטן האָבן ליב אינטערעסאַנטע טעמעס. און פּרץ איז דער ערשטער פון אונזערע גרויסע שרייבער, וועלכער האָט אָנגעהויבן זוכן און אַרבעטן אויף טעמעס; נישט אַזוי שרייבן פון דער ווירקלעכקייט אַרום, נישט אַזוי די מענטשן, וואָס זיי האָבן אַמבעסטן געקענט, נאָר אויף גרויסע, סינטעטישע טעמעס.

פּרץ האָט אַריינגעפירט, נישט נאָר אַ נייע, נעאָ־חסידישע, צי נאַציאָנאַל־ראָמאַנטישע, טעמע אין אונזער ליטעראַטור, נאָר טעמאַטיק איבערהויפּט.

פ י נ פ ט ע ל ע ק צ י ע

טעמאַטישקייט און ווירקלעכקייט

פרץ האָט אַריינגעפירט טעמאַטיק, די טעמע, דעם מאָטיוו, אין דער יידישער ליטעראַטור. ביז אים האָט מען געשריבן אויף טעמעס פון לעבן; פרץ האָט אָנגעהויבן צופּאַסן דאָס לעבן צו דער טעמע, זיין טעמע.

ביז אים, קען מען זאָגן, האָט געהערשט די טענדענץ אין דער יידישער ליטעראַטור; די טענדענץ פון השכלה, וועלכע האָט זיך בהדרגה און נאַטירלעך אַנטוויקלט און צעצווייגט פון אַ נעגירנדיקער צו אַ פּאָזיטיווער, פון אַ יחידיש־עמאַנציפּאַציפּיסטישער צו אַ פאָלקיסטיש אויטאָ־עמאַנסיפּאַציפּיסטישער, פון אַ פלאַכער ביז אַ דימענסיווער, פון אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער — נאַציאָנאַלער און סאָציאַליסטישער — ביז דער קינסטלערישער, וועלכע האָט אָנגעהויבן שילדערן און שטודירן דעם טיפּ, דעם כאַראַקטער. אָבער די אַלגעמיינע טענדענץ איז געווען השכלה־אויפקלערונג, בילדונג.

די יידישע שרייבער האָבן געוואוסט, אַז זייער אויפגאַבע איז צו באַשרייבן און שילדערן דאָס יידישע לעבן אַרום זיי, די יידישע קעגנוואַרט; ווייזן דעם פאָלק ווי עס לעבט און ווי עס דאַרף לעבן. און יעדער פון די יידישע שרייבער האָט עס געטון לויט זיינע השכלה־אַנשויאונגען, וועלכע האָבן זיך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן קריסטאַליזירן און דעפינירן, און לויט זייערע אינדיווידועלע קינסטלערישע טעמפּעראַמענטן און פעאיקייטן, וועלכע האָבן זיך אַלץ מער און מער, ריין טעכניש, אַנטוויקלט און פאַרפיינערט צוזאַמען מיט דער שפּראַך.

אַזוי איז געווען ביז פרצן. פרץ האָט איינגעפירט די טעמע און דעם אידעאישן אַבסטראַקט אין דער יידישער ליטעראַטור. נאַטירלעך הייסט עס ניט, אַז אויך פאַר פרצן און איינצייטיק מיט פרצן האָבן איניקע שרייבער, ווי אַ שטייגער בערדיטשעווסקי, דוד פרישמאַן, (וועלכער האָט אַסך געמיינשאַפטלעכעס געהאַט מיט אים ניט קוקנדיק אויף זייערע צאַנקערייען) נישט געשריבן אויף טעמעס, פונקט ווי מ׳האָט אויך נאָך פרצן און איינצייטיק מיט פרצן נישט אויפגעהערט שרייבן, אַזוי צו זאָגן, משכיליש־רעאַליסטיש. קיין שאַרף מאַרקירטע גרענעצן זיינען בכלל ניטאָ צווישן ליטעראַרישע ריכטונגען און שולן. און

ווען מיר זאָגן, אַז פּרץ האָט איינגעפירט טעמאַטיק, הייסט עס, אַז ער האָט באַוואוסטזיניק דאָס געטון. קינסטלער און דיכטער זענען סרוב נישט קיין פּאָ־ליטישע פירער אָדער טעאָרעטיקער וואָס קומען אַרויס מיט פּראָגראַמען.

אָבער איך מיין, אַז ס'איז אין אַלגעמיין ריכטיק צו זאָגן, אַז פּרץ האָט אַריינגעפירט אָדער סאַנקציאָנירט טעמאַטישקייט אין דער ליטעראַטור; די טעמאַטישקייט, וועלכע האָט אומבאַמערקטערהייט און דאָך לאָגיש, און ווי אומפאַרמיידלעך, געביטן ביסלעכווייז דעם פּראָזאאיש־רעאַליסטישן כאַראַק־טער פון דער יידישער ליטעראַטור און זי אַלץ מער און מער פאַרוואַנדלט אין אַ ראָמאַנטיש־פּאָעטישער ליטעראַטור.

ווי מיר האָבן שוין געזאָגט און ווי ס'איז גוט באַקאַנט, האָט פּרץ אַליין אָנגעהויבן שרייבן ווי אַן עכטער משכיל — פּובליציסטיש און בעלעטריסטיש; און ער האָט אויך כאַראַקטעריסטישע זשאַנער־בילדער און דערציילונגען און בילדער פון דער יידישער פּראָווינץ געשריבן. פּרץ האָט אויך באַשריבן די יידישע אָרימקייט, דעם דלות, די קעלער־שטוב, די נייטאָרינס. אָבער פּרץ דער אינטעלעקטואַלער קינסטלער און איראָפּעער האָט, ווי מיר האָבן אין דער פריערדיקער לעקציע געזאָגט, דערפילט, אַז מיט דער רעאַליסטישער השכלה־ליטעראַטור קען מען זיך נישט אויסלעבן ווי אַ מאָדערנע וועלטלעכער ייד אין דער דיאַספּאָראַ. און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די גייסטיקע ווערטן און מאָ־טיוון — פאָלקסטימלעכע און חסידישע (וואָס האָט אַזויפיל בייגעטראָגן צו דעם אַזוי גערופענעם „נעא־חסידיזם"); דעם שבת אין דעם יידישן לעבן, די „גאָל־דענע קייט". מיט איין וואָרט, דער אומרואיקער, זוכנדיקער און בלאָנדזשענדי־קער פּרץ האָט געוואָלט מקרב זיין דעם קץ; אַריבערשפּרינגען, איגנאָרירן דעם גרויען, טרויעריקן אינדערוואָכן. איך האָב אַמאָל געהערט פּרצן זאָגן: „שלום־עליכם איז ווי אַ קוואַקע: ער קוואַקעט, קוואַקעט און לייגט אַמאָל אַן איי". פּרץ האָט געוואָלט אָן קוואַקענישן לייגן אייער; און גאָלדענע, ראָמאַנ־טישע אייער דערצו...

פּרצס איינפלוס אויף די יונגערע שרייבער פון זיין צייט, און באַזונדער אויף די אין זיין סביבה אין וואַרשע, איז אומפאַרגלייכבאַר אין דער יידישער ליטעראַטור. סטיליסטיש און ריין שריפטשטעלעריש האָט, צום ביישפּיל, מענ־דעלע מוכר ספרים געהאַט אַ פיל גרעסערן איינפלוס אויף יידישע שרייבער און אויף דער ליטעראַטור בכלל. פאַר מענדעלעס תלמידים און „איניקלעך" האָבן זיך געהאַלטן אַזעלכע גרויסע שריפטשטעלער און דיכטער ווי שלום־

עליכם און ביאַליק און צענדליקער אַנדערע באַדייטנדע יידישע און העברע־אישע שרייבער. פון מענדעלען האָט מען זיך פיל מער געלערנט שרייבן ווי פון פּרצן. אָבער פּרץ איז געווען דאָס, וואָס דער בייזער און אָפּט ביטערער מענדעלע האָט נישט געקענט זיין — אַ רבי אינם חסידישן און באַהעמישן זין.

פּרץ איז געווען כמעט דער איינציקער „רבי" אין דער יידישער ליטעראַטור (אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז אחד־העם געווען אין אַ מער אידעאָלאָגישן זין דער „רבי", דער לערער).

פון פּרצן האָבן די יונגערע יידישע שרייבער, באַזונדערס אין זיין סביבה, געלערנט התלהבות, זוכן, בלאָנדזשען; פון פּרצן האָבן זיי געלערנט „חסידות" אויף אַ חסידישן שטייגער. ער איז פאַר זיי געווען דער מאָדערנ־סטער און דער ליטעראַרישסטער שרייבער פון יענער צייט. און פאַרשטייט זיך, אַז די דאַן אויפגעקומענע רעאַקציע אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור קעגן דעם אַזוי גערופענעם „רעאַליזם" האָט אַ סך צוגעהאָלפן, אַז פּרץ זאָל ווערן דער גייסטיקער, חסידישער רבי פון די יונגע יידישע שרייבער און דיכטער און פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע זענען שוין געווען גענויגט צו באַטראַכטן די יידישע ליטעראַטור ווי אַ מין נייעם מאָדערנעם יידישן קונסט־טעמפּל, אַ קודש־קדשים, און נישט סתם אַ מיטל אויפצוקלערן די מאַסן. און אין דעם היכל פון דער יידישער ליטעראַטור איז פּרץ געווען דער כהן־גדול און זיי, די יונגע כהנים; און זיי האָבן אָנגעהויבן צו דוכנען — נישט פּראָסט שרייבן און באַשרייבן — ווי זייער מייסטער און רבי פּרץ. זיי האָבן אָנגעהויבן ווי דער רבי, זוכן ווערטן און געזאַלבטע מאָטיוון און טעמעס און זיי יום־טובדיק באַאַרבעטן. און ווי מיר האָבן אָנגעוויזן האָט זיך אונטער פּרצס איינ־פלוס אַפילו אין די רעאַליסטישע טעמעס און סיוזשעטן ביי די יונגערע יידישע שרייבער אַריינגעגנבעט אַ ראָמאַנטיזם: די דאשיקעס און קאַמאַשן ביי די וואוילע־יונגען האָבן עפּעס מיט אַ באַזונדער יום־טובדיקן לאַק אָנגעהויבן גלאַנצן.

פּרץ האָט אַריינגעפירט די טעמע, אָפּטמאָל די געזאַלבטע טעמע, אין דער יידישער ליטעראַטור; און פּרץ אַליין וואָלט זיך אפשר אָפּגעשאָקלט ווען ער זעט ווי זיינע נאָכפאָלגער האָבן פאַרפּוטשעוועט, פאַר'שמן־זית'ט זיינע שיינע פאָלקסטימלעכע און חסידישע מאָטיוון; ווייל פּרץ איז געווען אַן איני־טעלעקטואַלער, פיינער קינסטלער מיט אַ געפיל פאַר טאַקט, מאָס און פאָרם.

זיין לאַקאַנישן סטיל, זיין קורצקייט און זיין זאַפטיקן רמז־זאָץ, האָבן זיינע חסידים נישט געירשנט, ווייל ער איז צו אינדיווידועל. אָבער טעמאַטיש האָט פּרץ אַממייסטן, דאַכט זיך, באַאיינפלוסט דעם דור שרייבער נאָך אים.

מען האָט ביי אונז פיל מער ווי פריער אָנגעהויבן שרייבן אויף טעמעס.

איך וויל דערמיט נישט זאָגן, אַז אַ שרייבער, אַ קינסטלער, טאָר איבער־הויפּט נישט שרייבן אויף טעמעס, צי אויף אַ טעמע, און אַז גרויסע שרייבער און קינסטלער האָבן בכלל אויך נישט געשריבן אויף טעמעס; און אָפּט גרויסע באַדייטנדע ווערק אָנגעשריבן. אָבער מיר מוזן אונטערשיידן פון טעמעס ביז טעמעס. אַ טעמע קען זיין אַ לייט־מאָטיוו אַרום וועלכן דער שרייבער קאָנ־צענטרירט דאָס לעבן, וואָס ער קען, די טיפן און מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געלעבט און וואָס ער האָט שטודירט, און דורך זיי זיינע פילאָזאָפישע אנשויאונגען; און טעמעס מאָדישע, וועלכע זענען דעם באַטרעפנדן שרייבער אין דער אמתן פרעמד, אָבער ער שרייבט אויף זיי, ווייל זיי זענען גרויסע טעמעס, שיינע און אידעאַלע טעמעס און, דער עיקר, ווייל זיי זענען אין דער מאָדע.

איך וויל נישט און מען קען, דאַכט זיך, נישט מאַכן קיין אייזערנע פעסט־באַשטימטע כללים וואָס אַ קינסטלער קען און מעג, וואָס איז פאַר אים בעסער אָדער ערגער. איך האַלט, אַז יעדער אַקאַדעמיזם — קלאַסישער אָדער מאָדער־ניסטישער, רעכטער אָדער לינקער — איז שעדלעך און נישט נויטיק, (כאָטש אונפאַרמיידלעך) ווייל גרויסע קינסטלער און שריפטשטעלער קענען אַפילו די אַבסטראַקטסטע און היסטאָריש־ווייטסטע טעמעס באַלעבן מיט די לעבעדיקע מענטשן, כאַראַקטערן און פסיכאָלאָגישע דערפאַרונגען און איבערלעבונגען פון זייער אייגענער צייט, פון זייער קעגנוואַרט. מיטלמעסיקייטן פאַלגן סאַי ווי נאָך, אַפילו ווען זיי וויסן עס נישט, די גרויסע און דערפאָלגרייכע קינסטלער פון זייער צייט...

אָבער איך גלויב, אַז מען קען מיט פולער זיכערקייט זאָגן, אַז די בעסטע נאָוועלן אין דער וועלט־ליטעראַטור בכלל זענען נישט די טעמאַטיש־היסטאָ־רישע צי אַנדערע געזאַלבטע טעמעס, נאָר די, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון דעם לעבן, פון דער קעגנוואַרט, וואָס דער שרייבער האָט אַליין געקענט און שטודירט. מען קען אַפילו זאָגן, אַז די אויטאָ־ביאָגראַפישע: אין טאָל־סטאָיס היסטאָרישן ראָמאַן „קריג און פרידן" — איינער פון די פאַר בעסטע און אפשר דער בעסטער פון די היסטאָרישע ראָמאַנען אין דער וועלט־ליטעראַ־טור — זענען דאָ אַ סך פון טאָלסטאָיס פאַמיליע־פּאָרטרעטן. דיקענס האָט אַ סך מאָדעלן געפונען אין זיין ווייבס פאַמיליע. שלום־עליכמס ביאָגראַפן האָבן דערקענט די מאָדעלן פאַר זיינע טיפן צווישן זיינע בני־עיר. דזשיימס דזשאָיס' „יוליסוס", ווי אַלע זיינע שריפטן, זענען אויטאָביאָגראַפיש. אודאי און אודאי מארסעל פּרוסטס באַרימטע סעריע נאָוועלן „זוכנדיק די פאַרלוירענע צייט".

די זענען נאָר אַ פּאָר ביישפּילן ווי אויטאָביאָגראַפיש און קעגנוואַרטיק עס זענען דער רוב באַרימטע נאָוועלן, אַלטע און מאָדערנע, וועלכע ווערן

אַפילו נישט באַצייכנט אַלס רעאַליסטישע און וועלכע געהערן נישט צו אַן אַקאַדעמיש־באַגרענעצטער רעאַליסטישער שולע.

יעדער שריפטשטעלער, אויב ער איז נישט סתם אַ פאַבריקאַנטל פון „בעסט־סעלערס", „טהרילערס", נאָר טאַקע אַ קינסטלער, וועט אייך זאָגן וואָס פאַר אַ שווערער נסיון „גרויסע טעמעס" זענען פאַר קינסטלער און באַזונדערס פאַר יונגע קינסטלער.

יונגע קינסטלער און שוואַכע טאַלאַנטן ווערן אָפט געשטרויכלט אויף „גרויסע טעמעס, וועלט־אַרומנעמענדיקע טעמעס", און ווען זיי שילדערן דאָס ביסעלע לעבן, וואָס זיי קענען און מיט דעם ביסל פעאיקייט, וואָס זיי פאַרמאָגן, וואָלטן זיי פיל ווערטפולער און נוצלעכער געווען פאַר זייער ליטעראַטור. אָבער ס'רוב יונגע שרייבער און שוואַכע קינסטלער וועלן זיך יאָגן נאָך גרויסע טעמעס און מאָדישע טעמעס און שרייבן אויף די טעמעס, וואָס זענען אין דער מאָדע אָדער אויף וועלכע ס'איז דאָ אַ צייטווייליקער מאַרק — מאָלן עפל און פראַנצויזישע לאַנדשאַפטן, ווייל סעזאַן האָט זיי אַזוי דערפאָלגרייך געמאָלט; שרייבן וועגן צדיקים אָדער קידוש־השם־מאָטיוון, ווייל דער גרויסער פרץ האָט שיינע מעשהלעך וועגן זיי געשריבן; און זיי פאַרנאַכלעסיקן די פראַכטפולע מאָלערישע מאָטיוון, די שטיקער לעבן און אינטערעסאַנטע טיפּן, וואָס זיי קענען אַמבעסטן פון זייער אייגענער סביבה, פון זייער אייגן לעבן, ביז זיי „געפינען זיך", אויב זיי פאַרלירן נישט אין גאַנצן די פעאיקייט צו זען לעבעדיקע פאָרמען, ווירקלעכקייט.

די משכּילישע יידישע שרייבער, ביז פרץ, האָבן באַשריבן לויט זייערע פעאיקייטן, מער אָדער ווייניקער טענדענציעז, בעסער אָדער ערגער טענדענציעז, דאָס יידישע לעבן פון זייער צייט; און פונם לאָ־לשמה איז אויסגעוואַקסן אַ לשמה — אַ יונגע, פיינע, רעאַליסטישע פראָזע־ליטעראַטור. און פון פרץ אָן — נישט אינם ענגן כראָנאָלאָגישן זין — איז אונזער ליטעראַטור געוואָרן אַלץ טעמאַטישער און פּאָעטישער; פרץ האָט נישט ווילנדיק „פאַרליטעראַרישט" און „פאַרפּאָעטיזירט" די יידישע ליטעראַטור.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'וואָלט געווען אויבערפלעכלעך צו „באַשולדיקן" אין דעם נאָר פרץ, און ס'וועט אודאי זיין פאַלש דאָס אַלץ אויסצוטייטשן, ווי אייניקע וועלן מסתמא פרוּוון — ווייל זיי האָבן שוין אַזאַ געוואוינהייט — אַז איך מיין מיט דעם געזאָגט, „אַרונטערצורייסן" פרץ. ס'איז נישט פרצס חסרון, נאָר זיין גרויסקייט, וואָס ער האָט דער ערשטער אפשר דערפילט, אַז

די נאַציאָנאַל־וועלטלעכע דיאַספּאָרע האָט קיין רעאַליסטישע, אַזוי צו זאָגן, צוקונפֿט נישט; אַז דאָס יידישע לעבן וועט אַנהויבן אַוועקגיין פֿון דער יידישער שפּראַך — און ער האָט אָנגעהויבן זוכן די גייסטיקע ווערטן, וואָס זאָלן אונז אויפֿהאַלטן אַלס אַ פֿאָלק. אַ פֿאָלק פֿון שבת־יידן אין אַ פּאַרמלאָזן גלות.

דאָס איז געוועזן שיין, פּראַכטפֿול, פּרץ׳יאַניש!

אָבער פּרץ אַליין, ווי גרויס ער איז נישט געווען, וואָלט נישט געקענט פֿאַרוואַנדלען די יונגע יידישע ליטעראַטור פֿון אַ פּראָזאַאיש־רעאַליסטישער אין אַ פּאָעטיש־ראָמאַנטישער, ווען נישט די ווירקלעכקייט, די נייע יידישע ווירקלעכקייט אין אַמעריקע, רוסלאַנד און איבעראַל, וואו די יידישע מאַסן האָבן זיך אָנגעהויבן עמאַנסיפּירן אָדער אָנגעהויבן קעמפֿן און האָפֿן אויף עמאַנסיפּאַציע.

נישט פּרץ האָט געמאַכט די „רעוואָלוציע", נאָר די נייע דינאַמישע און שפּראַכלעך־אַסימילאַטאָרישע יידישע ווירקלעכקייט, וועלכע האָט שוין נישט געלעבט מיט דעם אַלטן יידישן שטייגער און האָט שוין אָנגעהויבן לעבן מיט בענקשאַפֿטן, מיט זכרונות. און זכרונות פֿאַרוואַנדלען אַפֿילו גרויע און ביטערע איבערלעבונגען אין פּאָעזיע; און די קעגנוואַרט, וואָס די משכילים האָבן צו נעגאַטיוו באַשריבן איז געוואָרן צו שיין אין די אויגן פֿון די בעלי־זכרונות.

די ערשטע דורות יידישע עמיגראַנטן האָבן אַלץ מער און מער אָנגעהויבן פֿאָדערן זכרונות פֿון די יידישע שרייבער, און די דינאַמישע יוגנט, וואָס זאָל פֿאָדערן ווירקלעכקייט און לעבעדיקע פֿאָרמען, האָט שוין אויף דער שפּראַך פֿון זייערע עלטערן אויפֿגעהערט צו רעדן און לעבן. זענען די יונגערע יידישע טאַלאַנטפֿולע שריפֿטשטעלער, אין אַ געוויסן זין, נישט ווילנדיק געוואָרן פּרצס נאָכפֿאָלגער; אָנגעהויבן שרייבן אַלץ מער און מער אויף היסטאָרישע און געזאַלבטע טעמעס, אויף טעמעס בכלל אָדער אין גאַנצן זיך גענומען צו פּאָעזיע, וועלכע שטייט ווייטער פֿון לעבן, פֿון דער פּראָזע (נישט די גרויסע פּאָעטן).

פֿון איין זייט איז אויסגעוואַקסן דער פֿאַרדאָרבענער אַמעריקאַנישער יידיש — כמעט אַ נייער זשאַרגאָן — און פֿון דער אַנדערער זייט — אין קליינע קרייזן, דער נייער פּוריסטישער יידיש, וועלכער הויבט אָן צו שמעקן מיט לשון־קודש.

פּרץ האָט דער ערשטער אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, וועלכע איז הויפּטזאַכלעך געווען אַ פּראָזאַאיש־ראַציאָנאַלע און רעאַליסטישע, אָנגעהויבן זוכן אַ נייע שבתדיקע מיסיע... איצט, ווען די יידישע ווירקלעכקייט איז פֿיל טראַגישער געוואָרן און די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע פֿיל געפֿערלעכער, האָבן מיר אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער, נאַטירלעך, אָנגעהויבן הערן די געשרייען: די יידישע ליטעראַטור דאַרף האָבן אַ מיסיע, אַ שליחות!

אויב די געפֿאַר פֿון רעאַליזם אַלס אַ ריכטונג איז לאַנגווייליקע פֿאָטאָגראַפֿיע און רעפּאָרטאַזש, איז אָבער די געפֿאַר פֿון ראָמאַנטיציזם אַ פֿיל גרעסערע און שעדלעכערע: פֿאַלשער עמאָציאָנאַליזם, מיסטישע, סקאַרבאַווע פּראַזעאָלאָגיע, מליצה און היפּאָקריטישקייט. דערפֿאַר, צום ביישפּיל, קען מען גיכער קוקן אויף אַ שלעכטן פֿילם ווי אויף אַ שלעכטער, פּרעטענציעזער טעאַטער־פֿאָרשטעלונג: אין דעם פֿילם איז דאָך דאָ פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון לעבעדיקע גאַסן, באַוועגונג אא״וו. און אין אַ שלעכטער, פֿאַלשער פּיעסע אָדער נאָוועלע איז אַלץ פֿאַלש — דאָס שרייבן, די טעמע, דאָס שפּילן, די דעקאָראַציעס; און איר האָט דאָרט אַפֿילו נישט קיין סימן פֿון אַ לעבעדיקער גאַס און פֿון מענטשן אין באַוועגונג.

איך מיין, אַז מיר קענען כאַראַקטעריסטיש און „צייטיק“ אילוסטרירן דעם חילוק צווישן אָרימען רעאַליזם און צו רייכן, טעמאַטישן ראָמאַנטיזם, ווען מיר פֿאַרגלייכן אשס „תּהלים־ייד“ מיט ספּעקטאָרס „יידישער מוזשיק“. איך גלויב, אַז ספּעקטאָרס ראָמאַן „דער יידישער מוזשיק“, וועלכער איז געשריבן געוואָרן מיט איבער פֿופֿציק יאָר צוריק, וועט מיט דער צייט, רעטראָספּעקטיוו אפֿשר באַטראַכט ווערן ווי אַ געזונטערע דערשיינונג אין אונזער ליטעראַטור ווי שלום־אשס באַרימטער און אַזוי געלויבטער פֿון אונזער קריטיק „תּהלים־ייד“, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַ צענדליק יאָר צוריק.

די באַהויפּטונג מיינע מעג אויסזען צו געוואָגט און פּאַראַדאָקסאַל. שלום אש איז זיכער דער גרעסערער פּאָעט און קינסטלער ווי ספּעקטאָר, וועלכער איז, אַזוי צו זאָגן, פֿון אונדזערע „קלענערע קלאַסיקער“. און דאָך זאָג איך, אַז שפּעטער־צו, ווען אונזערע פֿאָלקס־כּחות וועלן צו זיך קומען פֿון די לעצטע שוידערלעך־קאַטאַסטראָפֿאַלע יאָרן, און אונזער אינטעליגענץ וועט זיך אַביסל אויסניכטערן, וועלן מיר ערשט קענען דערזען און אָפּשאַצן ווי געזונט און היי־גיעניש־קינסטלערישער (אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן) עס איז דער נאַאיוו־רעאַליסטישער און טעכניש־פּרימיטיוו־אומבאַהאָלפֿענער „יידישער מוזשיק“ פֿון ספּעקטאָרן, און ווי פֿאַרפּוטשעוועט שמן־זית׳דיק און פֿאַלש עס איז „דער תּהילים־ייד“ פֿון דעם פֿיל טאַלאַנטפֿולערן שלום אש.

ווען איר לייענט ספּעקטאָרן (און איך האָב לעצטנס נישט אָן פֿאַרגעניגן דעם „יידישן מוזשיק“ נאָכאַמאָל איבערגעלייענט), האָט איר דעם טעם ווי איר וואָלט געגעסן אַ געזונט שטיק ברויט. אמת דאָס ברויט איז טאַקע פּיסנע, נישט קיין זיסלעכע חלה אַפֿילו און פֿון פּראָסטער, גראָבער מעל מיט שטיקלעך שטרוי אַריינגעמישט, אָבער קיין שלעכטן טעם לאָזט עס נישט איבער אין

מויל. און ווי גוט און געשמאַק האָט דער ראָמאַן געמוזט זיין פאַר דעם פאָלקס־לעזער, וואָס האָט געהונגערט נאָך דער משכיליש־פּיסנער, רעאַליסטיש־צוגע־שניטענער באַשרייבונג פון אונזערע ערשטע קאָלאָניסטן אינם אַמאָליקן רוס־לאַנד, פון די פּאָגראָמען אין די אַכציקער יאָרן און דער ערשטער עמיגראַציע קיין פּאַלעסטינע, קענען מיר זיך קוים פאָרשטעלן.

און ווען איר לייענט אשס „תהלים־ייד", האָט איר דעם טעם ווי איר וואָלט געגעסן עפּעס, וואָס איז צו זיס און צו איבערגעפּרעגלט; און גע־פּרעגלט אין אַזאַ איבערגעשטאָנענעם בוימל — און נאָך וואָס פאַר אַ בוימל? שמן־זית, הייליקער בוימאייל! און איר לייענט דאָס בוך און איר ווערט פאַרגאָסן מיטן בוימל, עס רינט אייך איבער דער באָרד... געוועלנלעך זענען אויך אין אשס „תהלים־ייד" דאָ שטיקער, זייטלעך, וואָס אַ ספּעקטאָר וואָלט ק י י נ מ אָ ל נישט געקענט אָנשרייבן. שלום אש איז אויך אָן אייניקל פון מענדעלע מוכר ספרים. אָבער אש איז פון די מאלער, פון די דיכטער, וואָס גלויבן אפנים, אַז „עסן חזיר, טאָ זאָל שוין רינען איבער דער באָרד". — אויב מאלן פאַרביק, זאָלן די פאַרבן שוין פּלייצן ווי דער „חדקל"; אַז שרייבן אויף אַ געזאַלבטער טעמע, זאָל שוין זיין געזאַלבט און זאָלן זיך טייכן בוימאייל גיסן.

דער אינטעלעקטואַלער פּרץ האָט געהאַט אַ געפיל פאַר מאָס, אָבער אונ־זער עמאָציאָנעלער סענטימענטאַל־ראָמאַנטישער שלום אש האָט קיין געפיל פון מאָס און טאַקט; און אַ מאָטיוו, פון וועלכן פּרץ וואָלט געמאַכט אַ פיינע, קורצע, לאַקאָנישע דערציילונג מיט שפּורן פונם אַמאָליקן ראַציאָנאַלן משכיל, ווערט שוין ביי זיין איבער־ראָמאַנטישן תלמיד פאַרוואַנדלט אין אַ „תהלים־ייד" — אַ וואַקכאַנאַליע פון קדושה.

שלום אשס „תהלים־ייד" דערמאָנט אין אַ געוויסן זין אין אנסקיס „דבוק". אָבער אין דער צייט, ווען אנסקיס „דבוק" איז אַ געלונגענע, ספּעציעל פאַר דער בינע, קאָמפּאָזיציע פון פאָלקלאָריסטישע מאָטיוון און איז דערפאַר אויך ווערטפול, איז אשס „תהלים־ייד" אַ גאַנצע פאָעטישע מקוה פון חסידישע מאָטיוון און לעגענדעס. ער האָט אין דעם ווערק אַריינגעגאָסן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אַ פאָרטרעט פון איין צדיק איז אָן אומגעהויער שווערע אויפגאַבע אַפילו פאַר גרויסע קינסטלער (טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, פלאָבער, אנאטאל פראַנס, א"א האָבן געפּרוּווט מאלן „הייליקע", וועלכע זענען פאַראַן אין אַלע קירכעס און רעליגיעס, און זענען נישט פון די בעסטע פאָרטרעטן זייערע אפשר; און ביי אונז האָבן אויך, אויסער פּרצן און אשן, געפּרוּווט שילדערן, פאָרטרעטירן

הייליקע און צדיקים אַפּאַטאַשו, זינגער — אין „יאָשע קאַלב" — לייוויק א״א), אָבער אַש האָט אין זיין „תהלים־ייד" געוואָלט מאַכן אַ קאָמפּאָזיט־פּאָרטרעט פון אַלע פוילישע יידישע צדיקים און גוטע יידן — אַ מין סינטעטיש־פּאָעטישן „דבוק" פון צדיקיזם, מיטן סך־הכל, אַז דאָס גאַנצע ווערק איז צו רייך, צו שמן־זית׳דיק און באַראָקיש־פּאַליש.

ספּעקטאָרס „יידישן מוזשיק" און שלום אשס „תהלים־ייד" כאַראַקטעריזירן אגב אויך אויסגעצייכנט די טעמאַטישע עוואָלוציע אָדער, ריכטיקער, דער פּראָצעס פון משכּילישער טענדענץ צו ראָמאַנטישער טעמאַטישקייט, וואָס איז אַזוי בולט געוואָרן לעצטנס אין אונזער ליטעראַטור.

דאָס ערשטע ווערק איז געשאַפן אָדער געשריבן געוואָרן אין דער תקופה פון אונזער פאָלקס דערוואַכן, ווען אונזער פאָלקס־אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן גלויבן אין די כּחות פונם פאָלק און נישט מורא געהאַט צו שילדערן דאָס לעבן ווי זיי האָבן עס געזען, ווע־לנדיק עס אויסבעסערן. און דאָס שפּעטערע ווערק איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט פון אונזער ירידה, ווען אונזער אינטעליגענץ האָט אָנגעהויבן זוכן אַ גלויבן אָדער צוריקקערן זיך און באַנייען דעם אַלטן גלויבן, ווייל זיי זענען שוין נישט זיכער געוואָרן מיט דער יידישער ווירקלעכקייט, מיט דעם באָדן, וואָס זיי האָבן געזוכט און שיער נישט געפונען. „דער יידישער מוזשיק" איז געשריבן געוואָרן אויף אַ טעמע פונם דינאַמישן יידישן לעבן; אינם „תהלים־ייד" האָט דער פיל גרעסערער קינסטלער און דיכטער דאָס לעבן צוגעשניטן צו אַ טעמע.

ס׳איז אפשר נישט אין גאַנצן צופעליק, וואָס דוקא אש און ספּעקטאָר זאָלן זיין די מחברים פון די טעמאַטיש און עפּאָכיש עקסטרעמע ווערק — דער „יידישער מוזשיק" און דער „תהלים־ייד": אש און ספּעקטאָר זענען טעמפּעראַמענטאַל, און אַלס שריפטשטעלער איינער פונם צווייטן ווייט כרחוק מזרח ממערב.

אש איז דער ראָמאַנטישסטער פון אונזערע שריפטשטעלער, אַ דיכטער; און דער עלטערער ספּעקטאָר — אַ „פּיסנער" כמעט זשורנאַליסטישער רעאַליסט, אָן פאַנטאַזיע, אָן דיכטונג; פּרימיטיוו אין פאַרגלייך מיט אשן. און דאָך איז דאָ איין וויכטיקע כאַראַקטעריסטיק, וואָס פאַראייניקט זיי ביידן: זיי זענען פון די אָרגאַנישסטע יידישע שרייבער. מיטן אויסנאַם פון וויסנבערגן — און נאָך אפשר אַ פּאָר יונגערע — האָבן זיי עפּעס אַנדערש ווי יידישע שרייבער, דאַכט זיך, נישט געקענט ווערן. זיי זענען אויסגעוואַקסן פון דער יידישער ליטעראַטור; זיי זענען פון די סטיכישע יידישע שריפטשטעלער, אַזוי צו זאָגן. אַפילו שלום־עליכם האָט, דאַכט זיך, געקענט ווערן אַ העברעאישער אָדער רוסישער שריפטשטעלער, כאָטש זיין גרויסער טאַלאַנט וואָלט אַזויפיל פאַרלוירן דערפון, אָבער נישט ספּעקטאָר און נישט אש און נישט וויסנבערג.

שלום אַש איז אין דעם פּרט דער יידישסטער, אָדער יידישיסטישסטער יידישער שרייבער, כאָטש ער איז דער אַממייסטן איבערזעצטער יידישער שרייבער; דער איינציקער יידישער שרייבער מיט אַ „וועלט־נאָמען". און פון דעם שטאַנדפּונקט אַרויסגייענדיק, וועלן ספּעקטאַרס „יידישער מוזשיק" און אַשס „תהלים־ייד" בלייבן „לענדמאַרקס" אין אונזער ליטעראַטור; אָרגאַנישע און טעמאַטישע עדות פון צוויי באַזונדערע עפּאָכן: פּראָזאַאיש־וואָכעדיקן אויפשטייג און ראָמאַנטיש־גלענצנדער ירידה.

פּרץ און אַש זענען טאַקע די גרעסטע ראָמאַנטיקער אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער איך גלויב נישט, ווי אייניקע ווילן ברייען, אַז דאָס איז הויפּטזאַכלעך דערפאַר, ווייל זיי זענען די גרעסטע און כאַראַקטעריסטישסטע פּויליש־יידישע שריפטשטעלער. עס קאָן זיין, אַז דער פּוילישער ייד איז טאַקע ראָמאַנטישער ווי דער רוסישער, ליטווישער, וואָלינער אָדער בעסאַראַבער ייד. עס וואָלט נישט געווען נאַטירלעך ווען די פּויליש־יידישע שריפטשטעלער און דיכטער וואָלטן נישט געווען באַאיינפלוסט פון דעם פּוילישן ראָמאַנטיזם און אַפילו פונם „מעסיאַניזם" פון מיצקעוויטשן און וויספּיאַנסקין (דאָס פּוילישע פּאָלק איז דאָך אויך געווען אַ „גלות־פּאָלק" — אַ פאַקט, וואָס האָט זיי דאָך נישט פריינטלעכער געמאַכט צום עלטערן און קלאַסישן, קען מען זאָגן, „גלות־פּאָלק"); און די יידיש־רוסישע שריפטשטעלער און דיכטער זאָלן זיין באַאיינפלוסט פון די גרויסע רוסישע רעאַליסטן — פון גאָגאָל, טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי און טשעכאָוו.

פון די צוויי סלאַווישע ליטעראַטורן איז די רוסישע זיכער די מער רעאַליסטישע, די הויפּטזאַכלעך־רעאַליסטישע, כאָטש „ראָמאַנטישער פּאַן־סלאַוויזם" און מיסטיש־ראָמאַנטישע „גאָט־זוכעניש" איז אַ פּראָמינענטער עלעמענט אין דער רוסישער ליטעראַטור (די פּוילישע און אפשר אויך די יידישע ראָמאַנטישע מיסטיקער „זוכן" נישט גאָט, נאָר „עבודת־הבורא"...) און ס'איז נאַטירלעך, אַז סאַי אונזערע רוסיש־יידישע שרייבער און סאַי אונזערע פּויליש־יידישע שרייבער זאָלן זיין באַאיינפלוסט פון די נאַציאָנאַלע קולטורן און ליטעראַטורן, צווישן וועלכע זיי האָבן יידיש געשאַפן.

די אַמאָל באַרימטע יידישע ליטעראַטור־צענטערן אָדער שיער נישט „שולעס" — אָדעס און וואַרשע — האָבן, דאַכט זיך, נישט צו טון מיט דער פראַגע פון רעאַליזם און ראָמאַנטיציזם, וואָס ווערט איצט באַטראַכט. אָדעס, די „אָדעסער „שולע" האָט נישט רעפּרעזענטירט די רעאַליסטישע ריכטונג אין

דער יידישער ליטעראַטור, כאָטש דער הערשנדער גייסט איז דאָרט געווען מענדעלעס און אחד־העמס (און דער לעצטער איז געווען מער רעאַליסט אין זיין צוגאַנג און גלענצנדן סטיל פון שרייבן ווי אין זיינע אנשויאונגען); און וואַרשע איז נישט געווען ראָמאַנטישער, כאָטש דער „רבי" איז דאָרט געווען פּרץ.

אָדעס איז אויך געווען רעאַליסטישער צוליב דער דויערנדער השפּעה פון די גאַליציאַנער משכילים, ווי די בראָדער און טאַרנאָפּאָלער משכילים, וועלכע האָבן עמיגרירט קיין אָדעס. און אָדעס איז געווען די ערשטע שטאָט וואו די משכילים האָבן געהאַט די פירערשאַפט אין דער קהילה.

אָדעס איז געווען „פאַרקנעפּלט באַלעבאַטיש" און מתנגדישער, קילער און ריינער אין סטיל און טעמפּעראַמענט (וואָס איז אפשר איינס און דאָס זעלבע); און וואַרשע איז געווען באַהעמיש־קינסטלערישער, וואַרימער און „חסידישער"

אָדעס האָט געהאַט דעם בייסיקן „זיידן" און דעם קאַלטן „רבין" — אחד־העם. אין וואַרשע איז דער אומרואיקער און זוכנדיקער פּרץ געווען דער רבי אינם חסידישן זין, ווי שוין פריער געזאָגט.

עס קאָן זיין, אַז אייניקע פון די בעסטע און באַדייטנדסטע יידישע שריפט־שטעלער (צווישן זיי שלום־עליכם) האָבן זיך מער אָריענטירט אויף אָדעס, כאָטש זיי זענען נישט געווען קיין „אָדעסער" און אייניקע „אָדעסער" האָט גע־צויגן צו וואַרשע. אָבער, ווי געזאָגט, זענען נישט די רוסישע שרייבער געווען רעאַליסטישער, ווייל זיי זענען געווען באַאיינפלוסט פון דער רוסישער ליטע־ראַטור, און די פּויליש־יידישע שרייבער ראָמאַנטישער, ווייל זיי זענען געווען פּוילישע יידן.

נאָמבערג, וויסנבערג — איינער פון די רעאַליסטישסטע קינסטלער אין אונזער ליטעראַטור, — דער יונגער אַפּאַטאָשו, זינגער, וואַרשאַווסקי, זענען געווען רעאַליסטן, כאָטש זיי זענען געווען פּוילישע יידן. אין וואַרשע האָט זיך פריער אַנטוויקלט אַ פּאָפּולערע דעמאָקראַטישע פּרעסע ווי אין אָדעס.

נאָך מער ווי טעמפּעראַמענטאַל האָבן זיך אידעאָלאָגיש דיפערענצירט אָדעס און וואַרשע: וואַרשע איז געווען „יידישיסטישער" און דיאַספּאָראַ־רעאַליסטישער און אָדעס — העברעאיסטישער און נאַציאָנאַל־רעאַליסטישער; וואַרשע איז געווען מער פּאָלקיסטיש און בונדיסטיש און אָדעס — די וויג פון חובבי־ציוניזם — נאַציאָנאַלער און ציוניסטישער; דער „אָדעסער" דובנאָוו האָט מער באַאיינפלוסט וואַרשע. (דאָס איז אַלץ גערעדט געוואָרן ביז דער רוסישער רעוואָלוציע).

אָבער די דאָזיקע זענען מייסטנס ניואַנסן־פאַרשידנהייטן, וועלכע זענען זיכער אינטערעסאַנטע טעמעס פאַר באַזונדערע ליטעראַרישע און היסטאָרישע

עסייען, און ס׳וואָלט באַזונדערס אינטערעסאַנט געווען אָן אַרבעט וועגן די איינפלוסן פון פאַרשידענע ליטעראַטורן און פון איינצלנע גרויסע אייראָפּעאי־שע שריפטשטעלער אויף דער יידישער ליטעראַטור, אָנפאַנגענדיק, לאָמיר זאָגן, פון לעסינג, שילער און רוסא אויף די ערשטע משכילים; פון היינען אויף די ערשטע דורות יידישע דיכטער ביז צו דעם איינפלוס פון די גרויסע רוסישע רעאַליסטן און פוילישע ראָמאַנטיקער; און אַזעלכע אינדיווידועלע איינפלוסן אויף דער קורצער דערציילונג פון טשעכאוו, מאפּאסאַן און קנוט האמסון.

אָבער מיר רעדן דאָך אין די עטלעכע לעקציעס וועגן די הויפּט־ליניעס און כאַראַקטעריסטיקעס פון אונזער יידישער ליטעראַטור. און אַפילו ווען מיר שטעלן זיך אָפּ לענגער אויף איינצלנע יידישע שרייבער און ווערק, איז עס נאָר ווייל זיי כאַראַקטעריזירן און סימפּטאָמאַטיזירן אָט די הויפּט־טענדענצן און ריכטונגען אין איר גאַנצקייט. אין אַלע אַלטע און נייע יידישע צענטערן.

שלום אש איז דער רעפּרעזענטאַטיווסטער יידישער שריפטשטעלער פון דער נאָך־פּרץ־תקופה אין אונזער ליטעראַטור — פון די דרייסיקער יאָרן ביזן סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. שלום אש איז דער גרויסער דיכטער פון אונזער ירידה־תקופה, נישט ווייל ער איז דער מקונן, דער ירמיהו פון אונ־זער ירידה, נאָר דערפאַר — און דאָס איז וויכטיקער און סימפּטאָמאַטישער — ווייל די אַנטוויקלונג פון זיינע גרויסע, אייגנאַרטיקע פעאיקייטן און זיינע שאַפונגען זענען דערמעגלעכט געוואָרן אין דער צייט פון דער ירידה פון אונ־זער וועלטלעכן פאָלקיזם, ווען דער גלויבן אין אונזערע פאָלקס־כחות איז שוואַכער געוואָרן און די יידישע אינטעליגענץ איז אַלץ מער און מער ראָמאַנ־טיש און מיסטיש געשטימט געוואָרן.

שלום אש רעפּרעזענטירט אַמכאַראַקטעריסטישסטן אָט די ירידה־תקופה — אונזער תקופה, אפשר „בשותפות" מיט לייוויקן, אָבער זיכער מער פון בערגלסאָן — אויף ווי ווייט מיר אַליין קענען זען אָביעקטיוו די תקופה, די צייט, אין וועלכער מיר אַליין לעבן.

בערגלסאָן איז איצט אונזער לעצטער גרויסער רעאַליסט. מיטן טויט פון זינגערן איז ער איצט כמעט דער איינציקער רעאַליסט אין אונזער ליטעראַטור וואָס מאלט גרויסע לייוונטן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז ריין קינסטלעריש און טאַקע צוליב זיין רעאַליזם און צוליב זיינע שטודיעס פון לעבעדיקע מענטשן און לעבעדיקער סאָציאַלער ווירקלעכקייט, האָט ער פיל איבערגעשטיגן אשן, וועמעס קוואַלן פון עמאַציאָנאַליזם און סענטימענטאַליזם האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן אַזוי רייך און ווייט צעפלאָסן.

אָבער אויך אין בערגלסאָנ׳ס רעאַליזם איז דאָ אַן עלעמענט פון ראָמאַנ־טיציזם — דער ראָמאַנטיציזם פון דער גרויסער רעוואָלוציע. ס׳איז אַ רעאַליזם לשם רעאַליזם, נישט אין דעם ליטעראַטור־אַקאַדעמישן זין, נאָר אידעאָלאָגישן. אין רוסלאַנד מוזן אַפילו פּאָעטן זיין רעאַליסטן... איך באַטאָן דאָס, ווייל, ווי מיר האָבן שוין פריער געזאָגט, איז אויך דאָרט די צוקונפט פון יידיש און דער יידישער ליטעראַטור שטאַרק צווייפלהאַפט, און צוליב נאָרמאַלע, אַזוי צו זאָגן, טעמים; און הויפּטזאַכלעך, ווייל די יידישע מאַסן זענען דאָרט פאָלקאָם עמאַנסיפּירט; און כאָטש די יידישע שפּראַך, ליטעראַטור און טעאַטער ווערן דאָרט אָפיציעל געשטיצט און אנערקענט.

און שוין דערפאַר, ווייל אויך אין רוסלאַנד האָבן מיר איצט מער פּאָעטן ווי פּראָזע־שרייבער און בערגלסאָן איז אויך אין רוסלאַנד אפשר דער לעצטער יידישער רעאַליסט, באַווייזט ווי רעפּרעזענטאַטיוו אונזער אולטראַ־ראָמאַנטי־שער שלום אש איז פאַר דער תקופה פון וועלטלעך־נאַציאָנאַלער און פאָלקי־שער ירידה, אין וועלכער מיר געפינען זיך אַצינד.

שלום אשס אייגנאַרטיקער טאַלאַנט און טעמפּעראַמענט זענען ווי „אָנ־געמאַסטן" פאַר אונזער צייט. אַפילו אין זיין ערשטן רעאַליסטישן פּעריאָד, אַפילו אין זיינע ערשטע רעאַליסטישע דערציילונגען און מאָטיוון איז ער געווען אַ שפּאָר ביסל ראָמאַנטיש און יום־טובדיק. פּרץ איז אינטעלעקטועל־באַ־וואוסטזיניק קינסטלעריש און טעמאַטיש געוואָרן נאַציאָנאַל, פאָלקסטימלעך, ראָמאַנטיש. שלום אש איז אַ געבוירענער, עמאָציאָנעלער ראָמאַנטיקער. זיין „שטעטל", זיין „קיילער געסל", זיינע „מוידן" אין יענקל שאפּשאָוויטשעס הייזל, זיינע „מאָטקעס" — אַלע זענען זיי אַזעלכע נאַאיווע, ראָמאַנטישע, נישט ער־דישע באַשעפענישן (אפשר איז דאָס רייפסטע און באַוואוסטזיניקסטע ווערק זיינס פון יענער תקופה נאָך אַלץ „ר׳ שלמה נגיד" ?).

אין יענע יאָרן איז אש געווען אַ געזונטע און דערפרייענדיקע דערשיינונג אין אונזער ליטעראַטור, ווייל ער האָט אָנגעהויבן שילדערן דאָס גאַנצע און דאָס אידילישע אין גלות; שלום אש האָט אַראָפּגעבראַכט ארץ ישראל אין גלות אַריין... ער איז געווען פאַרליבט אין דער פּוילישער ערד און אין דעם פּוילישן ייד; ער האָט זיי ביבליש באַ׳חנ׳ט.

אָבער אונזער לעבן אין אייראָפּע און אַמעריקע איז קראַנק געוואָרן און אויפגעהערט גלויבן אין אונזער וועלטלעכן פאָלקיזם. די יונגערע דורות יידי־שע לעזער זענען אַלץ שיטערער געוואָרן און די געבליבענע עלטערע האָבן

אַלץ מער און מער געפאָדערט נאסטאלגישע, פאָעטישע זכרונות און מאָטיוון פון די אַלטע היימען, פונם אַוועקגייענדיקן יידישן שטייגער, און בכלל פון די אַלטע צייטן.

אפּאטאשו, דער קרעפטיקער יונגער דערציילער, שרייבט זיין היסטאָרישן ראָמאַן „די פּוילישע וועלדער" און נעמט אַזוי אויס ביי דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע ווערט אַלץ ראָמאַנטישער. לייוויק גייט אַריבער פון די „ווינטער־לידער" צו זיין „גולם" און אַנדערע מיסטישע קידוש־השם־פּאָעמעס. אַפילו שניאור, דער מאַיסטערהאַפטער, געבוירענער פּראָזע־שרייבער, כאָטש ער איז באַרימט געוואָרן אַלס העברעאישער פּאָעט, קערט זיך אום צו דעם אַמאָליקן „שקלאָוו" און דערנאָך, נאָך ווייטער, צום „קייזער און דעם רבין".

די עטלעכע יונגע רעאַליסטן ראַנגלען זיך נאָך מיט דער אָנקומענדיקער ראָמאַנטישער פאַרפלייצונג; מער אינסטינקטיוו ווי באַוואוסטזיניק ראַנגלט זיך דער רעאַליסטישער גבור וויסנבערג מיט דער פאַלשער טעמאַטישקייט, מיט דער פסעוודאָ־קונסט און מיט דער „אינטעליגענשטשינא" — די „ליט־וואַקעס" — וועלכע פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער יידישער ליטעראַטור. אויך דערפאַר מוז מען עס צוגעבן, ווייל אַסך פון זיי הויבן אָן אַרויסגעשטופּט ווערן דורך דעם וואַקסנדיקן אַנטיסעמיטיזם צווישן דער פּראָפעסיאָנעלער אינטעליגענץ אין אייראָפּע, פון די פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן, צו וועלכע זיי האָבן זיך געריסן און אין וועלכע זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן.

קעגן דעם ראָמאַנטישן שטעלט זיך אויך דער געזונטער רעאַליסט זינגער מיט זיין „יאָשע קאַלב", וועלכער נעמט נישט אויס צוליב דער געזונטער טענדענץ ביי דער קריטיק.

שלום אש אָבער איז דאָן אין זיין פולער גדולה־ירידה. עס קומט זיין סעריע „קדוש־השם"־ראָמאַנען און נאָוועלן, כאָטש איינצייטיק אויך שרייבט ער אייניקע גרעסערע נאָוועלן פונם אַמעריקאַנעם יידישן לעבן און נאסטאלגישפאָעטישע דערציילונגען פון דער אַלטער היים; און אש ווערט דער גרויסער יידישער שרייבער, דער גרעסטער יידישער שרייבער—דרך אגב, דער „סטאַר־שרייבער" פונם „פאָרווערטס" און זיין רעדאַקטאָר, וועלכער וואַקלט זיך אַלץ מער און מער צווישן דעם אַלטן סאָציאַליסטישן רוסישן און זאַלאַ־רעאַליזם און דער נאסטאלגישער זכרונות־יידישקייט, וואָס די מאַסן אַלטע לעזער און „געגנאָסן" פאָדערן... שלום אש ווערט אַלץ מער און מער דער ליבלינג פון דעם קליגסטן און פעאיקסטן צייטונגס־רעדאַקטאָר אין אַמעריקע, — פון אב. קאַהאַן — וואָס האָט דאָך פאַרשטאַנען די איבערגייענדיקע שטימונגען פון די מאַסן האַלב־אויסגעגרינטע און „אויספּראָלעטאַריזירטע", באַלעבאַטיש געוואָרענע אַמעריקאַנער יידישע לעזער; און וואָס אַפילו זיינע

זשורנאַליסטישע קריטיקער אין אַמעריקע האָבן אים און זיינע זשורנאַליסטישע מעטאָדן און אַפילו זיין „שונד“ נאָכגעמאַכט.

שלום אש איז קיינמאָל ניט געווען קיין פּאָרטרעטיסט, קיין צייכנער און מאָלער פון כאַראַקטערן און טיפּן, קיין סטודענט פון פאָרמען. ער איז שטענדיק געווען אַ דעקאָראַטיווער מאָלער, אַ מאָלער פון פּאַנאָראַמעס, אַ קאָלאָריסט פון סאָציאַלע פּאַנאָראַמעס און אידיליעס. די בעסטע פון זיינע פּאַנאָראַמעס — ווי אַ שטייגער, זיינע „דריי שטעט“ און דער „תהלים־ייד“ — דערמאָנען אין די צו רייכע און צו פאַרביקע בילדער פון געוויסע צווייט־ראַנגיקע אימפּרעסיאָניסטישע מאָלער.

אַ פּאָר יאָר פאַר דער מלחמה האָט זיך שלום אש געהאַט אויסגעדריקט, אַז ער איז אויסן מיט זיין שאַפן „צו פאַרשפּרייטן ליבשאַפט צו יידן צווישן די אומות העולם“ — די „פּראָגראַם“ צי טענדענץ איז נישט נאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר אשן אַליין, (וועלכער איז שוין אגב דאַן שטאַרק איבערזעצט געוואָרן און ער האָט שוין, נאַטירלעך, ווען אַפילו נישט ווילנדיק, געהאַט אַן אויג אויף זיינע נישט יידישע פאַרלעגער און לעזער), נאָר פאַר דער גאַנצער איצטיקער ירידה־תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור.

נישט אַלע היינטיקע יידישע שרייבער האָבן דערגרייכט די פּאָפּולאַריטעט אויף די נישט־יידישע ביכער־מאַרקן, ווי אש (אַפילו נישט שניאור און זינגער, וועלכע זענען אויך אַ סך איבערזעצט געוואָרן). קען שוין במילא ביי זיי נישט זיין דער לאָזונג פון „פאַרשפּרייטן ליבשאַפט צו יידן צווישן די אומות העולם“.

אָבער דערפאַר הערשט ביים רוב היינטיקע יידישע שרייבער און דיכטער אַ מין אידעאָלאָגיע צו פאַרשפּרייטן ליבשאַפט צו יידן ביי יידן גופא, ביי זיך אַליין. מען האַלט אין איין זוכן, און ווען מען זוכט, געפינט מען — ווי מען קען עס נאַטירלעך ביי אַלע פעלקער און אַלע אמונות — גרויסע יידן, שיינע יידן, צדיקים, מאַרטירער, קדושים. מען האָט פלוצלינג אָנגעהויבן געפינען גאַנצע יידן, אַ גאַנץ און שיין ייִדיש לעבן — נישט דעם אייגנאַרטיקן יידישן שטייגער, פון וועלכן מיר האָבן פריער גערעדט — אַפילו אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, פון וועלכער אונזערע קלאַסיקער — רעאַליסטן און דער רוב היינטיקע שרייבער אין זייער יוגנט, האָבן אַזוי ביטער־משכיליש אָפּגעלאַכט אָדער, מער־ווייניקער, רעאַליסטיש־קינסטלעריש געשילדערט.

שוין פּרץ אַליין האָט פאַרוואָרפן זיין פּראַכטפול סאַטיריש־משכילישן „שטריימל“ און אַנטדעקט דעם „ביאַלער רבין“. אָבער די גרויסע השפּעה פון בריסקער רב — די פּראַכטפולע פאַרקערפּערונג פונם רעאַליסטישן פּאָזיטיוויזם

— האָט אויף אים געווירקט אַפילו אין זיינע לעצטע יאָרן. איצט אָבער קוקן כמעט אַלע יידישע דיכטער און שרייבער — מיט אשן בראש — אויפֿן יידישן לעבן מיט די אויגן פונעם ביאַלער רבין אַליין: זיי זען נישט די צוריסענע, לוס־טריגענע קאַפּאָטעס פון די חסידים, די אָרימע לאַנקע מיטן צעטראָטענעם גראָז, אויף וועלכער זיי טאַנצן פאַרגאַפּיעט וויט פון זייערע אָרימע אויסגעהונגערטע, פאַרוואַרלאָזטע ווייבער און קינדער. נישט נאָר שטינקען שוין מער נישט די מקוואות, נאָר זיי מערן זיך אַפילו איצט אינם גרויסן שמעלץ־טאָפּ ניו־יאָרק, צוזאַמען מיט קאָלאָסאַלע „שטריימלעך און צדקה־רעקעטס"...

די גאַנצע איצטיקע יידישע ליטעראַטור און פּרעסע איז פול מיט לעכצעניש צו דעם אַמאָליקן „גאַנצן און שיינעם" יידישן לעבן, און אַפילו אַזאַ פיינער דיכטער ווי גלאַטשטיין — דער אייראָפּעאישסטער און ראַפינירט־סטער אפשר פון אונזערע אַמאָליקע „יונגע" — מיט זיין רוף „צוריק צו דער געטאָ", וועלכער איז אגב נישט פאַרשטאַנען געוואָרן, ווייל ס'איז מער משנאת־אייראָפּע און פאַלשער ציוויליזאַציע ווי מאהבת־געטאָ. ס'איז געווען אַ ווײ־געשריי פון אַ טיף־באַליידיקטן שטאָלצן ייד און מענטש, און נישט סתם אַ יאַכ־מערן און לעכצן נאָך אַ „גאַנצקייט" און אַ „שיינקייט", וועלכע האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט נישט ביי אונז און נישט ביי אַנדערע פעלקער. (וואָרום וויפיל פיינע, גאַנצע לעבנס זענען עס פאַראַן אין אַ מענטשלעכן דור ?)

אָבער אונזער אינטעליגענץ, לינקע און רעכטע, האָבן זיך צעשריגן „צו־ריק צו יידישקייט, צוריק צו דער יידישער אמונה, צום אַלטן יידישן גאָט" און אַפילו נישט באַמערקט אַליין ווי „אַסימילאַטאָריש" זיי זענען אויך אין די גע־שרייען, ווי מאָדיש די געשרייען און אידעאָלאָגיעס זענען אַצינד צווישן דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ בכלל, וועלכע האָט זיך דערשראָקן און וויל אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט. (אונזער באַרעכטיקונג איז אָבער, אַז אונזער ווירקלעכקייט איז צו גרויזאַם און קאַטאַסטראָפאַל געוואָרן).

ווי נאַאיוו און פאַלש עס איז ווען מען מיינט, אַז „מען קען מיט באַשריי־בונגען און נאָוועלן, ווי טאַלאַנטפול זיי זאָלן נישט זיין, פאַרשפּרייטן ליבשאַפט צו יידן צווישן די אומות העולם" איז אפשר נישט אין גאַנצן איבריק צו באַ־ווייזן.

אויסער דעם, וואָס ראָמאַנטישע אידעאַליזאַציעס זענען ס'רוב קינסטלע־ריש פאַלש, זענען זיי דערצו נאָך גאָרנישט איבערצייגנד.

מיר שעצן די גרויסע ליטעראַטורן און שרייבער ביי אַנדערע פעלקער,

ווייל זיי זאָגן דעם אמת; ווייל זיי ווייזן לעבעדיקע מענטשן, כאַראַקטערן און פאָרמען; דוקא דערפאַר, ווייל זיי גלעטן נישט זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע בעקלעך... מיר שעצן אַזוי די גרויסע מייסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור, נישט ווייל זיי האָבן אונז געשילדערט און געוויזן זייערע נאַציאָנאַלע צדיקים, קדושים און העלדן, נאָר ווייל זיי האָבן אונז געוויזן זייערע „אייגענע" — און דאָך מענטשלעך־אוניווערסאַלע־טאַרטיופס, סמערדיאַקאָווס, קאַראַמאַזאָווס און אַנדערע אַזעלכע „מיאוסע" כאַראַקטערן; ווייל זיי ווייזן דאָס מענטשלעכע — גוטע און שלעכטע — וואָס איז אין אונז אַלעמען, יידן און נישט־יידן.

מיר שעצן אָט די גרויסע מייסטער און דיכטער, נישט צוליב „שאָדן־פרייד", ווייל זיי האָבן אַזעלכע מיאוסע טיפּן און מענטשלעכע כאַראַקטערן (אגב, נאָך מיאוסערע ווי די „שיילאָקס" און די „פייגינס", צוליב וועלכע מיר זענען אַזוי נאַאיוו און קרענקלעך־עמפינדלעך גרייט צו באַשולדיקן זייערע גרויסע שאַפער אין אַנטיסעמיטיזם) נאָר ווייל מיר שעצן זייערע גרויסע, שעפערישע כחות פון זען און ווייזן מענטשן ווי זיי זענען.

שטאָלצירן מיר און די וועלט מיט דער ביבל, מיט די נביאים דערפאַר, ווייל זיי — די נביאים — האָבן אונז געהאַלטן אין איין לויבן און באַזינגען?

און דאָך גייען איצט אַרום אונזערע דיכטער און זוכן יאַקבי פאַרשפרייטן ליבשאַפט צו יידן צווישן די אומות העולם און ביי זיך אַליין, און מען דיכטעט און פאַבריצירט אַזעלכע פאַלשע שפּיגעלעך, מיט וועלכע זיך אָפּצונאַרן און פאַרנאַרן. ביאַליק האָט אין זיין גבורה נישט מורא געהאַט צו שילדערן „דעם יידן ווי ער ליגט אין אַ ווינקל אויפן בוידעם, ציטערט און בעט גאָט פאַר זיין לעבן; קוקט צו ווי זיין פרוי ווערט געשענדעט און לויפט אויף מאָרגן צום רב פרעגן, צי ער מעג לעבן מיט זיין געשענדעטער פרוי". און היינט טון אונזערע דיכטער שילדערן און זינגען פון קדושים מיט חלבנע טרערן.

און דאָך האָט ביאַליקס — אפשר צו גאַליק און צו ביטער? — משא־נמירוב מער געוועקט אונזער זעלבסט־ווערדע ווי די שמן־זית׳דיקע „תהלים־ייד" און „נוצרי". און כאָטש איך האַלט, אַז ס׳איז קינסטלעריש און עטיש פאַלש מיט אַ כוונה אַזוי צו שילדערן דאָס יידישע לעבן, אַז ס׳זאָל וועקן ליבשאַפט צו זיך, בין איך חושד, אַז אַפילו ביאַליקס משא־נמירוב, וואָס איז נישט קיין גרויס מייסטער־ווערק, וואָלט אין אַ גוטער איבערזעצונג אַרויסגערופן מער דרך־ארץ און רעספּעקט צו אונז ווי די נייע געזאַלבטע אַפּאָלאָגעטיק אונזערע.

אַפּאָלאָגעטיק — ווילנדיקע און נישט־ווילנדיקע, גאַנצע און האַלבע — הויבט זיך אָן, ווען מען נעמט שרייבן פונעם יידישן לעבן פאַר פּרעמדע לעזער, סאַי דירעקט אין אַ „פרעמדער שפּראַך" סאַי מיט דער האָפנונג, איבערזעצט צו ווערן אין „פרעמדע שפּראַכן".

ווען מ. ל. ליליענבלום האָט קריטיקירט י. ל. גאָרדאָנס בוך לידער באשר דער משורר זעט בלויז די נעגאַטיווע, שאָטנדיקע זייטן פונעם יידישן לעבן, האָט אים גאָרדאָן אויף דער קריטיק געענטפערט: „ווען איך שרייב אין רוסיש צי אין אַן אַנדערער פרעמדער שפּראַך, וואָלט איך אויך געווען אַ מליץ־יושר פאַר מיין פאָלק, און געוויזן די ליכטיקע זייטן פון אונזער לעבן. אָבער פאַר אייגענע לעזער און אין דער אייגענער שפּראַך, איז עס נישט נויטיק".

אָט דער „נאַאיווער" ענטפער פון י. ל. גאָרדאָן איז גאָרנישט אַזוי נאַאיוו. פאַרקערט, ער גיט אונז אַ גרינטלעכע פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג פון אַפּאָלאָגעטיק און מעג ווערן קלאַסיש. ווען מען שרייבט פאַר אייגענע און אין דער אייגענער פאָלקס־שפּראַך, פּוצט מען זיך נישט, זאָגט מען דעם אמת, ווייזט דער קינסטלער דאָס לעבן ווי ער זעט עס, אויב ער איז אַ דיכטער, אַ קינסטלער און האָט אַ זעאונג. אין אַן אייגענער שפּראַך, פאַר אייגענע לעזער, זאָגט זיך גיכער און נאַטירלעכער דער אמת. אין דעם באַשטייט די שעפערישע גרויסקייט, דער אוניווערסאַליזם פון נאַציאָנאַלע פאָלקס־שפּראַכן.

וואָלט, צום ביישפּיל, דער „סלאַוויאַנאָפיל" דאָסטאָיעווסקי געשאַפן זיינע קאַראַמאַזאָווס, זיין סמערדיאַקאָוו, ווען ער שרייבט נישט פאַר זיינע רוסישע לעזער, נאָר מיט אַן אויג איבערזעצט צו ווערן אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן? וואָלט מאַליער געשאַפן זיין טאַרטיוף, ווען ער שרייבט פאַר ענגלישע צי דייטשע לעזער? און וואָלט דיקענס, שלום־עליכם און אַלע אַנדערע גרויסע שרייבער געווען דאָס, וואָס זיי זענען, ווען זיי שרייבן נישט פאַר אייגענע, אונטער פיר אויגן, אַזוי צו זאָגן?

דערפאַר טאַקע זענען די נאַציאָנאַלסטע פּאָעטן די אוניווערסאַלסטע — זיי האָבן אין זייערע אייגענע שפּראַכן נישט מורא געהאַט צו זאָגן דעם אמת ווי זיי זעען אים; צו ווייזן דאָס לעבן, דעם מענטשן, ווי ער איז; און דער מענטש איז אוניווערסאַל אונטער יעדן נאַציאָנאַלן קאָסטיום. אין דער אייגענער שפּראַך איז מען נאַציאָנאַל־אוניווערסאַל, און אין פרעמדע שפּראַכן אָדער אַפילו פאַר פרעמדע לעזער ווערט מען נאַציאָנאַליסטיש־אַפּאָלאָגעטיש, אַפילו ווען די כוונה איז צו באַווייזן דעם אייגענעם אוניווערסאַליזם.

אונזער יונגע מאָדערנע יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן אַזוי שעפעריש און פּרוכטבאַר, ווייל די יידישע שרייבער האָבן געשריבן פאַר אייגענע לעזער און פונעם לעבן פון די אייגענע לעזער. זיי האָבן געזאָגט זייערע אמתן אין די

אייגענע שפּראַכן אָן דער אינסטינקטיווער איבערקלערונג „למה יאמרו ?"
דערפאַר האָבן אונזערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן אַפילו ריין קינסטלעריש אי־
בערגעשטיגן די אַנעמישע פרעמד־שפּראַכיקע יידישע שרייבער.

אונזערע קלאַסיקער האָבן אודאי נישט געשריבן אין זינען האָבנדיק דעם איבערזעצער און די פרעמדע לעזער. אָבער לעצטנס האָבן אייניקע פון אונזע־רע באַדייטנדסטע פּראָזע־שרייבער אָנגעהויבן שרייבן מיט אַ שאַרף־אויג אי־בערזעצט צו ווערן; טיילוויז, ווייל די יידישע ליטעראַטור און אירע קלאַ־סיקער זענען שוין אין אַ געוויסער מאָס אנערקענט געוואָרן און טיילווייז, צו־ליב עקאָנאָמישע טעמים (און דאָס איז אויך אַ באַדייטנדער פאַקטאָר אינם עולם היצירה). דער מאַרק פאַרן בעסערן יידישן בוך האָט אָנגעהויבן שטאַרק איינ־שרימפן, די נאָך נאַציאָנאַל־געשטימטע יידישע יוגנט (און דער וואַקסנדער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעהאַלטן די „שטימונג") האָט אָנגעהויבן אפשר זוכן יידישע טעמעס אין די שפּראַכן, וואָס זיי האָבן געקענט. האָבן די יידישע שריי־בער אָנגעהויבן זוכן די דורות יונגע יידישע לעזער, וואָס זענען אַוועק פון זייער פאָלקס־שפּראַך און אין איין וועגס טאָקע אויך געפונען נישט־יידישע לעזער און . . . רום און כבוד פאַרן יידישן פאָלק.

„ווען איך שרייב אין רוסיש צי אָן אַנדערער פרעמדער שפּראַך, וואָלט איך אויך געוואָרן אַ מליץ יושר פאַר מיין פאָלק". עס קאָן זיין, אַז נישט איי־נער פון אונזערע איצטיקע יידישע שרייבער ווייסט ביי זיך טיף אין האַרצן, אַז פאַר אייגענע יידישע לעזער וואָלט ער אַנדערש געשריבן, און אפשר אמתער און ווערטפולער ?

שלום אש איז דער ערשטער אפשר פון אונזערע גרויסע שרייבער, פון אונזערע שפּעטערע קלאַסיקער, וואָס האָט אָנגעהויבן שרייבן כמעט הויפּט־זאַכלעך פאַר פרעמד־שפּראַכיקע לעזער. דערפון שטאַמט זיין קינסטלערישע שטרויכלונג, זיין ראָלע פון אַ מליץ יושר פונם יידישן פאָלק. שוין אינם „תהלים־ייד" ווייזט ער דער וועלט אונזער „יידישע קריסטלעכקייט". און פון שלום אשס „תהלים־ייד" איז שוין אַפילו קיין תחום־שבת נישטאָ צו זיין „נוצרי", וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ כאַראַקטעריסטישן שטורם אין דער יידישער גאַס. שוין דער פאַקט אַליין וואָס דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַזאַ גע־וואַלדיקן שטורם פון פּראָטעסטן אין דער יידישער אַמעריקע, באַווייזט ווי נישט רעאַליסטיש דער רוב פון אונזער אינטעליגענץ האָט אין די לעצטע יאָרן אָנ־געהויבן דענקען און פילן.

אייגנטלעך איז אשס „נוצרי" שוין אַפילו נישט קיין נייע „אפיקורסות"

אין אונזער ליטעראַטור. מיר געדענקען אַלע ד״ר זשיטלאָווסקיס באַרימטע „רעוויזיע פונם היסטאָרישן דרייפוס־פּראָצעס״, ווי ער האָט עס אָנגערופן, אין וועלכער ער האָט אויפגעפאָדערט מיר זאָלן רעווידירן אין אַ היסטאָריש־קריטישער ליכט אונזער טראַדיציאָנאַלע שטעלונג צום גרינדער פונם קריסטנטום; מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק האָבן מיר אויך געהאַט דעם „ברענער — אחד־העם״־אינצידענט, ווען אחד־העם האָט געפאָדערט, מען זאָל אויפהערן סובסידירן דעם „הפּועל הצעיר״ דערפאַר, וואָס ברענער האָט אין דעם זשורנאַל אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אַ ייִד ווערט נישט אויס ייִד, ווען ער האַלט — מיט רעכט אָדער אומרעכט — אַז דאָס קריסטנטום איז עטישער אָדער עוואָלוציאָנערער פונם יודאאיזם. און ווי ווייט איך געדענק איז פאַר אַ קורצער צייט געווען אַ שטיקל מאָדע צווישן די אַמאָליקע יונגע דיכטער און קינסטלער צו שרייבן לידער וועגן יעזוס און מרים און ס׳האָט קיינעם נישט געאַרט, דאַכט זיך, באַזונדערס. זיי זענען געפעלן אָדער נישט געפעלן, נישט צוליב זייער טעמע, נאָר ווייל זיי זענען געווען גוטע אָדער שוואַכערע לידער.

אַפילו די דערמאָנטע ד״ר זשיטלאָווסקי און אחד־העם־ברענער אינצידענטן זענען מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק געווען מילדע סענזאַציעס אין פאַרגלייך מיטן געוואַלדיקן שטורם קעגן אשס „נוצרי״, וועלכער האָט שיער נישט געפירט צו אַ מין חרם אויף אונזער דיכטער שלום אש. און איבערהויפּט האָט אַ באַדייטנדער טייל פון אונזער אינטעליגענץ געהאַט אָנגעהויבן, ביז די לעצטע יאָרן, זיך באַציען גאַנץ אָביעקטיוו צו רעליגיעזע און טעאָלאָגישע פּראַגן.

מיר זענען שוין געהאַט געוואוינט געוואָרן, אַז ייִדישע סקולפּטאָרן און מאָלער — פון אנטאקאלסקין ביז עפּשטיינען און שאגאלן — זאָלן קלעפּן און מאָלן דעם נוצרי, און מיר פלעגן זיי משפּטן, גערעכט צי אומגערעכט, לויט זייער קינסטלערישער ווערט. (גיכער האָט די רעאַקציאָנערע קריסטלעכע וועלט געהאַט טענות צו די שאַפונגען פון ייִדישע קינסטלער אויף זייער געזאַלבטער טעמע) פאַרוואָס זשע האָט אונזער אשס „נוצרי״ אַרויסגערופן אַזאַ שטורם פון פּראָטעסטן, ווען ס׳איז דערשינען אין ענגליש אין דער צייט פון קריג? (ס׳איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אין ייִדיש האָט מען דאָס בוך נישט געוואָלט דרוקן ביז דוקא די ייִדישע קאָמוניסטישע פּרעסע אין אַמעריקע האָט, אין איר „טאַקטישן״ גייעג נאָך אַ באַרימטן נאָמען, גענומען דרוקן אַזאַ רעאַקציאָנערן און קינסטלעריש־שוואַכן בוך).

מיר דאַכט זיך, אַז דער ענטפער אויף דער פּראַגע איז פאָלגנדער: ערשטנס אין דער אַזוי גערופענער ראַדיקאַלער און סאָציאַליסטישער ייִדישער לעזער־עולם, וועלכער ווערט דאָך רעפּרעזענטירט דורכן „פאָרווערטס״ גע־

וואָרן אַ סך רעליגיעזער געשטימט אין די לעצטע יאָרן; און צווייטנס איז אַ גרויסע טייל פון אונזער אַמאָליקער וועלטלעכער אינטעליגענץ אויך געוואָרן רעליגיעז, מיסטיש געשטימט. און אַזיוווי דער „תהלים־ייד" איז זיי אַזוי געפעלן געוואָרן, האָבן זיי נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ שטעלונג צו נעמען צו אָט דער נייער אש „דערגרייכונג", ווייל אין דער אמתן איז שלום אשס „נוצרי" אַ לאָגישע אָדער ריכטיקער עמאָציאָנעלע פאָרטזעצונג פון זיין „תהלים־ייד" — אַ סובלימיזירטער „תהלים־ייד", ווי ש. ניגער האָט עס ריכטיק און כאַראַקטעריסטיש באַצייכנט — און אַזיוווי פונם „תהלים־ייד" איז אונזער קריטיק אַזוי אַנטציקט און באַגייסטערט געווען, טאָ וויאַזוי קענען זיי קריטיקירן דעם „נוצרי", וועלכער איז נאָך מער שמן־זית׳דיק און „סובלים"?

שוין אין דעם „תהלים־ייד" איז געווען צו באַמערקן אָט די לאַקריץ־קריסטלעכקייט. זענען טאַקע אונזערע אינטעליגענטע קריטיקער געבליבן געפּלעפט, ווען אש האָט זיי פאַרפירט צום „הייליקן קוואַל". אוןביידע ווערק זענען געשריבן געוואָרן הויפּטזאַכלעך פאַר דעם נישט־יידישן לעזער און פאַר די יידישע לעזער, וואָס לייענען שוין נישט יידיש.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַזוי לאַנג אויף אשן, ווייל, ווי געזאָגט, איז ער אַצינד דער רעפּרעזענטאַטיווסטער יידישער שרייבער. מיט אַלע זיינע גרויסע מעלות און גרויסע חסרונות כאַראַקטעריזירט ער אַמבעסטן די איצטיקע עפּאָכע פון קריזיס און ירידה אין אונזער יונגער ליטעראַטור. דאָס הייסט אודאי נישט, אַז איך אונטערשעץ אונזערע אַנדערע איצטיקע יידישע שרייבער און דיכטער. אָבער איך גלויב, אַז דער קומענדיקער היסטאָריקער פון אונזער ליטעראַטור וועט באַצייכענען די איצטיקע תקופה אין אונזער ליטעראַטור אַלס „די אש־תקופה".

וואָס איז די הויפּט־כאַראַקטעריסטיק פון אונזער איצטיקער קריטישער תקופה? דערויף ענטפער איך: ראָמאַנטישע אַפּאָלאָגעטיק און מיסטיציזם. דער רוב איצטיקע יידישע שרייבער און דיכטער שרייבן איצט ווי אַמאָל די פרעמד־שפּראַכיקע יידישע שרייבער, וועלכע פלעגן שרייבן פונם יידישן לעבן, מעשה אַדוואָקאַטן. זיי פלעגן פוצן און שייערן די יידישע טיפּן און מאָטיוון, אַז זיי זאָלן געפעלן די גוישע לעזער, און... די יידישע לעזער, וואָס פלעגן זיך אונטערשעמען מיט זייער יידישקייט און זוכן צו אַנטלויפן פונם יידישן פאָלק, און נישט נאָר דערפאַר, ווייל אַ סך פון היינטיקע יידישע פּראָזע־שרייבער האָפן איבערזעצט צו ווערן אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן, וואו זיי קענען

אויך שוין איצט מער יידישע לעזער געפינען ווי אין יידיש (כאָטש דאָס איז אויך אַ טעם) און זיי ווילן ווייזן שענער דאָס יידישע לעבן, נאָר הויפּטזאַכלעך, ווייל זיי האָבן אויפגעהערט גלויבן אין דער יידישער פאָלקישער ווירקלעכקייט.

מיר האָבן אָנגעהויבן שרייבן מער ווי די פרעמד־שפּראַכיקע זאַנגווילס (אין בעסטן פאַל) און נישט ווי אונזער גרויסער שלום־עליכם. אונזערע קרי־טיקער און ליטעראַטור־פאָרשער האָבן אָנגעהויבן לאַכן און אונטערשעצן די יידישע השכלה און אונזערע ערשטע משכילים־שרייבער, צוליב זייערער ביטע־רער קריטיק פונם יידישן לעבן; און אומבאַמערקט פון זיך אַליין קערן זיי זיך צוריק צו דער ערגערער אַסימילאַטאָרישער, פרעמד־שפּראַכיקער השכלה מיט איר אַפּאָלאָגעטיק און מיסיאָניזם.

אַ מערקווירדיקער אידעאָלאָגישער „סאַמערסאַלט“, אַן אַקראָבאַטישער „קאַזשילאַק“. אַמאָליקע יידישע שרייבער, די בויער און זיילן פון אונזער לי־טעראַטור, האָבן נישט געזוכט קיין מיסיעס. זיי האָבן געזוכט צו ווייזן דעם יידישן לעזער דאָס יידישע לעבן ווי זיי האָבן עס געזען; זעלבסט־קריטיק איז געווען זייער הויפּט־טענדענץ, ווייל זיי האָבן געלעבט מיט די יידישע מאַסן און געגלויבט אין זיי, כאָטש זיי האָבן זייער לעבן אַזוי ביטער קריטיקירט און אָפּגעלאַכט. ((און נאָר די, וואָס גלויבן אין זיך און אין די אייגענע כחות וואַגן זיך זעלבסט צו קריטיקירן).

די היינטיקע יידישע אינטעליגענץ און אַ גרויסער טייל פון אונזערע היינטיקע שרייבער און דיכטער האָבן אָנגעהויבן זוכן מיסיעס פאַרן יידישן פאָלק, פאַר דער יידישער ליטעראַטור און זען אַפילו נישט ווי זיי גייען אין די פוס־טריט פון דעם אַסימילאַטאָרישן צווייג פון דער השכלה, וועלכע האָט גע־זוכט „מיסיות משונות“, כדי צו פאַרגרינגערן זייער אַסימילאַציאָנס־געוויסן. (אויך היינטיקע יאהודים שרייען, אַז מיר זענען נישט קיין פאָלק, נאָר מיר האָבן בלויז אַ מין רעליגיעזע מיסיע צווישן די פעלקער) און דאָס אייגענע האָבן אָנגעהויבן טון אונזערע היינטיקע, לינקע און רעכטע, „בעלי־תשובה“ און מיסטיקער — די בובערס, די אשס, די מענעסעס, די שטיינבערגס... מיט פאַרשידענע טראָפּן און ניואַנסן. (און מיסטישע טעאָריעס זענען פול מיט ניואַנסן). אָבער די טעאָרעטישע, פילאָזאָפישע פובליציסטיק פון אונזערע היינ־טיקע בעלי־תשובה דערמאָנט אַזוי שטאַרק די יידישע שריפטן פון די יידישע שרייבער אין די פרעמדע שפּראַכן, וועלכע האָבן אויך שטענדיק געבריעט, אַז מיר האָבן אָדער דאַרפן האָבן עפּעס אַ באַזונדער מיסיע אין דעם עמק־הבכא צווישן די זינדיקע אומות העולם, און אויף וועלכע מיר האָבן שטענדיק געקוקט ווי אויף אַסימילאַטאָרן, וואָס ווילן אַנטלויפן פון פאָלק און פון ווירק־לעכקייט.

מיר זענען שטענדיק געווען שטאָלץ מיט דעם גייסט פון זעלבסט־קריטיק, וואָס האָט געהערשט אין אונזער ליטעראַטור — און אָן דעם גייסט ווערט יע־דע ליטעראַטור האַלב טויט, סטאַגנירט און קאָנאַניזירט. מיר האָבן געקענט פון זיך לאַכן. מיר האָבן גערעדט אין יידיש צו זיך און פאַר זיך און נישט מורא געהאַט צו זאָגן זיך די ביטערסטע אמתן. און עס זענען געשאַפן געוואָרן די בעלי־טאַקסעס, די שיינע מענטשלעך, די פּיאַווקעס און פּראָצענטניקעס, די פישקעס, די האָצמאַכס, די טביהס, די מנחם־מענדלעך. מיר האָבן נישט מורא געהאַט צו לאַכן פון זיך, ווייל מיר האָבן געגלויבט אין די אייגענע כחות.

פונם משכילישן־סאַטירישן שאבלאָן זענען די ווייטערדיקע יידישע קינסט־לער איבערגעגאַנגען בהדרגה און נאָרמאַל צום יידישן טיפּ, צום מענטש און קינד; צו שטודיע און פּאָרטרעט. און די יידישע ליטעראַטור האָט, דאַכט זיך, שוין געהאַט אָנגעהויבן צייטיקן און רייפן פאַר דעם אוניווערסאַל־מענטשלעכן כאַראַקטער אין דער פיינער, עלאַסטישער יידישער שפּראַך. איז אָבער אָנגע־קומען די שוידערלעכע רעאַקציע, וועלכע האָט געפירט צו דער יידישער קאַ־טאַסטראָפע און אונזער באַנייט נאַציאָנאַל און פאָלקס־שאַפן איז אַזוי טראַגיש צוריקגעשליידערט געוואָרן. מיטן סך־הכל: אונזער סעקולער־פאָלקישע אינ־טעליגענץ איז מבולבל געוואָרן און האָט נישט נאָר אויפגעהערט צו זיין זעלבסטקריטיש, נאָר האָט זיך אויך אָנגעהויבן אָפּזאָגן פון דעם קריטיש־שע־פערישן גייסט, וואָס האָט באַלעבט אונזער יונגע פּראַכטפולע ליטעראַטור און אונזער פאָלקישן ווידערגעבורט, נאָר אויך אין אונזער ליטעראַטור און ביי אי־רע קלאַסיקער אָנגעהויבן זוכן בלויז דאָס קאָמפּלימענטאַרע; און אין אונזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיי, ווי דורך אַ נס, אָנגעהויבן זען נאָר דאָס „שיינע" און דאָס „גאַנצע". אונזערע טאַטעס, די טאַטעס פון אונזערע פייער־בערגס, די פאַרשידענע פאַנאַטישע כלי־קודש, וועלכע זענען גרייט געווען צו פאַרברענען די טריפה־פּסולע ביכלעך פון אחד־העם, מענדעלע א"א, ווערן געזען מיטן ביאַלער רבינס אויגן און זענען געוואָרן אַזעלכע „שיינע, גאַנצע יידן", צדיקים.

אונזערע היינטיקע שרייבער און דיכטער האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט — איך מיין אין די לענדער אַפילו וואָס האָבן דירעקט נישט געליטן פונם לעצטן חורבן — אָפּטמאַל אויך, ווייל ס'איז אַזוי ווייניק פּאָזיטיווע דאָ צו ווייזן פון דעם לעבן (כאָטש זיי זענען זיך דערויף נישט מודה) און פונם לעבעדיקן פּרט און פון דער לעבעדיקער ווירקלעכקייט זוכט מען זיך צו ראַטעווען אין אַ מיסטישן כלל און אין נאָך אַ מיסטישערער פאַר־גאַנגענהייט.

האָט זיך דער שעפעריש־קריטישער גייסט אָפּגעטון פון אונזער ליטעראַ־טור? און אויב יאָ — פאַרוואָס און אויף ווי לאַנג? וואָס ווייטער?

זען מיר איצט דעם סוף, די שקיעה פון דער לעצטער „רענעסאַנס־תקופה" אין דער לאַנגער יידישער געשיכטע פון ראַנגלענישן זיך אויפצוהאַלטן אַלס אַ פאָלק? טרעטן מיר איצט אַריין — געשטויסן פון דרויסנדיקע רעאַקציאָנערע כחות — אין איינער פון די בין־השמשות־פעריאָדן אין אונזער געשיכטע, ווען מיר פלעגן אויפשטעלן גדרים צו גדרים, זיך באַהאַלטן אין אַ זון־און־ליכטלאָזן „שעלטער" פון נאַציאָנאַל־מיסטישער איזאָלאַציע, כדי אויפצוהאַלטן דאָרט דעם ציטערדיק־טונקעלען נר־תמיד פון קיום־העם?

געלערנט פון געשיכטלעכע דערפאַרונגען, זוכט אַ טייל פון אונזער אינטעליגענץ זיך און דאָס פאָלק צו ראַטעווען דורך איזאָלאַציע, דורך מיסיאָניזם און מעסיאַניזם, דורך רופן צוריק צו דער אמונה פון אונזערע אבות, צוריק צו דער געטאָ אָדער צו אַ נייער יבנה, וואו מיר זאָלן זיך גייסטיק ראַטעווען פונם שרעקלעכן נאַציאָנאַלן און פאָלקישן חורבן, וואָס מיר האָבן ערשט געליטן.

ס'איז אין אַ געוויסן זין נאַטירלעך און לאָגיש אָט די רעאַקציע צווישן דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געראַטעוועט און איבערגעלעבט דעם לעצטן חורבן. ס'איז פאַרשטענדלעך אָט די שטימונג און יעדער פון אונז פאַלט לעצטנס אָפט אַריין, ווען אַפילו נישט ווילנדיק, אין אָט דער שטימונג.

ווען דאָס לעבן פון אַ יחיד אָדער אַ כלל ווערט צו טראַגיש און נישט־דערטראָגלעך, הערט מען אויף זיך צו קריטיקירן און מען הויבט אָן זוכן אָט די אייגענע ווערטן און אילוזיעס, וואָס זאָלן מאַכן גרינגער דאָס שווערע לעבן, די שווערע ווירקלעכקייט. דאָס איז אונזער אַלט־היסטאָריש אויסגעפּרוּווט מיטל, וואָס האָט אויפגעהאַלטן אונזער קיום־גסיסה אין אַ לאַנגער, לאַנגער געשיכטע. אָבער מיר מוזן זיך איצט פרעגן צי דאָס אַלטע היסטאָרישע מיטל פון ווילנדיקער־נישט־ווילנדיקער נאַציאָנאַלער איזאָלאַציע גילט אויך אין אונזער צייט, ווען אַפילו די גרעסטע און מעכטיקסטע פעלקער פילן זיך נישט זיכער אין נאַציאָנאַלער איזאָלאַציע.

צוליב דעם מאָדערנעם טעכנישן פּראָגרעס איז די וועלט געוואָרן קליין און אויך דער גרויסער גלות, וועלכער האָט אונז געראַטעוועט צוליב זיין „גרויסקייט", איז איצט אויך געוואָרן אַ קליינטשיקער גלות. „די רעטונג און פאַרלייכטערונג אין אַן אַנדער אָרט" איז שוין היינט אוממעגלעך. אַלע לענדער, אַלע קאָנטינענטן ליידן איצט פון די זעלבע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע קראַנקייטן. דער ראַדיאָ, די לופטמאַשין פאַרשפּרייטן אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מיקראָבן. און די אַטאָמישע באָמבע וועט זיי אַלע אָדער צערעכט מאַכן אָדער צערעכט מאַכן אויף אַן אמת. וואו וועלן מיר אויפשטעלן די „נייע סוכה" — די „נייע געטאָ"? און וואָס פאַר אולטראַ־נאַציאָנאַלע אָדער מיסיאָניסטישע אנשויאונגען זענען נישט אַסימילאַטאָריש?

איז אונזער איצטיקע „נעאָ־יידישקייט" נישט באַאיינפלוסט פונם מאָדער־נעם נעאָ־קאַטאָליציזם ? דערמאָנען נישט אין סטיל און תוכן די טעאָרעטישע און פילאָזאָפישע מאמרים פון אונזערע היינטיקע בעלי־תשובה אין די פילאָ־זאָפישע מיסטישע מאמרים פון די רעליגיעזע קאַטויליש־געשטימטע אייראָ־פּעאישע אינטעלעקטואַלן ?

איך דיספּוטיר איצט נישט צי זיי זענען גערעכט אָדער נישט — איך פרעג נאָר, צי זענען אונזערע היינטיקע בעלי־תשובה נישט מער אַסימילאַטאָ־ריש ווי די משכּילישע שרייבער, וועלכע פלעגן נישט „טאַנצן קדושה" און האָבן אין דער אמתן מער געגלויבט אין אונזערע פאָלקס־כּחות און אין דער שעפערישקייט פון מענטשן בכלל ?

און ווייטער בין איך נאָך נישט זיכער — און אונזערע היסטאָריקער האָבן די פראַגע, דאַכט זיך, נאָך נישט פאַרענטפערט — צי די מיסטישע און מעסיאַ־ניסטישע באַוועגונגען אין אונזער געשיכטע האָבן נישט גיכער געפירט צו אַסימילאַציע און שמד אַפילו, ווי די מער ראַציאָנאַלע און פּאָזיטיווע יידישע אנשויאונגען און באַוועגונגען ?

וואָס איז געוואָרן פון די „ערשטע קריסטן", פון די שבתי־צביניקעס, פראַנקיסטן ? און מען קען חושד זיין, אַז אַפילו דאָס מאָדערנע חסידישע יידנ־טום האָט גיכער געפירט צו רעליגיעזער אַסימילאַציע ווי דאָס מתנגדישע יידנטום ; פונם „תהלים־ייד", ווי איך האָב פריער געזאָגט, איז שוין אַפילו קיין „תחום־שבת" נישטאָ צום „נוצרי". (און איז אונזער שלום אש אַזוי באַאיוו און גלויבט — אויב ער האָט אַזאַ כּוח — אַז אין אַ געזעלשאַפט, וואו פאַשיזם און נאַציזם ווערן טאָלערירט, וועלן קריסטלעכע יידישע מאַסן און אַ „קריסט־לעך יידישקייט" ווייניקער פאַרפאָלגט ווערן ווי דאָס היסטאָרישע יידנטום ?)

די צייט פון „שטאַאט־רעליגיעס" און פון „נאַציאָנאַלע רעליגיעס" גייט שוין אויך אַריבער. דערפאַר אפשר זעט מען אַ טייל פון דער אייראָפּעאישער אינטעליגענץ אַריבערגיין צום קאַטאָליציזם, וואָס פּרעטענדירט אויף אוניווער־סאַליזם. אָבער דאָס זאָג איך אַרויס נאָר ווי אַן השערה ; און איך וואָלט גע־וואָלט זען באַהאַנדלט די פראַגע — צי רעליגיעזער מיסטיציזם פירט נישט גיכער צו אַסימילאַציע ווי ראַציאָנאַליזם — פון אַ מאָדערנעם יידישן היסטאָ־ריקער.

מיר האָבן נאָר אַציגנד באַרירט די פראַגע, אויף וויפל זי האָט אַ שייכות מיט אונזער טעמע — די הויפּט־כאַראַקטעריסטיקעס פון אונזער ליטעראַטור — און אויף וויפל אַט די נייע מיסטישע און רעליגיעזע טענדענצן זענען אַ

פועל־יוצא, אַ רעפלעקס, פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס אין אונזער מאָדערנעם וועלטלעכן פאָלקיזם און נאַציאָנאַליזם...

און איצט בלייבט פאַר אונז די אומגעהויער שווערע פראַגע, „וואָס ווייטער?"

איך האָב אין די פינף קורצע רעפעראַטן געפּרוּווט אַנאַליזירן, ווי ווייט איך האָב עס געקאָנט, די הויפּט־פאַקטאָרן און ליטעראַרישע און אידעאישע טענדענצן אין אונזער ליטעראַטור זינט זי איז געוואָרן אַ מאָדערנע וועלטלעכע ליטעראַטור, זינט איר אויפשטייג סטימולירט פון דער השכלה, ביז דער איצטיקער זער קריטישער צייט, אין וועלכער מיר געפינען זיך. און כאָטש עס גייט שוין נישט אַריין אין דעם גדר פון אונזערע רעפעראַטן די פראַגע, „וואָס ווייטער?" וועלכע איז אַ ריין פובליציסטישע פראַגע, אַזוי צו זאָגן, קענען מיר דאָך אין גאַנצן נישט אויסמיידן כאָטש אין אַ פּאָר שטריכן אָנצוצייכענען די נעפּלדיקע האָריזאָנטן, וואו מיר קענען און מוזן, לויט מיין מיינונג, זוכן דעם ענטפער אויף דער הארבסטע פראַגע, פאַר וועלכער מיר זענען ווען עס איז געשטאַנען אַלס פאָלק.

ס'איז דאָ אַן אַלטער יידישער מדרש — מיר דאַכט זיך, דער פיינסטער און טיפסטער, וואָס איז ווען געזאָגט געוואָרן: — „אַ יידישע צרה" — זאָגט דער מדרש — „וואָס איז נאָר אַ יידישע צרה איז קיין צרה נישט; אַ יידישע צרה, וואָס איז אויך אַן אַלגעמיינע צרה — איז אַ יידישע צרה"!

מיר האָבן אין די רעפעראַטן — „פאָלק און ליטעראַטור" — גערעדט אָפט וועגן דעם איצטיקן שווערן קריזיס אין אונזער ליטעראַטור ווי אין אונזער וועלטלעכן פאָלקיזם, בכלל. נו, מוזן מיר זיך אַצינד פרעגן: צי איז דער קריזיס נאָר אַ יידישער קריזיס, נאָר אַ יידישע צרה? מיר דאַכט זיך, אַז ניין. אונזער צרה איז אַ אַלגעמיינע צרה. אונזער קריזיס איז דער פועל־יוצא פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס און באַנקראָט פון די נאַציאָנאַליסטישע אידעאָלאָגיעס, וועלכע האָבן געמוזט פירן צו די צוויי וועלט־מלחמות און וועלן פירן צו אַ פיל פאַטאַלערער דריטער וועלט־מלחמה, אויב די נאַציאָנאַליטעטן־פראַגע וועט נישט קאָנסטרוקטיווער און ראַציאָנאַלער געלייזט ווערן ווי ביז לעצטנס.

מיר האָבן געליטן אומגעהויער מער פון אַלע אַנדערע פעלקער, אָבער די צרה, דער קריזיס איז דער זעלביקער, און איינער וועט נישט געלייזט ווערן אָן דעם צווייטן. און אַפילו די הויפּט־פּראָבלעמען און טענדענצן, ווי מיר האָבן זיי אָנגעצייכנט אין אונזער ליטעראַטור, זענען נישט אין גאַנצן קיין איזאָלירטע. למשל, דער פּראָצעס פון פּראָזע צו דיכטונג, פון וועלכן מיר האָבן גערעדט, באַמערקט זיך אויך אין דער מאָדערנער ליטעראַטור בכלל; און די צוקונפט פון דער נאָוועלע און פון דעם ראָמאַן, וועלכער איז איצט בכלל אין

אַ ירידה, ווערט איצט שטאַרק דיסקוטירט. נייע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פאָרמען מוזן אויפקומען און מיט זיי — נייע שאַפונג־פאָרמען.

אונזער לאַגע איז שווידערלעך, אָבער ס׳איז נישט נאָר אַ יידישע צרה.

וואָס זשע זאָלן מיר טון ? וואו איז דער אויסוועג, אויב מיר ווילן נישט אָפּקומען גלאַט מיט דער טרייסט, אַז דער גאַנצער וועלט איז שלעכט אָדער באַהאַלטן זיך אין אַ נייעם, צי באַנייטן, יידישן מיסטיציזם, וועלכער קען נאָר פירן צו אַן אילוזאָרישער אַסימילאַציע אָדער צו אַן אילוזאָרישן קיום העם ?

מיר דאַכט זיך, אַז דער ענטפער איז — השכלה. נישט די השכלה פונם אַכצנטן און ניינצענטן יאָרהונדערט ; נישט די השכלה פון דער בורזשואַזער אַסימילאַציע, נישט די מיסיאָניסטישע השכלה, צו וועלכער עס קערן זיך איצט אום אונזערע ראָמאַנטישע בעלי־תשובה און אַפילו נישט צו אונזער אַלטער, פאָלקישער און נאַציאָנאַליסטישער השכלה, נאָר צו דער נייער השכלה — צו אַ ראַציאָנאַלער און רעאַליסטישער אויפקלערונג פון די נייע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע כחות און באַדינגונגען ; און פון דער איצטיקער יידישער ווירקלעכקייט.

השכלה איז נישט סטאַטיש. יעדע גרויסע תקופה האָט זיך איר אייגענע השכלה, און קיין פאָלק באַגייט נישט זעלבסטמאָרד באַוואוסטזיניק.

די גאַנצע וועלט, אַלע פעלקער נויטיקן זיך איצט אין אַ נייער השכלה, אין אַ ראַציאָנאַלער און קאָנסטרוקטיווער לייזונג פון דעם וויכטיקסטן פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען — טויט אָדער לעבן.

מיר שטייען איצט פאַר אַ געפערלעכן, פינסטערן תהום. אָבער אַ תהום ווערט נאָך געפערלעכער און פאַטאַל, ווען מען שטייט פאַר אים מיט פאַרמאַכטע אויגן אָדער מיט פאַרגלאָצטע אויגן.

מיר ווייסן און פילן אַזוי אָפט ווי ס׳איז שווער און שרעקנד, אָבער מיר מוזן געפינען דעם מוט.

יידן אין דער מאדערנער קונסט

עמאנסיפאציע און מאדערניזם

א

ווען מען זאל פרואוון שרייבן א געשיכטע פון דער יידישער קונסט, ד.ה. פונם יידישן בייטראג אויף די געביטן פון מאלעריי, סקולפטור און ארכיטעקטור — און צווישן היינטיקע יידישע קינסטלער, קונסטפארשער און אינטעליגענץ בכלל וואקסט די שטימונג אז ס'איז שוין צייט אזא פרואוו זאל געמאכט ווערן — וועט, גלויב איך, די געשיכטע פונם אקטיוון און באוואוסטזיניקן יידישן פלאסטישן שאפן זיך מוזן אנפאנגען מיט דער מאדערנער קונסט, מיט די מאדערנע קונסט־ריכטונגען און שולן, וועלכע האבן אנגעהויבן אויפקומען אין אייראפע אין דער צווייטער העלפט פונם נײַנצענטן יארהונדערט און זיך אזוי שטארק פארמערט ביים אנפאנג פונם איצטיקן, צוואנציגסטן יארהונדערט.

ד.ה. אז דער יידישער בייטראג צו דער מאדערנער קונסט האט זיך אנגעפאנגען מיט דער השכלה און עמאנסיפאציע פונם נײַנצנטן יארהונדערט, און איינצייטיק מיטן אויפקומען פון די מאדערנע יידישע און העברעאישע ליטעראטורן.

ערשט די מאדערנע קונסט ריכטונגען האבן געעפנט „טיר און טויער" פאר די יידישע פעאיקייטן אויף די געביטן פון דער פלאסטישער קונסט.

מיטן אנטשטיין ערשט פון דער מאדערנער קונסט האבן זיך אנגעהויבן באוויזן אין פארשידענע לענדער באוואוסטזיניקע, פראפעסיאנעלע און גאנץ באדייטנדע יידן מאלער און סקולפטארן.

איך זאג באוואוסטזיניקע און פראפעסיאנעלע, ווייל אינגאנצן אטראפירט זיינען די יידישע פעאיקייטן צו מאלן, שניצן און דעקארירן ניט געווען אפילו אין די עלטערע צייטן אין דער דיאספארא ווען אלע כמעט אויסערלעכע און אינערלעכע, רעליגיעזע און סאציאלע פאקטארן און באדינגונגען האבן דעם יידן „פארבאטן" זיך צו באשעפטיקן מיט דער געשטאלטונג־קונסט.

אין אלע צייטן פון אונזער געשיכטע האט זיך דאס פאלק „אונטערגע־

שפּילט" מיט „מלאכת מחשבת", ווי עס זאָגט דערויף עדות די יידישע אייגנ־אַרטיקע, דעקאָראַטיווע פאָלקס קונסט (ס'רוב רעליגיעזע) און אַפילו אַרכי־טעקטאָניק, וועלכע איז ערשט אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן געפאָרשט און געזאַמלט ווערן.

אָבער יידן־פּלאַסטיקער פון פאַך, און ניט בלויז אַנאָנימע פאָלקס קינסט־לער, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן באַווייזן מיטן אויפקומען פון די ערשטע מאָדערנע קונסט־ריכטונגען.

פאַר וואָס זשע איז דאָס אַזוי :

סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע און „ריין קינסטלערישע" מאָטיוון און פאַק־טאָרן דערקלערן, מאַכן פאַרשטענדלעך פאַר וואָס יידן זיינען אַזוי פּרוכטבאַר אַקטיוו געוואָרן ערשט אין דער מאָדערנער קונסט.

ערשטנס איז די יידישע עמאַנסיפּאַציע, אינדיווידועלע און טיילווייז נאַ־ציאָנאַלע און פאָלקישע, אויסגעפאַלן אונגעפער אין דער זעלבער צייט, ווען עס האָבן אָנגעהויבן אויפקומען די מאָדערנע ריכטונגען און שטרעמונגען אין ליטעראַטור און קונסט.

די מענדעלסאָנישע השכלה תקופה איז אויך געווען די תקופה פונם אויפקומענדיקן „רעאַליזם" אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור — לעסינגס רעאַליסטישערע פּיעסן ; ריטשאַרדסאָנס ערשטע רעאַליסטישע נאָוועלן אין ענגליש ; געטעס „ווילהעלם מאַיסטערס לער־יאָרן" און „דיכטונג און וואר־הייט" ; רוסאָס „קאָנפעסיאָן" — זיינען אפשר די ערשטע מאַיסטער ווערק אין דער אייראָפּעאישער רעאַליסטישער ליטעראַטור.

די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט באַפרייט די בורזשואַזיע, דעם מיטלמאַן, אויפגעוועקט די אַזוי גערופענע קליינע פעלקער ; און מער אפשר אומדירעקט ווי דירעקט, אָנגעהויבן צוואוואַרפן די יידישע געטאָס און עס זיי־נען אויפגעקומען די יידישע השכלה און עמאַנסיפּאַציע באַוועגונגען אין אַלע זייערע פאָרמען און שאַטירונגען. אויף פאַרשידענע וועגן און ריקאָשעטן האָט אויך די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע צוקלאַפּט דעם פּאַגאַנישן און פאַלשן קלאַסיציזם וואָס האָט געהערשט אין דער קונסט. די אייראָפּעאישע בורזשואַזיע איז פריי געוואָרן, האָט איבערגענומען די מאַכט פון די פעאָדאַלע באַראָנען און הויפן ; עס האָבן אויך אָנגעהויבן אויפוואַכן די נידעריקערע פאָלקס־מאַסן און מיט זיי די ערשטע פּלאַטאָנישע סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס.

און די אייראָפּעאישע קונסט און קינסטלער האָבן אָנגעהויבן דינען —

אין פאָרם און אינהאַלט — ניט בלויז דער אַריסטאָקראַטיע, נור אויך דער נייער און דעמאָלט פּראָגרעסיווער, בורזשואַ־דעמאָקראַטישער קליענטעל.

די קונסט איז געוואָרן דעמאָקראַטישער און וועלטלעכער. אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען אין דער צווייטער העלפט פונם ניינצנטן יאָרהונדערט דער נאַ־טוראַליזם־רעאַליזם פון קורבע, קאַראַ, מילע און רוסאָ אין פראַנקרייך. די פּאָעטיש־ראָמאַנטישע אַנטי אַקאַדעמישע פּרעראַפאַעליטן אין ענגלאַנד: די עסטעטיקס פון ראַסקין און וויליאַם מאָריס און די פאָלקיסטישע פּערעדוויזש־ניקעס אין רוסלאַנד.

דער נאַציאָנאַלער עפּאָס און פאָלקישער מאָטיוו האָט אָנגעהויבן קאָנקו־רירן מיט די טראַדיציאָנעלע פּאַגאַניש־מיטאָלאָגישע און קירכלעכע טעמעס און מאָטיוון, מיט גאַיאַן האָט אָנגעהויבן אויפקומען דער סאָציאַל־הומאַניטאַרער רעאַליזם פונם ניינצנטן יאָרהונדערט.

מען האָט אָנגעהויבן צו באַשרייבן, מאָלן און קלעפּן אויך דאָס קליינע מענטשעלע, די אָרימע און דערשלאָגענע — מיט איין וואָרט דאָס פאָלק.

דער דורכשניטלעכער קינסטלער, מאָלער אָדער סקולפּטאָר, האָט שוין מער ניט געהאַלטן פאַר זיין חוב און מיסיע צו מאָלן און קלעפּן הייליקע ביל־דער אָדער מיטאָלאָגיש־קלאַסישע מאָטיוון, צו גלאַט שיינהייטן, נור ער האָט שוין אויך געמעגט אַראָפּלאָזן זיך צום בירגער, צום קליינעם מענטש און צו אַ געוויינלעכן לאַנדשאַפט.

איך זאָג דער דורשכניטלעכער קינסטלער, ווייל אַפילו אין די אַלטע צייטן זיינען געווען גרויסע מאַיסטער, וואָס קענען היינט באַצייכנט ווערן אַלס רעאַ־ליסטן, אַלס ערשטע אימפּרעסיאָניסטן און אַפילו נאָך מאָדערנערע „איסטן״ (ווי צום ביישפּיל רעמבראַנד, וועלאַסקעז, גרעקאָ, גאָיאַ א״א), אָבער נאַטוראַליזם אַלס שולעס און ריכטונגען זיינען ערשט אויפגעקומען אינם ניינצנטן יאָרהונ־דערט — דער יאָרהונדערט פון השכלה און בורזשואַזן ליבעראַליזם. אין דעם גאַנצן ציקל מאָדערנעם קונסט ריכטונגען איז אָט דער רעאַליזם די ערשטע ריכטונג געווען. דער אָנפאַנג פון דער קונסט, פון דער פּלאַסטיק וואָס ווערט באַצייכנט אַלס מאָדערן.

דער פארשטערטער פּאגאניזם

ב

אָבער ניט בלויז דערפאַר ווייל די יידישע השכלה און עמאַנסיפּאַציע האָט זיך אָנגעפאַנגען אונגעפער איינצייטיק מיטן אויפקומען פון מאָדערנע קונסט

ריכטונגען, האָבן זיך יידן אַ נעם געטון צו פּלאַסטיק. ס׳איז אמת אַז די ערש־טע יידישע פּלאַסטיקער זיינען געווען משכיליש געשטימט, זיינען אַרויס אָדער געוואָלט אַרויס פון דער געטאָ און זיינען, הייסט עס, נענטער געוואָרן צו דער אייראָפּעאישער אָדער אַלמענטשלעכער קולטור און קונסט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט דער גאַנצער אמת: ווי פריער באַמערקט האָבן ניט בלויז נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע, נור אויך „ריין קינסטלערישע״ פאַקטאָרן גורם געווען צו דער שפע פון יידישע פּלאַסטיקער. אַ דאַנק דער טיילווייזער עמאַנסיפּאַציע און השכלה איז דער ייד נעגטער געוואָרן צו דער פּלאַסטישער קונסט אָבער אויך די פּלאַסטישע קונסט אַדאַנק דעם דעמאָלטיקן „מאָדערניזם״ (נאַטוראַליזם און רעאַליזם) האָט זיך שטאַרק דערנעגטערט צום יידן און זיין טראַדיציאָנעלער וועלט אנשויאונג אויף וויפיל זי איז דער היפּוך פון דער העל־לעניסטישער; אַדאַנק דעם רעאַליזם און אַלע שפּעטערע, נאָך מאָדערנע קונסט ריכטונגען, איז די פּלאַסטישע קונסט געוואָרן פיל וויניקער געצנדינעריש (און קירכלעך) ווי זי איז געווען.

ניט נור איז דער מאָדערנער ייד נעגטער געוואָרן צו אַפּאָלאָ (ווי ס׳איז שפּעטער זייער כאַראַקטעריסטיש און פיין אויסגעדריקט געוואָרן אין טשערני־כאָווסקי׳ס „לפני פסל אפולו״), נור אַפּאָלאָ האָט זיך אָנגעהויבן מאָדערן קליידן, אַזוי צו זאָגן, און איז נעגטער געוואָרן דעם יידן. און אויך די קריסטלעכע מאָ־טיוון האָבן אָנגעהויבן פאַרלירן זייער „פרעמדקייט״ אין יידישע אויגן, און זיי־נען געוואָרן „מענטשלעכער״ און דעמאָקראַטישער; אַזוי אַז אַפילו אַזאַ עכ־טער טעמפּעראַמענטאַלער ייד ווי אנטאקאלסקי (איינער פון אונזערע ערשטע סקולפּטאָרן) האָט שוין געוואָגט צו קלעפּן אַ קריסטוס.

די מאָדערנע קונסט ריכטונגען וועלכע האָבן זיך אָנגעפאַנגען אינם ניינ־צנטן יאָרהונדערט האָבן אַ שפּאַר ביסל אָפּגעטראָטן פונם קלאַסישן פּאַגאַניזם פון איין זייט און פון דער קירכע פון דער אַנדערער. מאלער און בילדהויער האָבן אַלץ וועניקער אָנגעהויבן מאָלן און קלעפּן קלאַסישע „אָפּגעטער״ און „צלמים״ פאַר דער קירכע.

און ממילא האָט דער „לא תעשה לך כל פסל״ ביסלעכווייז אָנגעוואוירן זיין אָריגינעלן זין און „רעזאָן ד׳עטר״.

די פּלאַסטישע קונסט באַשעפטיקט זיך שוין ניט הויפּטזאַכלעך מיט געטשקעס און עבודה זרה. פאַרקערט, עפּעס הויבט זי אָן רעדן ווערטער, דינען דעם יושר, דעם אמת.

אויך די פּלאַסטישע קונסטן הויבן אָן שמעקן מיט תכלית. מיט אידייען.... מיטן „אייביקן יידישן תכלית זוכן״. „לחשב מחשבות״.

און זעט מיט וואָס פאַר אַ „יידישן פייער און ברען״, כמעט פּובליציס־

טישן, האָט זיך אנטאקאלסקי אַריינגעוואָרפן אין דער „פערעדוויזשניטשעסט־וא" — די אייגנאַרטיקע, פאָלקיש־רוסישע אָפּשפּיגלונג פון דעם אויפקומענ־דיקן נאַטוראַליזם און רעאַליזם אין אייראָפּע. ער מיט רעפּינען (און דעם רו־סישן קריטיק סטאַסאָוו) זיינען געווען פון די אייפעריקסטע „פּערעדוויזשני־קעס" און אָט די גאַנצע „קונסט באַוועגונג" איז אים געווען אַזוי נאָענט צום האַרצן.

דינען דעם אמת (ביי אנטאקאלסקי׳ן האָט עס געהייסן דעם היסטאָריש־אַרכעאָלאָגישן אמת) דעם פאָלק, די פאַרפאָלגטע — אַזאַ סקולפּטאָר, אַזאַ פּלאַס־טיקער האָט דער פאַרצייטיק ביבלישער „לא תעשה" אוודאי ניט אין זינען געהאַט.

און אָט דעם „יידישן שטאַנדפונקט" אילוסטרירט אויך זייער כאַראַקטע־ריסטיש דער „באַרימטער קריזיס" אינם לעבן און שאַפן פון דעם האָלענדישן יוסף איזראעלס — דעם רוסישן אנטאקאלסקי׳ס אַ בן דור:

יוסף איזראעלס, דערציילן זיינע ביאָגראַפער, האָט ביז אין די מיטעלע יאָרן געמאָלט אַלץ גרויסע לייוואַנטן אויף טעמעס פון דער קלאַסישער מיטאָ־לאָגיע, און ער האָט אַלץ קיין דערפאָלג און אנערקענונג ניט געפונען; איז ער געפערלעך קראַנק געוואָרן און אַוועק אין אַ פישער דערפל זיך היילן, און ער האָט זיך דאָרט צוגעקוקט צום לעבן פון די אָרימע האָלענדישע פישער, זייערע פרויען און קינדער, און זיי געצייכנט און מאָלן. און יוסף איז־ראעלס איז געזונט געוואָרן. ער איז בשעתו באַרימט געווען אַלס דער „רעמ־בראַנד פונם ניינצנטן יאָרהונדערט", און דער „האָלענדישער מילע" צוליב זיין פאַרוואַנדשאַפט מיט דעם גרויסן פראַנצויזישן מאָלער, וועלכער האָט אויך מיט אַזאַ ליבשאַפט געמאָלט דעם פּויער און זיין אַרבעט.

איך ווייס ניט ווי וויט ס׳איז ריכטיק אָט דער „קריזיס" אין יוסף איז־ראעלס ביאָגראַפיע אָבער ער איז כמעט ווי סימבאָליש: ווי ביי אַלע מער צו ווייניקער עמאַנסיפּירטע יידישע קינסטלער פונם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז אויך פאַר איזראעלסן דער „לא תעשה לך כל פסל" געווען אפשר אַ אינער־לעכע, פּסיכישע שטערונג; אטאוויסטיש צו באַוואוסטזיניק איז דאָס האַרץ ניט געווען מיטן קלאַסישן סוזשעט, מיט דער דאַן אָפיציעלער פּסעוודא קלאַ־סישער און קירכלעכער קונסט. און ווען די פּסיכאָלאָגישע מחיצה, די פריקרישקייט איז פאַרשוואונדן אַדאַנק דעם דאַן אויפקומענדיקן סאָציאַלן און קינסטלערישן רעאַליזם, האָט איזראעלס דערפילט זיינע מאָלערישע כוחות און ער איז געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע מאָלער פונם פאַריקן יאָר־הונדערט. נאַטירלעך, האָבן ניט נור יידן געפילט אָט דעם דיסאַנאַנס פון דער נייער ווירקלעכקייט מיט דעם אַלטן סוזשעט און טעכניק — ווען ס׳איז ניט

אַזוי וואָלט ניט אויפגעקומען די גרויסע מאָדערנע קונסט וואָס אירע גרויסע מאַיסטער „אינאוואטארס" זיינען ניט קיין יידן — אָבער די יידן פון יענער צייט, וועלכע זיינען נאָך אינגאַנצן „ניי" געווען אין קונסט, האָבן נאַטירלעך די פרעמדקייט צו דער אַלטער פסעוודא קלאַסישער קונסט נאָך שטאַרקער געפילט.

יוסף איזראעלס איז אפשר געווען אַ גרעסערער קינסטלער ווי מארק אנטאקאלסקי (כאָטש סטאַסאָוו האָט זיך אין יענער צייט געקלאָגט אין אַ בריף אַז אַ האָלענדישער יידישער מאלער האָט געקראָגן אַ מעדאַל אויף דער פּאַריזער וועלט אויסשטעלונג, און ניט דער גרויסער רוסיש־יידישער סקולפּטאָר), אָבער ביידע האָבן זיי — אין פאַרשידענע מאָסן און גראַדן — געדאַרפט דעם „תיקון", דעם „הכשר", מיט איין וואָרט די אידעאישע באַרעכטיגונג וואָס זיי האָבן געפונען אין דער אויפקומענדיקער נייער אייראָפּעאישער קונסט.

און אַפילו ביי די שפּעטערע שוין מער עמאַנסיפּירטע און אַסימילירטע יידן מאלער ווי פּיסארא און מאקס ליבערמאַן, וועלכע האָבן שוין דאַכט זיך געמאָלט צוליבן מאלן און זיינען געווען פאַראינטערעסירט הויפּטזעכלעך אין ריין מאלעריש און טעכנישע פּראָבלעמען פילט איר דאַכט זיך אָפּט אַז זיי פירן מיט זייערע ריינע פאַרבן אַ מין אידעאָלאָגישן קאַמף, אַ קאַמף פאַר אַ אמת.

וואָס פאַראַ איבעראַשונג, צום ביישפּיל, זיינען קאַמיל פּיסאראס בריף, ווען איר קענט נור זיינע שטילע, כמעט העלעניסטישע אימפּרעסיאָניסטישע מאלערייען: איר זעט אין די בריף וואָס פאַר אַ קעמפער אָט דער פיינער מאָלער איז געווען פאַר אַ בעסערער און גערעכטער געזעלשאַפט. דאָס אייגענע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן ליבערמאַנען.

אָבער ווי שוין געזאָגט איז דאָס נישט בלויז אַ יידישע אייגנשאַפט: די גאַנצע מאָדערנע קונסט, אַלע כמעט באַדייטנדסטע מאָדערנע קינסטלער, זיינען שוין ניט בלויז אָדער נאָר פאַך לייט, ווי דער רוב רענאסאנס קינסטלער, נור מענטשן מיט אידייען, פילאָזאָפישע אנשויאונגען... אפשר שוין צופיל, אָבער ס'איז נאַטירלעך אין צייטן ווען די געזעלשאַפטלעכע לעבנס פאָרמען האַלטן זיך אין איין בייטן. אָבער דערמיט איז דעם יידן קונסט נאָר נענטער געוואָרן און, אַזוי צו זאָגן, היימישער און אינטימער.

די אידייע

ג

וואָס עס כאַראַקטעריזירט הויפּטזאַכלעך, דאַכט זיך, אַלע מאָדערנע קונסט ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך אָנגעפאַנגען מיטן רעאַליזם און מיטן אימ־פּרעסיאָניזם אינם נײַנצנטן יאָרהונדערט איז די הערשאַפט פון אַ אידייע. כמעט אַלע מאָדערנע ריכטונגען האָבן אויסער די ריין טעכנישע פּראָבלעמען אויך סאָציאַלע און פילאָזאָפישע אנשויאונגען.

דאָס הייסט ניט, מוז נאָכאַמאָל געזאָגט ווערן, אַז איניקע אַלטע מאַיס־טער פון די פאַרשידנסטע עפּאָכן און לענדער האָבן ניט געהאַט קיין אידייען — רעליגיעזע, סאָציאַלע און קינסטלערישע. דער בעסטער באַוויז דערצו כמעט אַלע מאָדערנע און אולטרא מאָדערנע ריכטונגען געפינען זייערע איי־גענע פאָרגענגער, פּראָטאָטיפּן און לערער פון וועמען זיי זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן (צו ס׳איז אַ זשיאָטא, אַ רעמבראַנד, אַ וועלאַסקעז אָדער גאָיאַ). אַלע מאָדערנע און רעוואָלוציאָנערסטע קונסט שולעס און פילאָזאָפיעס ביז צו די סוררעאַליסטן, האָבן אַ טבע צו זוכן און געפינען זייערע „אבות״ און „צדיקים״, אַזוי צו זאָגן, צווישן די אַלטע מאַיסטער. דאָס איז נאַטירלעך, און דאָס איז אויך גורם די איבערשאַצונגען פון ווערטן און לערעס, וואָס יעדער דור איז גרייט צו מאַכן.

אויסגעשפּראָכענע העלעניסטן, אויב עס זיינען נאָך היינט פאַראַן אַזעל־כע, אָדער „ריינע פאָרמיסטן״ מעגן אַפילו גלויבן אַז די אידייע איז אַ „פּגימה״ אין דער פּלאַסטישער קונסט פונקט ווי זיי באַדויערן אויף פאַרשידענע אופנים און צוליב פאַרשידענע מאָטיוון דעם „קראַנקן איינפלוס״ פונם קריסטנטום אויף דער קונסט ביזן רענעסאַנס, וועלכער האָט ווידער העלעניזירט און פּאַ־גאַניזירט די קריסטלעכע קונסט.

אָבער דער פאַקט בלייבט דאָך אַז די אידייע איז געוואָרן דער לייט־מאָטיוו אין אַלע מאָדערנע קונסט ריכטונגען. (און אַפילו דער רעוואָלט געגן דער אידייע איז אַ „אידעאָלאָגישער״).

מער צו ווייניקער סאָציאַל ביי די ערשטע רעאַליסטן; ריין קינסטלערי־שע און מאַלערישע ביי די אימפּרעסיאָניסטן; פאָרמאַליסטישע און אַפילו לי־טעראַריש־פּסיכאָלאָגישע אין די שפּעטערע און איצטיקע קונסט ריכטונגען — אָבער אידייעס זיינען די דינאַמאָס אין דער מאָדערנער קונסט בכלל.

דער מאָדערנער מאָלער אָדער סקולפּטאָר איז שוין ניט בלויז אַ פאַכמאַן, אַ פיינער בעל מלאכה, וואָס איז געווען אין דער לערע עטלעכע יאָר אינם ווערקשטאַט פון אַ באַרימטן מאַיסטער און האָט זיך לויט זיין טאַלאַנט אויס־

געלערנט דעקאָרירן קירכעס, מאָלן מאַדאָנאַס אָדער פּאָרטרעטן און מיטאָ־לאָגישע בילדער פֿאַר פּרינצן און רייכע מעצענאַטן; און רעדט נאָר פֿון רייבן און מישן פֿאַרבן און פֿון צוגרייטן לייוונטן. נייִן, דער היינטיקער דורכשניטלע־כער פּלאַסטיקער אַפֿילו איז אַ מענטש פֿון אידייען, ער זוכט עפּעס, ער וויל עפּעס זאָגן, ער פֿילאָזאָפֿירט איבער קונסט און אין זיין קונסט (און ווען איז נאָך אַזוי פֿיל געשריבן און פֿילאָזאָפֿירט געוואָרן איבער קונסט און עסטעטיק ווי אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט); ער האָט פֿאַרשידענע עסטעטישע טעאָריעס, לויט דער שולע און ריכטונג צו וועלכע ער באַלאַנגט.

מען קען שוין אַפֿילו זאָגן אַז צו טעאָרעטיש און וויסנשאַפֿטלעך סכעמאַ־טיש זיינען אייניקע אולטראַ מאָדערנע קונסט ריכטונגען. אַ סך מאָדערנע מאָ־לערייען מאַכן שוין אָפֿט דעם איינדרוק פֿון געמאָלטע מאַטעמאַטישע טעאָרע־מען און דיאַגראַמען; אַנדערע, ווי די סורראַליסטישע און מאַנכע עקספּרע־סיאָניסטישע פֿון פּסיכאָ־אַנאַליטישע מאַלערישע טראַקטאַטן און ארעבעסקן.

אָבער ניט וועגן דעם איז איצט די רייד. מיר באַטאָנען איצט נאָר דעם פֿאַקט אַז אין דער מאָדערנער קונסט הערשט די אידייע. אויב מען האָט אַמאָל געקענט שרייבן וועגן דער פֿילאָזאָפֿיע און קונסט, קען מען שוין היינט שרייבן וועגן אַ פֿילאָזאָפֿישער קונסט. סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, ריין מאַלערישע צו ריין פֿאָרמאַליסטישע און וויסנשאַפֿטלעכע נאָר די אידייע הערשט.

דער אַלטער קלאַסישער און פּסעוודאָ קלאַסישער „פּסל" איז צובראָכן; און פֿון זיינע ברוך־שטיקער, און אין זיינע ברוך־שטיקער זוכט דער מאָדער־נער פּלאַסטיקער צו שאַפֿן די נייע פֿאָרמען וואָס זאָלן שטימען מיט דער נייער דינאַמיק, דעם נייעם ריטם און אָפּשפּיגלען אונזער איצטיק לעבן וואָס איז אויך אַ געמיש און אַ ראַנגלעניש פֿון אַלטע און נייע פֿאָרמען.

די היינטיקע פּלאַסטישע קונסטן דעקאָרירן ניט בלויז ווי אַמאָל, די הערשנדיקע רעליגיעס און קירכעס; זיי קריטיקירן אויך; זיי באַפּוצן ניט בלויז נאָר זיי ווייזן זייערע אנשויאונגען, זיי „זאָגן זייער וואָרט".

דאָס ברענענדיק, לעבעדיק „גאָטס וואָרט" — דאָס וואָרט אמת — האָט זיך אַריינגעריסן אינם קאַלטן, העלעניסטישן היכל און האָט אים אויפגעריסן; און אַ נייע לעבעדיקע נשמה צאַפּלט צווישן זיינע ברוך שטיקער, זוכט אַ תיקון, נייע פֿאָרמען, ווי דאָס גאַנצע וועזן פֿון דער איצט פֿאַטאַל צוריסענער געזעל־שאַפֿט, ווי דאָס גאַנצע טראַגישע וועזן פֿונם מאָדערנעם מענטש. איז דען אַ וואונדער פֿאַר וואָס די צאָל פֿון יידן פּלאַסטיקער איז אַזוי פֿענאָמענאַל גע־וואַקסן פֿון זינט עס זיינען אויפגעקומען די מאָדערנע קונסט זוכונגען און ריכ־טונגען, אינערלעך, סאָציאַל און נאַציאָנאַל, איז דער ייד האַלב צו גאַנץ עמאַנ־סיפּירט געוואָרן, ער איז נענטער געקומען צו דער גרויסער וועלט און איז

געוואָרן אַ טייל פון דער גרויסער וועלט (ווען אַפילו צו עמפּינדלעך און נער־וועאיש); אָבער נאָך נענטער צו אים, צום יידן און זיין ניט פּלאַסטישער און אַבסטראַקטער וועלט אנשויאונג מיט זיין גע׳ירשנ׳טער פרעמדקייט צום פּאַר־גליווערטן פּסל האָט זיך דערנענטערט די מאָדערנע אידעאישע און טעאָריזירנ־דיקע קונסט.

די צאָל יידישע קינסטלער

ד

צוריק מיט אַ דריי צו פיר צענדליק יאָר האָט מען, דאַכט זיך, נאָך גע־קענט ציילן אויף די פינגער די צאָל יידישע מאלער און סקולפּטאָרן — אנטא־קאלסקי, איזראעלס, פּיסארא, ליבערמאַן, לעוויטאן, מאריץ גאָטליב, הירשענ־בערג, ליליען, לעסער אורי, באקסט... און נאָך אַ פּאָר צענדליק נעמען פון יידישע פּלאַסטיקער זיינען שוין געווען באַקאַנט אָדער אָנגעהויבן באַרימט ווערן בכלל און צווישן יידן ביים סוף פונם פאָריקן יאָרהונדערט.

און איצט — וועט עס זיין איבערגעטריבן צו זאָגן אַז יידן מאלער און סקולפּטאָרן און אַרכיטעקטן ציילן זיך איצט אין די הונדערטער און הונדער־טער; און צווישן זיי אפשר אַ שיינע פּאָר צענדליק מיט וועלט און אייראָפּע־אישע נעמען אָדער מיט „נאַציאָנאַלע נעמען" ד.ה. אַזעלכע מיט בכבודיקע פּלעצער אין דער קונסט געשיכטע פונם לאַנד אין וועלכן זיי זיינען געבוירן אָדער נאַטוראַליזירט געוואָרן.

אין דעם יידישן קינסטלער פאַריין אין פּאַריז ציילט זיך מסתמא די מיט־גלידערשאַפט ביי אַ הונדערט; היינט וויפיל יידן קינסטלער אין פראַנקרייך זיינען ניט צוגעשטאַנען צו דעם פאַריין צוליב באַוואוסטזיניקע צו ניט באַ־וואוסטזיניקע אַסימילאַטאָרישע אָדער אַנדערע פּריוואַטע טעמים.

נאָך אַ קליינינקע אילוסטראַציע: ווען איך בין מיט גליצענשטיינען מיט אַ יאָר פופצן צוריק געווען אין טשיקאַגאָ, האָט זיך דאָרט אויף דער „הייסער מינוט" געגרינדעט אַ יידישער קינסטלער פאַריין, און אויף דער ערשטער (און לעצטער, דאַכט זיך) גרינדונגס פאַרזאַמלונג זיינען געווען אַ פּאָר צענדליק יידישע מאלער סקולפּטאָרן און גראַפיקער, און דאָס איז אין שיקאַגאָ אַליין. היינט וויפיל יידישע פּלאַסטיקער זיינען איצט פאַראַן אין ניו יאָרק און אין די אַנדערע גרעסערע און קלענערע יידישע צענטרען אין די אַמעריקאַס, די יידי־שע אַמעריקאַ האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע רייע אויסגעצייכנטע פיינע מאלער ווי מאָריס שטערן, וואלקאָוויטש, מאקס וועבער, בען־בען, זשאק לעווין,

גראַפּער א״א; און אין אייראָפּע און איבעראַל וואו ס׳זיינען נאָך פאַראַן יידישע ישובים? וויפיל, צום ביישפּיל יידישע קינסטלער זיינען פאַראַן אין ענגלאַנד, אויסער די גוט באַקאַנטע אַלטע שוין קינסטלער ווי עפּשטיין, ראָטנשטיין, סי־מעאָן סאלאמאָן, סאלאמאָן זש. סאלאמאָן, גערטלער, באמבערג, קראַמער, מעניג־סקי, און נאָך און נאָך צענדליקער יונגע קינסטלער... (ניט רעדנדיק שוין פון די צוגעפאַרענע פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָרן ווי יאנקל אדלער, בלאָך, הער־מאַן, גאָטליב א״א. ווי געווינלעך אין אַזעלכע איבערבליקן פאַלן צופעליק אַסך וויכטיקע נעמען אַרויס).

און דאָס איז ענגלאַנד וואו יידן האָבן זיך אפשר ניט אַזוי אויסגעצייכנט אין ליטעראַטור און קונסט ווי אין פּאָליטיק. און רוסלאַנד? און פּוילן? וויפיל באַדייטנדע און סאָלידע יידישע פּלאַסטיקער זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד און עסטרייך און וואַנדערן איצט אין זייערע פאַרשידענע „גלותן״ מיט זייערע אַמאָליקע גלאָריס און „נאַציאָנאַלע נעמען״ וואָס דער נאַצי־פאַשיזם האָט אַזוי ברוטאַל, באַרבאַריש פאַרשוועכט און באַליידיקט.

ס׳איז ניטאָ קיין איין אייראָפּעאישע מדינה וואו יידן האָבן פאַר די לעצ־טע עטלעכע צענדליק יאָר ניט געשאַפן שיינע פּלאַסטישע ווערק.

עס זיינען פאַראַן, אָדער געווען, אַזעלכע לענדער, וועלכע האָבן (צום גליק, דאַרף מען אפשר זאָגן) קיין ספּעציעלע „יידישע פּובליסיטי״, קיין „בייס ווערט״ ניט פאַר דער יידישער און ניט פאַר דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע וואָס זוכן יידן — ווייסן מיר טאַקע גאָרניט פון דעם יידישן שאַפן אויף די פּלאַסטישע געביטן.

„פינף און זיבציק יידישע מאלער, סקולפּטאָרס, גראַפיקער זיינען אומ־געקומען אין די נאַצי טויט־פאַבריקן״ — וואָס פאַראַ גרויזאַמע ליכט וואַרפט שוין די צאָל אַליין אויף דער פראַגע וואָס מיר האָבן זיך איצט געשטעלט.

און ס׳איז איצט ניט בלויז אַ פראַגע פון סטאַטיסטיק: פאַר די פון אונז וואָס אינטערעסירן זיך מיט דעם פראַגע וועגן יידישן ביישטייער אויף די גע־ביטן פון דער מאָדערנער קונסט (און ס׳איז אַ פראַגע וואָס דאַרף אינטערע־סירן אַלע וואָס אינטערעסירן זיך מיטן שעפערישן מהות און כמות פון אונזער פאָלק) איז כמעט אוממעגלעך געוואָרן צו רעדן און שרייבן וועגן דער פראַגע צוליב דער דעצענטראַליזאַציע... יעדער פון אונז מוז זיך פרעגן: פון וויפיל צענדליקער גלענצנדע יידישע מאלער און סקולפּטאָרן האָבן מיר אַפילו ניט געהערט? און צווישן די לעצטע אפשר אַסך אַזעלכע וואָס פאַרדינען אונזער שטודיע און אויפמערקזאַמקייט ניט ווייניקער ווי אייניקע פון אונזערע באַ־וואוסטע יידישע מאלער און סקולפּטאָרן, וועלכע האָבן צוליב פאַרשידענע צו־פעלן און געאָגראַפישע טעמים יאָ „געכאַפּט דאָס אויג״ פון דער פאָלקישער

יידישער אינטעליגענץ וואָס אינטערעסירט זיך און פאָרשט דאָס יידישע שאַפן אויף אַלע געביטן, און פון דער יידישער פּרעסע.

אין אַלע לענדער, אין אַלע ריכטונגען און שולעס זיינען יידישע פּלאַסטיקער פאַרטראָטן. פון די סענטימענטאַלע הומאַניטאַרע רעאַליסטן ביז צו די סאַמע לעצטע „פאַוויסטן״, אַבסטראַקטיסטן און סוררעאַליסטן (צווישן וועלכע עס געפינט זיך דער אויסגעצייכנטער יידישער קינסטלער בערמאַן). און וואָס מאָדערנער, נייער, עקספּערימענטאַלער אַלץ ע נ ע ר ג י ש ע ר און לעבעדיקער איז דער יידישער בייטראַג צו זיי אַלס עקספּאָנענטן און טעאָרעטיקער און „קריטיקער״. (די צאָל פון יידן שרייבער, קונסט פאָרשער און קונסט קריטיקער אין אַלע שפּראַכן איז סיי אין כמות און סיי אין איכות באַדייטנד). הגם מען מוז צוגעבן אַז עס פעלן אויך ניט קיין בעל הבתישע, אַזוי צו זאָגן, און אַקאַדעמישע יידן־קינסטלער. דער רוב מאָדערנע, אַזוי גערופענע „רעוואָלוציאָנערע״ יידן־קינסטלער זיינען געקומען קיין אייראָפּע, און באַזונדער קיין פראַנקרייך, פון די מזרח אייראָפּעאישע יידישע צענטרען. ד.ה. פון די אַמאָליקע גרויסע יידישע צענטרען, וואו אונזער פאָלקס שאַפן בכלל, האָט אין דעם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט אַזוי פּראַכטפול אויפגעבליט.

מיר קענען איצט לייכט אויסרעכענען אַ פּאָר צענדליק יידן מאלער און סקולפּטאָרן מיט גרויסע רעפּוטאַציעס אין דער מאָדערנער קונסט וועלט און אויפן מאָדערנעם קונסט מאַרק. יעדע געשיכטע פון מאָדערנער קונסט מוז אָפּגעבן באַזונדערע קאַפּיטלען באַזונדערע גרעסערע אָדער קלענערע קאַפּיטלעך פאַר אַזעלכע יידישע קינסטלער ווי מאָדיגליאַני, שאגאַל, סוטין, ליפּשיץ, פּאַסקען, יעקוב עפּשטיין און נאָך אַנדערע.

נאַטירלעך, קען מען ניט זאָגן אַז אַט די גרויסע, ווי פּלוצלומדיקע גערעטעניש אויף יידישע פּלאַסטישע פייאיקייטן אינעם איצטיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, דערקלערט זיך נאָר און בלויז מיט „מאָדערניזם״ — מיט דער הערשאַפט פון דער אידייע, — אין דער היינטיקער פּלאַסטיק; עס זיינען פאַראַן מסתמא נאָך מאָטיוון — סאָציאַלע און אַפילו עקאָנאָמישע — וואָס דערקלערן אַט די פענאָמענאַלע גערעטעניש:

אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע, צו ניט אין דער זעלבער פּראָפּאָרציע (אַזאַ סטאַטיסטיק איז מיר ליידער ניט באַקאַנט) נאָר אויך ביי אַנדערע, אַזוי גערופענע מער נאָרמאַלע פעלקער, איז וואַרשיינלעך די צאָל פון קינסטלער

שטאַרק געוואַקסן אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר. צוליב סאָציאַל עקאָ־נאָמישע סיבות איז לעצטנס בכלל אויסגעוואַקסן אַ גרויסער „קינסטלער פּראָ־לעטאַריאַט". עס קאָן זיין אַז ביי אונז איז די צאָל פון קינסטלער נאָך מער אי־בער דער פּראָפּאָרציע, ווי ניט פּראָפּאָרציאָנעל ס'איז ביי אונז אפשר די צאָל פון „ליבעראַלע פּראָפעסיעס". אָבער דער וויכטיקסטער פאַקטאָר וואָס האָט גורם געווען די וואונדערליכע שפע פון יידן־פּלאַסטיקער אין אַלע לענדער און אַלע מאָדערנע ריכטונגען איז דאָך זיכער די גרויסע רעוואָלוציע וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קונסט און ליטעראַטור אינם לעצטן יאָרהונדערט: זי איז געוואָרן דעמאָקראַטישער און רעאַליסטישער, און ווערט אַלץ מער אידע־אישער, עקספּערימענטאַלער, לאַבאָראַטאָרישער און וויסנשאַפטלעכער.

די יידישע פּלאַסטיק און די יידישע ליטעראַטור

ה

זייער אָפט אינטריגירט די פראַגע: צייכנט זיך טאַקע דאָס מאָדערנע יידנטום מער אויס אויף דעם ליטעראַרישן געביט ווי אויף דעם געביט פון פּלאַסטיק?

האָבן מיר אין די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָר באַוויזן מער טאַלאַנטן, מער שעפערישע כוחות אין דער וואָרט קונסט ווי אין די בילדלעכע קונסטן?

אַזאַ פראַגע זעט אויס צו זיין אַביסל צו געוואַגט: עס קאָן דאָך ניט גע־מאָלט זיין, הייסט עס, „דאָס פאָלק פון בוך", דאָס פאָלק פון וואָרט פאַר עק־סעלאַנץ, זאָל פּלוצלינג אין איין האַלבן יאָרהונדערט אונגעפער, זיך אַרויס־ווייזן פונקט אַזוי פּייאַיק אין דער פּלאַסטישער קונסט — אַ געביט פון וועלכן דאָס פאָלק איז צוליב היסטאָרישע, טראַדיציאָנעלע און סאָציאַלע טעמים) אַ וואַנדער פאָלק, אָן זיכערע און פּערמאַנענטע היימען, האָט דאָך ניט געקענט צופּיל זיך באַשעפטיקן מיט בוי און דעקאָראַציע) געווען ווייט אָפּגעשיידט אינם לויף פון הונדערטער יאָרן?

אָבער מיר רעדן דאָך פונם מאָדערנעם יידנטום, און ווען מען איז כאָטש אַביסל באַקאַנט מיט דעם יידישן בייטראַג צו דער מאָדערנער פּלאַסטישער קונסט (און ווי מיר האָבן פריער געוויזן איז כמעט אונמעגלעך צו באַנעמען דעם גאַנצן בייטראַג) זעט די פראַגע גאָרניט אַזוי ווילד אויס. כמעט אין אַלע מאָדערנע ליטעראַטורן און שפּראַכן איז אָנגעזען די צאָל יידן שריפטשטעלער און וואָרט קינסטלער (און מיר רעדן אַצינד ניט פון אונזערע ביידע נאַציאָנאַ־

לע ליטעראַטורן...) דאָס האָט מען אַזוי בולט און כאַראַקטעריסטיש געקענט אויך באַמערקן אויף די פ.ע.נ. קאָנגרעסן צווישן די מיינסטע איראָפּעאישע דעלעגאַציעס, אויסער די אָפיציעל יידישע און העברעאישע — און דאָך קען מען פרעגן צו די צאָל יידן מאָלער און סקולפּטאָרן אין אַלע לענדער איז אַסך קלענער ווי די צאָל יידן שריפטשטעלער, דיכטער, נאָוועליסטן און קריטיקער אין אַלע שפּראַכן?

ווי געזאָגט, האָבן מיר ניט אַזאַ סטאַטיסטיק, אָבער אַסך מאָל באַקומט זיך דער איינדרוק אַז די צאָל יידן מאָלער און סקולפּטאָרן איז ניט קלענער ווי די צאָל יידישע וואָרט קינסטלער.

און זייער איכות:

איך ווייס ווי ס׳קאָן ווערן געפּערלעך גליטשיק דער מעטאָד פון פאַרגלייכן באַזונדער פון קינסטלער און טאַלאַנטן פון פאַרשידענע געביטן, און מעסטן און וועגן שעפערישע כוחות קען מען אוודאי ניט; און אפשר טאַקע דערפאַר קען קיינער דאַכט זיך ניט קומען מיט די סברה אָדער באַהויפּטונג אַז אונזערע שריפטשטעלער, וואָרט קינסטלער און דיכטער אין די מאָדערנע איי־ראָפּעאישע שפּראַכן (וועלכע זיינען אויך אויפגעקומען מיט די השכלה און עמאַנסיפּאַציע באַוועגונגען צווישן יידן) איז אין זייער שעפערישער פּאַטענץ און פּראָדוקטיוויטעט פיל רייכער און אַנערקענטער ווי אונזערע פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אָנגעהויבן באַווייזן?... ס׳קאָן זיין אַז אַזאַ פיגור ווי הענריך היינע און דעם אייגנאַרטיקן פּלאַץ וואָס ער פאַרנעמט אין דער וועלט ליטעראַטור האָבן מיר נאָך ניט צווישן די יידן פּלאַסטיקער; אָבער פון דער אַנדערער זייט קען מען אפשר פרעגן: וויפיל אַזעלכע גרויסע טאַ־לאַנטן ווי פּיסאַראָס, ליבערמאַנס, איזראַעלס, און אַפילו אַנטאָקאָלסקיס, לעווי־טאַנס, און באַקסטס האָבן מיר עס צווישן יידישע וואָרט קינסטלער אין אַלע מאָדערנע שפּראַכן און ליטעראַטורן?

פאַרגלייכט זיי (אין זייער שעפערישער פּאַטענץ) מיט „אונזערע" שניצ־לער, וואַסערמאַן, ווערפל, די צווייגס, פויכטוואַנגער א״א — און די איינע האָבן, דאַכט זיך, ניט פאַר וואָס אַראָפּצופאַלן פאַר די צווייטע. אַפילו ניט אין זייער רום.

צו מיר זאָלן נעמען, צום ביישפּיל, אונזערע מאָדערנע קינסטלער — האָבן מיר צווישן אונזערע פרעמדשפּראַכיקע שריפטשטעלער און וואָרט קינסט־לער (און אַפילו אין אונזערע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן) אַסך דיכטער און נאָ־וועליסטן, וואָס שטייגן איבער אין טאַלאַנט און שעפערישקייט אַ שאַגאַל, אַ סו־טין, אַ מאָדיגליאַני און נאָך צענדליקער אַנדערע מאָדערנע יידישע פּלאַסטיקער.

עס מוז דאָ באַמערקט ווערן אַז מיר רעדן אַצינד פון דער שיינער, קינסט־

לערישער ליטעראַטור און ניט פון דער וויסנשאַפטלעכער און פילאָזאָפישער ליטעראַטור אין די „פרעמדע" שפּראַכן, וואו מיר האָבן אַזעלכע ערשט ראַנגיקע גרויסע נעמען ווי מאַרקס, איינשטיין, פרויד און בערגסאָן... און מיר ווילן נאָכאַמאָל באַטאָנען אַז מיר רעדן איצט ס׳רוב פון אונזערע פרעמדשפּראַכיקע שרייבער און וואָרט קינסטלער, וועלכע בעטן זיך גיכער פאַרגלייכן מיט אונזערע פּלאַסטיקער, וועלכע האָבן אַזוי צו זאָגן אַ אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך; און ניט פון אונזערע ביידע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, וועלכע זיינען אין כלל גענומען שעפערישער און פאָלקישער, ווייל זיי זיינען אין אונזערע פאָלקס שפּראַכן... און אַ שפּראַך איז אין אַסך הינזיכטן ווי אַ נאַציאָנאַלער לאַנדשאַפט. אָבער ווי פּראָבלעמאַטיש און קאַפּריזנע אַזעלכע פאַרגלייכן זאָלן איבערהויפּט ניט זיין, באַווייזן זיי דאָך אַזוי בולט אַז דער יידישער בייטראַג צו דער מאָדערנער קונסט איז גאָרניט שוואַכער, און אפשר אין אייניקע הינזיכטן גלענצנדער ווי דער יידישער בייטראַג צו דער מאָדערנער בעלעטריסטיק.

עפּעס טאָקע ווי די גלות-לאַנג אטראָפירטע יידישע פּלאַסטישע פייאיקייטן, וואָלטן מיט אַ באַזונדער אימפּעט און לעבנסלוסט איצט פאַר אונזערע אויגן אויפגעוואַכט.

איז פאראן א „נאציאנאלע יידישע פלאסטיק"?

ו

מיר האָבן ביז איצט לויפיק אָנגעוויזן אויף דער גרויסער צאָל און באַדייט פון דעם יידישן בייטראַג צו דער מאָדערנער קונסט, אויף דער גרויסער שפע טאַלאַנטפולע יידישע מאַלער און סקולפּטאָרן.

איצט קומען מיר צו דער פראַגע וועלכע ווערט אין די לעצטע פאַר צענדליק יאָר אָפט ביי אונז געשטעלט, ניט קוקנדיק דערויף וואָס זי קען כמעט ניט פאַרענטפערט ווערן ביי דעם איצטיקן סטאַטוס פון אונזער פאָלק אַלס פאָלק.

איז פאַראַן אַ נאַציאָנאַלע יידישע פּלאַסטיק? קען מען אָנדייטן אויף וועלכער ס׳איז אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער כאַראַקטעריסטיק, צוליב וועלכער מען זאָל קענען די אַלע צאָלרייכע און רעפּרעזענטאַטיווע יידן-פּלאַסטיקער באַצייכנען אַלס נאַציאָנאַל יידישע קינסטלער, ווי מען קען עס אפשר מיט די קינסטלער וואָס באַלאַנגען צו איין לאַנד און איין געשיכטע וואו זיי זאָלן ניט אַרבעטן?

איז דאָ עטוואָס יידיש־געמיינשאַפֿטלעכעס אין די מאַלערייען פֿון דעם האָלענדער איזראַעלס און דעם בערלינער מאַקס ליבערמאַן; צווישן דעם פֿראַנצויז קאַמיל פּיסאַראָ און דעם „טשעכאָוו פֿון דער רוסישער מאַלעריי" — לעוויטאַן? צו צווישן די רוסן שאַגאַל און סוטין מיט דעם איטאַליענער מאָ־דיגליאַני? וואָלטן מיר אויף אַ אַלגעמיינער אויסשטעלונג פֿון בילדער פֿון יידישע קינסטלער אַפֿילו חושד געווען אַז זיי זיינען יידן, ווען מיר קענען ניט אָפּטמאָל צופֿעליק זייערע ביאָגראַפֿיעס?

מיר וואָלטן פֿיל לייכטער דערקענט די קונסט שולעס און עפּאָכעס צו וועלכע די קינסטלער באַלאַנגען; מיר וואָלטן אויך דערקענט די קלימאַטן און לענדער וואו זיי האָבן געאַרבעט. מיר וואָלטן לייכט פֿון זייערע בילדער דערקענט, שטעל איך זיך פֿאָר, אַז פּיסאַראָ איז אַ פֿראַנצויזישער אימפּרעסיאָ־ניסט, ליבערמאַן אַ דייטשער; אַז יוסף איזראַעלס איז רעמבראַנדס אַ לאַנדס־מאַן, און אַפֿילו אונזער שאַגאַלס — דעם יידישסטן אפֿשר פֿון אַלע יידישע מאַלער — וואָלטן אונז דערמאָנט אָן דעם רוסישן „לובאָק" ווי אויך אָן דער מאָדערנער פֿראַנצויזישער קינסטלערישער קולטור. אָבער וואָלטן מיר אויך געקענט געפֿינען אין זייער קונסט איין כאַראַקטעריסטיק צוליב וועלכער מיר זאָלן קענען אַ קלער טאָן אַז די אַלע קינסטלער זיינען אויך יידישע קינסטלער?

ס'איז שוין אַריבער די נאַאיווע צייט, ווען יידישע און ניט נאָר יידישע שרייבער איבער קונסט און יידישע קינסטלער פֿלעגן זוכן (און על פּי נס אויך געפֿינען) יידישן טרויער צו יידישן שכל, טונקעלע פֿאַרבן, צו אַ העלן מזרח קאָלאָריט, צו נאָך „פּאַסנדיקע" אַזעלכע סימנים מובהקים אין די בילדער פֿון די יידישע מאַלער וועגן וועלכע זיי האָבן געשריבן. אָט די גוטע „נאַאיווע טעג" זיינען שוין אַריבער. אָדער אפֿשר נאָך ניט אינגאַנצן: לעצטנס האָבן ניט יידי־שע שרייבער ווי פֿון דאָס ניי אויסגעפֿונען דעם גייסט און די אומרו פֿון די געטאָס אין די בילדער פֿון יידישע קינסטלער.

איצט איז שוין געוואָרן ביי אונז אַ מין אקסיאָמע אַז פֿון יידישע טעמעס, טיפּן און מאָטיוון ווערט נאָך ניט געשאַפֿן אַ יידישע קונסט: מען קען מאָלן יידי־שע פּנימער, יידישע חתונות, צו יידישע בית עולמס און בלייבן אַ פֿראַנצויזי־שער, רוסישער צו דייטשער מאַלער. רעמבראַנד האָט געמאָלט מער אפֿשר יידישע פּנימער ווי סיי וועלכער יידישער מאַלער און ער איז דאָך ניט געוואָרן אַ יידישער מאַלער.

נאַציאָנאַלע טעמעס, ווי נאַציאָנאַלע קאָסטיומען מאַכן נאָך ניט קיין נאַ־ציאָנאַלע קונסט. דאָס איז, ווי געזאָגט, ביי אונז שוין געוואָרן אַ מין אקסיאָמע. אָבער די אקסיאָמע קען, דאַכט זיך, אָפּגעפֿרעגט ווערן: איז ניט אַ פּנים, אַ עכט ראַסאָווע פּנים, ווי מען רופֿט עס, ניט דאָס זעלבע כמעט וואָס אַ נאַציאָ־

באַלער לאַנדשאַפט איז? איז ניט אין אַ פּנים דאָ מער געירשנטע קולטור — אין ליניען און פאָרמען — ווי אין אַ נאַציאָנאַלער קונסט אַקאַדעמיע?

און נאָך אַ פראַגע: איז ניט אַ נאַציאָנאַל פּנים פּאַר אַ פּלאַסטיקער דאָס וואָס אַ פאָלק־שפּראַך איז פּאַראַ וואָרט קינסטלער? און שפּילט ניט די איינ־טימיטעט פון אַ טעמע, אַ מאָטיוו דאָך אַ גרויסע ראָלע אינם שאַפן פון אַ קינסטלער ווי „ריין פאָרמיסטיש" ער זאָל ניט זיין? גלויבן מיר דאָך אַז וואָס נענטער באַקאַנט אַ שרייבער איז מיט דעם לעבן וואָס ער באַשרייבט אַלץ בעסער איז ער. פאַר וואָס זשע זאָל דאָס אויך ניט זיין גילטיק בנוגע פּלאַס־טיקער?

איז טאַקע אפשר אחד העמס' באַרימטע קריטישע פראַגע „צו אַנטאָ־קאָלסקי וואָלט ניט גאַנצער און שעפערישער געווען ווען ער קלעפּט דעם ווילנער גאון אנשטאָט זיין נעסטאָר" — גאָר ניט אַזאַ נאַאיווע פראַגע, ווי ס'האָט זיך אַמאָל געדאַכט.

און דאָך מוז מען זאָגן אַז אַזוי גערופענע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען און טע־מעס און אַפילו שטייגער בילדער, באַזונדער ווען זיי זיינען שלעכט געמאָלט און זיי האָבן אונטער זיך קיין פאָרמען, מאַכן נאָך ניט קיין נאַציאָנאַלע קונסט.

וואָס זשע דען איז דאָס כאַראַקטעריסטישע נאַציאָנאַל יידישע, וואָס פאַר־אייניקט אַלע יידישע פּלאַסטיקער, אויב אַזעלכעס איז איבערהויפּט פאַראַן?

די אייגענע פראַגע קען אויך געשטעלט ווערן בנוגע די יידישע וואָרט קינסטלער אין די פרעמדע, ניט יידישע שפּראַכן:

איז דאָ אַ אַלגעמיין יידישע כאַראַקטעריסטיק צווישן די אַלע יידישע שריפטשטעלער און דיכטער צוליב וועלכער מיר וואָלטן זיי דערקענט אַלס יידן, ווען מיר ווייסן עס ניט פון פריער אַדאַנק אונזער און נאָך מער אַנטיסע־מיטישער „יידן זוכעניש"?

איז דאָ עפּעס געמיינזאַמעס — נאַציאָנאַל אָדער פאָלקיש יידישעס — צווישן די ווערפעלס, קאַפקאַס, צוויגס, זאַנגווילס, טריסטאַן בערנארס, פּויכט־וואַנגערס, סאַסונס און באַבעלס (זיי רעפּרעזענטירן אויך גרופּן יידישע שריי־בער אין פרעמדע שפּראַכן...) און אַזוי ווייטער. מען פלעגט אָפט זאָגן, און מיר האָבן אין דעם אויך געגלויבט, אַז דאָס וואָס כאַראַקטעריזירט דעם יידישן קינסטלער, ווי דעם יידישן פרעמד שפּראַכיקן וואָרט קינסטלער איז זייער קאָסמאָפּאָליטיזם, זייער גרעסערע פעאיקייט איבערצונעמען און איבערצוטראָגן פרעמדע סטילן און פאָרמען פון פרעמדע שפּראַכן און ליטעראַטורן אויף זייער אייגענעם אַדאַפּטירטן אָדער געבורט באָדן:

דער דייטשער יידישער שריפטשטעלער (פֿון היינען אָן) קען גיכער און לייכטער שרייבן קלאָר, עלעגאַנט, דאָס וואָס ווערט אָנגערופֿן „פֿראַנצויזיש" ווי דער... אמת׳ר דייטש, דער יידישער קינסטלער קען גיכער באַאיינפֿלוסט ווערן פֿון אַ שכנהשער קולטור און קונסט ווי דער ניט־ייד. דער יידישער קינסטלער, ווייל ער איז שוואַכער פֿאַרוואָרצלט, איז דעריבער אַ פֿאַרמיטלער צווישן די פֿאַרשידענע נאַציאָנאַלע קונסטן, אַ מעקלער, אַ קאָסמאָפּאָליט.

די טענה פֿלעגן מיר אָפֿט הערן. און מיר הערן זי נאָך אַפֿילו אַצינד דאַכט זיך ווען מען רעדט צום ביישפּיל פֿון דער „פּרעגנטש סקול אָף פּיינטינג" (אין וועלכער ס׳ווערן איינגעשלאָסן אַזעלכע מאָלער ווי פּיקאַסאָ, שאַגאַל, סוטין, מאָדיגליאַני) ווי אין קעגנזאַץ צו דער „פֿראַנצויזישער מאָלעריי".

אָבער די סברה איז אפֿשר טאַקע ניט מער ווי אַ סברה וואָס לייגט זיך אַפֿילו אויפֿן שכל, ווייל סוף כל סוף זיינען אַלע קינסטלער „קאָסמאָפּאָליטיש" אויף ווי ווייט זיי לערנען און ווערן באַאיינפֿלוסט און אַפֿילו די גרעסטע און באַדייטנדסטע „נאַציאָנאַלע" קינסטלער לערנען און ווערן באַאיינפֿלוסט פֿון די ווייטסטע און „פֿרעמדסטע" קולטורן; פֿאַרקערט זיי נעמען נאָך פֿיל מער איי־בער פֿון „פֿרעמדע קולטורן" ווי די קלענערע און שוואַכערע קינסטלער; און דער חלוק צווישן זיי נאָר איז:

אין דער צייט ווען די ערשטע, די גרויסע קינסטלער און טאַלאַנטן פֿאַר־דייען אייגנאַרטיק־אינדיווידועל (און ממילא נאַציאָנאַל) דאָס געלערנטע און אַנטנומענע פֿון „פֿרעמדע" קענען דאָס ניט, ווייזט אויס, די קלענערע טאַ־לאַנטן; מיטן סך הכול אַז דאָס אַנטנומענע איז אין זייערע ווערק שטענדיק אויבנאויפֿיק און דערקענבאַר, אויב ניט דאָס כאַראַקטעריסטישע.

דערפֿאַר זען מיר דאָך אַסך פֿאַרוואָרצלטע יידן קינסטלער — פֿון וואָרט און פּענסל — אין אַלע לענדער, און אַזוי פֿיל ניט־יידישע קינסטלער וועלכע זיינען אמת קאָסמאָפּאָליטיש ניט קוקנדיק אויף זייער פּאַטריאָטיזם און נאַציאָ־נאַליזם, ווייל זיי פֿאַלן שטענדיק אונטער פֿאַרשידענע איינפֿלוסן און נאָר דער־פֿאַר, ווייל זייערע אינדיווידועלע טאַלאַנטן זיינען זייער מאָגערע.

די היפּאָטעזע ווידער אַז די היסטאָריש־נאַציאָנאַלע יידישע באַדנלאָזיקייט, אַז דער יידישער גלות איז אַ גרויסע פּסיכישע שטערונג אַפֿילו פֿאַר דעם עכטן טאַלאַנט זיך צו פֿאַרוואָרצלען טיף און אָרגאַניש אין אַ נאַציאָנאַלן באָדן איז אפֿשר באַגרייפֿליך אָבער ווייט נאָך ניט גענוג וויסנשאַפֿטלעך באַגרינדעט און באַוויזן: די נאַציאָנאַל און פֿאָלקיש יידישע צושפּרייטונג און דעצענטראַליזאַ־ציע איז טאַקע אַ ניט פֿאַרמיידלעכע שטערונג אַ יידישע נאַציאָנאַלע קונסט זאָל געשאַפֿן און אָנערקענט ווערן (ווי ס׳איז אומגעגלעך אַ פֿאָלקס ליטעראַטור אין צענדליקער פֿרעמדע שפּראַכן...) אָבער אינדיווידועלע יידן קינסטלער האָבן

זיך טיפער און אָרגאַנישער פֿאַרוואָרצלט אין די לענדער און שפּראַכן פֿון זייער געבורט און נאַטוראַליזאַציע, ווי צענדליקער און הונדערטער ניט יידישע קינסטלער מיט פֿיל שוואַכערע טאַלאַנטן.

וויפֿיל פֿראַנצויזישע מאָלער זיינען עס אַזוי „פֿראַנצויזיש" ווי דער ייד קאַמיל פּיסאַרא? און וויפֿיל דייטשע מאָלער — און אַפֿילו היינטיקע דייטשע מאָלער — זיינען עס אַזוי „דייטש" ווי מאַקס ליבערמאַן, וועלכער האָט איבער־געפּלאַנצט דעם פֿראַנצויזישן אימפּרעסיאָניזם אין דייטשלאַנד?

און ניט קוקנדיק אויף אַלע היינטיקע און אַמאָליקע ראַסע טעאָריעס, וועט העגריך היינע בלייבן אַ שטיק דייטשלאַנד אַזוי לאַנג ווי די דייטשע שפּראַך און ליטעראַטור וועלן לעבן. איך האָב מורא אַז אַפֿילו אונזער נאַציאָנאַלער „כּי־נוס" ווען ער וועט פֿאַרוויקלעכט ווערן וועט דעם גרויסן יידישן פּאָעט פֿון דייטשלאַנד ניט קענען צונעמען.

די שפּראַך פֿון פּלאַסטישער קונסט איז אינטערנאַציאָנאַל

ז

און אויב ס'איז שווער צו געפֿינען אַ אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע כאַראַקטע־ריסטיק אין די ווערק פֿון די פֿרעמד שפּראַכיקע יידן־שרעפּטשטעלער איז עס נאָך פֿיל שווערער צו געפֿינען ביי די צווייטע און צושפּרייטע יידן פּלאַסטיקער. ווייל שפּראַך איז פֿאַר זיך און מיט זיך אַליין אַ נאַציאָנאַלע פֿאָרמע, אַ נאַציאָ־נאַלער באָדן, אין דער צייט ווען דאָס פּלאַסטישע בילד איז אינטערנאַציאָנאַל. דעם מאָלערס, דעם סקולפּטאָרס שפּראַך (ווי אויך דעם מוזיקערס) איז אַ אוני־ווערסאַלע שפּראַך, דער פּלאַסטיקער קען אויסשטעלן זיינע ווערק אין אַלע לענדער און ער קען ביי אַלע פֿעלקער געפֿינען די שיכטן, וואָס זאָלן פֿאַרשטיין און ווי געהעריק אָפּשאַצן זיינע שאַפֿונגען.

דאָס וואָרט איז נאַציאָנאַל און פֿאָלקיש ווען עס איז אַפֿילו דאָס אוניווער־סאַלסטע, אַלמענטשלעכסטע און אַבסטראַקטסטע וואָרט; דאָס פּלאַסטישע בילד איז אוניווערסאַל און אינטערנאַציאָנאַל ווען ס'איז אַפֿילו אין פֿאָרם און אין אינהאַלט לאָקאַליסטיש־נאַציאָנאַל. דאָס איז די גרויסע מעלה וואָס די פּלאַס־טישע (און טאָן) קונסטן פֿאַרמאָגן:

דער פּלאַסטיקער נויטיקט זיך ניט אין אַ „איבערזעצער", ווי עטניש, נאַ־ציאָנאַל און ערדיש ער זאָל ניט זיין, און דאָס פֿיינסטע, אוניווערסאַליסטע וואָרט קען אָפֿט אַפֿילו ניט איבערזעצט ווערן. דאָס איז אַ גרויסער פּליוס אָבער

בנוגע דער פֿראַגע וואָס ווערט איצט באַהאַנדלט איז די מעלה אַ חסרון:

אַ יידישער שרייבער קען וואוינען אין פֿראַנקרייך, אַמעריקע, פּוילן צו דרום אַמעריקע — כל זמן ער שרייבט אָבער אין יידיש, צו העברעאיש איז ער אַ יידישער שרייבער. פּונקט ווי אַ ענגלישער, פֿראַנצויזישער, צו דייטשער שרייבער זיינען די וואָס שרייבן אין די שפּראַכן, מעגן זיי טעמאַטיש, וועלט אנשוילעך זיין ווי פֿאַרשידן און אַפֿילו שטאַמען פֿון אַנדערע פֿעלקער. קאָנראַד איז אַ ענגלישער שרייבער; אַזוי אויך זאַנגוויל.

דעם שרייבערס ערשטע פֿאָטערלאַנד איז זיין שפּראַך. ריין טעכניש און קינסטלעריש, ווייל אַ שפּראַך איז אויך אַ נאַציאָנאַלער מוזעאום פֿון פֿאָרמען; אַ פֿאָלקס שפּראַך איז לעבעדיקע קעגנוואַרט און צו דער זעלבער צייט אויך אַ קונסט שולע.

דאָס זעלבע קען ניט געזאָגט ווערן וועגן מאָלער און בילדהויער. זיי קענען זיך גיכער אַסימילירן און אַסימילירט ווערן; געפֿינט ער ניט קיין מאַרק, קיין ליבהאָבער פֿון זיין קונסט אין דעם לאַנד וואו ער איז געבוירן געוואָרן, קען ער זיך פֿיל לייכטער ווי דער שרייבער געפֿינען אין אַנדערע לענדער. ווייל ער דאַרף קיין איבערזעצער ניט האָבן, ווייל זיין שפּראַך איז אַ אוניווערסאַלע, און זיינע מאָטיוון און טעמעס קענען נאָך זיין דערפֿאַלגרייכער אין דער פֿרעמד צוליב זייער עקזאָטישקייט. ער דאַרף נאָר אַריבערפֿעקלען און אויסשטעלן זיינע בילדער אין אַנדערע לענדער.

די קונסט געשיכטע ווייסט פֿון באַרימטע מאָלער וואָס האָבן געביטן די לענדער און „הויפֿן" פֿאַר וועלכע זיי האָבן געאַרבעט; אָבער די אַמאָליקע הויף־פּאָעטן האָבן עס ניט געקענט טון.

דער פּאָעט, דער וואָרט־קינסטלער איז פֿיל מער געבונדן צו זיין פֿאָלק און לאַנד ווייל ער קען זיין שפּראַך ניט בייטן (נאָר זשורנאַליסטן און ניט שעפֿערישע וואָרט־קינסטלער קענען בייטן שפּראַכן; יידיש און העברעאיש איז צוליב זייער לייבליך־פֿאָלקישער קרובה׳שאַפֿט אין דעם פֿרט אַן אויסנאַם), און אַפֿילו ווען ער איז אין גלות און ווערט אַרויסגעטריבן פֿון זיין לאַנד, נעמט ער מיט זיך מיט זיין ערשטע, זיין שריפֿטשטעלעריש פֿאָטערלאַנד — זיין שפּראַך.

דערפֿאַר איז טאַקע פֿיל שווערער צו פֿאַרענטפֿערן די פֿראַגע וואָס מיר האָבן זיך פֿריער געשטעלט און שטעלן זיך בכלל אַזוי אָפֿט: ווי און ווען קען אַ ייד אַ מאָלער, צו אַ סקולפּטאָר פֿאַרעכנט ווערן אַלס יידישע קינסטלער? זייער שפּראַך איז אַ אוניווערסאַלע, זיי באַלאַנגען קינסטלעריש צו שולן און ריכטונגען, וועלכע זיינען אַלעס אין דער וועלט נאָר ניט קיין יידישע, ווייל מיר האָבן זיי נאָך ניט; זיי מאָלן אַלערליי נאָר ניט קיין יידישע לאַנדשאַפֿטן; און ווען זיי מאָלן אַפֿילו יידישע מאָטיוון, צו יידישע טיפּן, מאָלן זיי פּונקט, אַזוי ווי

פראַנצויזישע, צו דייטשע קינסטלער — פון די זעלבע שולן און אַקאַדעמיעס — וואָלטן זיי געמאָלט — טאָ, ווי אַזוי קענען מיר זיי באַצייכנען אַלס יידישע פלאַסטיקער? קענען מיר זיי באַצייכנען אַלס יידישע קינסטלער נאָר צוליב זייערע פּאַספּאָרטן, אָדער לויט די אַלע צווייפלהאַפטע, פּסעוודאָ־וויסנשאַפט־לעכע ראַסע טעאָריעס?

און דאָך ניט קוקנדיק אויף די אַלע ערנסטע און שווערע טעכנישע און לאָגישע שוועריקייטן, מוזן מיר, ד.ה. די אַלע יחידים וואָס באַשעפטיקן זיך מיט דער פראַגע פון אַ יידישער פלאַסטיק און פאָרשן און שטודירן אָט דעם וואונדערלעכן פענאָמען — דאָס אויפוואַכן פון די יידישע פלאַסטישע פעאי־קייטן אין די מאָדערנע צייטן — אָפּט קומען צו דער הנחה אַז עס זיינען אַצינד יאָ פאַראַן יידן מאלער און סקולפּטאָרן, וואָס קענען אפשר יאָ באַצייכנט ווערן אַלס יידישע מאלער און סקולפּטאָרן, הגם ס'איז בכלל גאָרניט אַזוי גרינג, ממשותדיק און זיכער צו דעפינירן די אייגנאַרטיקע כאַראַקטעריסטיקעס פון סיי וועלכער ס'איז „נאַציאָנאַלער מאלעריי און סקולפּטור".

פאַרמירט זיך אַ יידישע פלאַסטיק?

ח

ווען מיר זאָגן אַז עס זיינען אפשר יאָ פאַראַן אַזעלכע מאלער און סקולפּ־טאָרן וואָס קענען באַצייכנט ווערן אַלס יידישע מאלער און סקולפּטאָרן (און מיר טרעפן זיי אין אַלע גרויסע און קליינע יידישע צענטרען), מיין איך ניט דוקא די פון זיי וואָס האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן, אָדעפּטירן צו די גרויסע, ניט יידישע קונסט צענטרען און לענדער, און גאַנץ פּשוט דערפאַר, ווייל זיי זיינען צו שוואַכע קינסטלער.

איך מיין ניט די „יידישע קינסטלער", וואָס קומען צו דער יידישער גאַס מיט זייער קונסט דערפאַר ווייל זיי גלויבן אַז די יידישע גאַס איז ניט שטאַרק באַהאַוונט אין די זאַכן און מען קען דאָרט אַזוי גרינג ווערן אַ „גרויסער און באַרימטער קינסטלער"; און די גרויסע וועלט, וואָס פאַרשטייט יאָ אָט די „אוניווערסאַלע שפּראַך" וויל זיי ניט אָנערקענען.

מיר מיינען אַצינד אויך ניט די „לית ברירה" נאַציאָנאַלע קינסטלער, און אַפילו ניט די „בעלי תשובה", וועלכע האָבן זיך אין די לעצטע יאָרן באַוויזן אויף דער יידישער גאַס צוליב דעם פּאָליטישן אַנטיסעמיטיזם צווישן די פראָ־פעסיאָנעלע קלאַסן און קינסטלער. אָט די חשובע בעלי תשובה זיינען געווען

גוטע און אַפילו גוט באַקאַנטע דייטשע, עסטרייכישע און אַנדערע קינסטלער, זיי האָבן געהאַט זייערע „נאַציאָנאַלע מאַרקן" פֿאַר זייערע שאַפונגען, פון וועלכע זיי זיינען אַזוי אכזריותדיק אַרויסגעטריבן געוואָרן, קומען אייניקע פון זיי איצט צו אונז, אָדער קיין א"י, אָפט ניט ווילנדיק, אָן גלויבן, צווייפלענדיק צו דאָס נאַציאָנאַלע יידנטום איז רייף שוין אויפצונעמען זייער „אוניווערסאַלע שפראַך", און זיי פרואוון דאָך צו אונז זאָגן בלחש פאַרשעמט אָדער אַראָגאַנט (לויט זייער טעמפעראַמענט):

גוט, איר ווילט מיר זאָלן הייסן יידישע מאלער, יידישע סקולפּטאָרס, נו, זיינען מיר עס אפשר? וואָס זשע דען זיינען מיר?

ווען איך רעד איצט וועגן יידישע פּלאַסטיקער, יידישע מאלער און סקולפּטאָרס — מיין איך אָט די וואָס זיינען, אַזוי צו זאָגן, אָרגאַניש אויסגעוואַקסן און מיטגעוואַקסן מיט אונזערע נייע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, מיט אונזער נאַציאָנאַלן רענעסאנס, וואָס איז אויפגעקומען אַזוי שיין און טראַגיש אינם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט, אונגעפער.

איך מיין אָט די געציילטע אפשר יידישע מאלער, בילדהויער (און מוזיקער) וועלכע זיינען אויפגעקומען אין אונזער מאָדערנעם וועלטלעך פאָלקישן לעבן ווי אין אַ יידישער מלוכה, ווי אין אַ פאַקטישער נאַציאָנאַלער היים, ווי אויף אַ יידישן לאַנדשאַפט.

איך מיין דאָ די פאָר צענדליק יידישע פּלאַסטיקער וואָס האָבן פאַר די לעצטע דריי־פיר צענדליק יאָר געחלומט פון אַ יידישער קונסט, פון יידישע פאָרמען און ווי די יידישע פאָלקס שרייבער געלעבט מיט די יידישע פאָלקס מאַסן. די יידישע קינסטלער וועלכע זיינען קיינמאָל ניט אַוועק פון די יידישע מאַסן, פונם יידישן פאָלקסלעבן, כאָטש זייערע אינדיווידועלע פעאיקייטן זיינען געווען גענוג באַדייטנד מען זאָל זיי פאַרשטיין און אויפנעמען אויך אין רייכערע קולטור און קונסט צענטערן.

„די ניט אַוועקגעגאַנגענע און ניט צוריקגעקומענע" — ס'איז פשוט פאַר זיי גאָר קיין פראַגע ניט געווען פון אַוועקגיין, ווי ס'איז ניט קיין פראַגע פאַר דעם יידישן שרייבער צו ווערן אויס יידישער שרייבער. פאַר וואָס זיי זיינען יידישע פּלאַסטיקער? אָט פראָסט פשוט דערפאַר ווייל זיי זיינען יידישע פּלאַסטיקער.

און אַפילו ווען זיי האָבן שוין לאַנג אויפגעגעבן די אַמאָליקע נאַאיווע, מליצהדיקע זוכענישן פון ספּעציפיש יידישע פאָרמען — מזרח'ארכאישע, אָדער פאָלקטימלעכע — און מאלן איצט אַפילו ניט קיין ספּעציפיש יידישע מאָטיוון אָדער טיפּן, לעבן זיי אָבער נאָך אַלץ און נאַטירלעך מיטן יידישן פאָלקס לעבן.

איך וועל וואַגן און באַצייכנען אָט די אַלע יידישע קינסטלער, כאָטש איך

ווייס אַז ס׳איז טעכניש פאַלש, אַלס „בצלאלניקעס״, ווייל די מיינסטע פון זיי האָבן קיין דירעקטע שייכות מיט דער ירושלימער קונסט שולע ניט געהאַט און דער „בצלאל״ איז אַפילו אין זיינע גוטע יאָרן צו אָרים קינסטלעריש געווען ער זאָל קענען לערנען און באַאיינפלוסן קינסטלער וואָס האָבן סרוב שטודירט אין די גרויסע אייראָפּעאישע קונסט צענטרען.

אָבער אויב פּאַקטיש און טעכניש זיינען זיי קיינמאָל ניט געווען ניט קיין לערער און ניט קיין שילער פון דעם בצלאל פון ליליען, הירשענבערג און פּראָפעסאָר שאַץ, זיינען זיי עס אָבער אידעאיש און סימבאָליש, אַזוי צו זאָגן.

שאגאַל וועט זיכער לאַכן פון דעם פּאַראַדאָקס ווען איך וועל זאָגן אַז אַפילו ער, דער גרויסער פּאַריז־וויטעבסקער יידישער מאַלער, איז אַ שטיק בצלאל׳ניק. און דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן אַ יאַנקל אַדלער, וועגן אַ טשאַקאָף, אַ ריבאַק, אַ שוואַרץ, אַ זשאַזעף הערמאַן און די צענדליקער אַנדערע יונגערע יידישע קינסטלער וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין די אַלטע יידישע היימען, הגם זיי האָבן קיינמאָל, אויף וויפיל איך ווייס, קיין דירעקטע שייכות מיט דעם בצלאל ניט געהאַט.

און דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן די עלטערע — לערער און ניט לערער — פון דער איינציקער יידישער קונסט שולע; ניט נור די נעמען פון שאַץ, ליליען און שמואל הירשענבערג זיינען געווען לערער אין בצלאל, נאָר אין אַ געוויסן סימבאָלישן זין אַסאָציאירן זיך אַפילו אַזעלכע נעמען ווי אנטאַקאָלסקי, מאַריץ גאָטליב, גליצנשטיין, פּאַסטערנאַק, לעסער אורי, הערמאַן שטרוק א״א פון די עלטערע יידישע מאַלער און סקולפּטאָרן מיט דער אידייע פון בצלאל. און ס׳איז אפשר כאַראַקטעריסטיש וואָס אַפילו דער דייטשער מאַלער מאַקס ליבערמאַן האָט געהאַט אַ אינטערעס פאַר דער בצלאל שולע און אפשר אויך דער בצלאל אידייע (ער איז געווען פּרעזידענט פונם אַמאָליקן בצלאל קאָמיטעט אין בערלין). אַ אומדירעקטער פּראָדוקט פון דער בצלאל אידייע איז די קליינע גרופּע יידישע קינסטלער וועלכע האָט נאָך אין די יאָרן ניינצן צוועלף־דרייצן אַרויסגעגעבן אין פּאַריז דעם ערשטן יידישן (טעקסטלאָזן) קונסט זשורנאַל „מחמדים״, פון וועלכן עס זיינען דערשינען עטלעכע נומערן.

און איצט אויך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער בצלאל שולע גופא:

ווי שיינע אידייען קענען אָפט פאַרשוועכט ווערן אין דער פאַרווירקליכונג קען אויך דער בצלאל דינען אַלס ביישפּיל.

וואָס פאַר אַ פּראַכטפולע אידייע איז דער בצלאל געווען, און פּראָפעסאָר

שאַץ פאַרדינט טאַקע „אונשטערבליכקייט“ אין אַ יידישער קונסט געשיכטע,
פאַר אָט דער אידייע זיינער, פאַר זיין שיינעם חלום... אָבער דערפאַר האָט
ער אַליין די אידייע אַזוי שלעכט און אָרים פאַרווירקלעכט.

אייגנטלעך, האָט פּראָפעסאָר שאַץ געירשנט די אידייע וועגן אַ יידישער
קונסט אַקאַדעמיע פון מאַרק אנטאקאלסקי (שאַץ דער סקולפּטאָר האָט זיך גע־
האַלטן פאַר אנטאקאלסקיס אַ תלמיד). שוין אנטאקאלסקי האָט געפּלאַנעוועט אַ
יידישע קונסט שולע. דאָס קען מען זען פון זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם רו־
סישן קונסט קריטיקער סטאסאוו. מער ניט אנטאקאלסקי האָט געפּלאַנעוועט
די יידישע קונסט שולע אין זיין געבורט שטאָדט ווילנע — אינם ירושלים
דליטא. דאָס איז אויך געווען נאַטירלעך פאַר אנטאקאלסקין דעם משכיל, פאַר
וועמען אַ יידישע קונסט שולע איז געווען אַ טייל פון דער השכלה אידעאָלאָ־
גיע — בילדן די יידישע יוגנט. זיין תלמיד באָריס שאַץ האָט ווייטער און טי־
פער אַנטוויקלט די אידייע אינם גייסט פון זיין צייט שוין. ער איז שוין ניט
געווען בלויז משכיל, נאָר אונטערן איינפלוס פונם חיבת ציון און פונם פּאָלי־
טישן ציוניזם איז ער שוין געווען אַ „נאַציאָנאַלער ייד“; און פונם ירושלים־
דליטא האָט ער איבערגעפירט די אידייע צום אמתן ירושלים און די אידייע
וועגן דער ערשטער יידישער קונסט שולע האָט שוין ביי שאַצן געקראָגן דעם
היסטאָריש־סימבאָלישן נאָמען נאָך דעם ערשטן יידישן אַרכיטעקט בצלאל בן
אורי. און ניט סתם פון אַ יידישער קונסט שולע, ווי זיין גרויסער מאַיסטער
אנטאקאלסקי, האָט שאַץ געחלומט, נאָר וועגן אַ אַקאַדעמיע וואו יונגע יידישע
קינסטלער זאָלן שאַפן „יידישע קונסט“.

אָט דער חלום וועגן אַ „יידישער פּלאַסטישער קונסט“ האָט זיך ביי שאַצן
אויף אַזאַ מאָדנעם אייגנאַרטיקן אופן אויסגעמישט מיט דער עסטעטיק פון די
ענגלישע פּרעראַפאעליטן באַזונדער פון וויליאם מאָריס. אַלס תלמיד פון אנ־
טאקאלסקי און פון די רוסישע „פּערעדוויזשניקעס“ האָט שאַץ, נאַטירלעך, גע־
זען דעם וועג צו אַ יידישער קונסט דורך דער יידישער טעמע: אַז יידישע
קינסטלער און די תלמידים פון בצלאל וועלן מאָלן צי קלעפּן (ווי ער) יידן אין
טליתים אָדער יידישע פּרויען ווי זיי בענטשן ליכט (לויט די ערגסטע מוסטערן
פון דער אייראָפּעאישער און רוסישער זשאַנר מאַלעריי) וועט אַזוי אַרום גע־
שאַפן ווערן „יידישע קונסט“.

מער באַוואוסטזיניק איז צו דער פּראָבלעמע „יידישע קונסט“ צוגעגאַנגען
דער דאַן זייער באַרימטער ביי יידן יידישער גראַפיקער און ערשטער לערער
פון בצלאל — אפרים משה ליליען. ער האָט געזוכט אַ יידישן סטיל, אַ יידישע
אָרנאַמענטיק און עקספּערימענטירט מיט די יידישע נקודות, אלף בית, מגן־
דודס, מנורהס א.אַז.וו. איצט זען אויס אָט די „יידישע קונסט און סטיל זוכע־

נישן״ פון די ערשטע בצלאל לערער און שילער זייער באַאיוו אין די אויגן פון יידישע קינסטלער; אָבער זיי זען ניט איין ווי ווייט און אונבאַמערקט אַט די באַאיווע און אָפט ניט קינסטלערישע קונסט און סטיל זוכונגען האָבן זיי אַליין און זייערע ווייטערע עקספּערימענטן מיט די אַלטע אַרכאַאישע קונסט פאָרמען און מיט דעם ביסל יידיש פאָלקסטימלעכע קונסט, באַאיינפלוסט. ווי מען קען עס זען פון די גראַפישע אַרבעטן און בוך צירונגען און אילוסטראַציעס פון אַזעלכע קינסטלער ווי קראַטקא, ליכטנשטיין, געלער א״א, וועלכע זיינען אַזוי צו זאָגן, באַוואוסטזיניק אַוועק פון ליליען און בצלאל.

וועט דער בצלאל ווידער אויפגעלעבט ווערן, אָדער ערשט אויף אַן אמת לעבעדיק און פרוכטבאַר ווערן? איך קען אַביסל די היינטיקע יידישע קינסטלער, איך קען זייער לעבן ווי שווער עס איז אין דער איצטיקער טרויעריקער יידישער גאַנץ געבליבענער יידישער געזעלשאַפטליכקייט — און דאָך הערט מען איצט נאָך צווישן יידישע קינסטלער דעם פרומען וואונטש בלחש: ווען עס קאָן געשאַפן ווערן אַ יידישע קינסטלער קאָלאָ־ניע... און פאַר וואָס טאַקע ניט אינם זוניקן לאַנד?

איז דאָס ניט די זעלבע גרויסע בצלאל אידייע? און געלייטערט פון פאַרשידענע נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַליסטישע טעאָריעס, און אַפילו אָן וועל־כע ס׳איז באַאיווע און פּרעטענציעזע צוזאָגן צו שאַפן אַ יידישע קונסט.

מיר האָבן איצט אַזוי פיל גוטע, אויסגעצייכנטע יידישע מאלער און סקולפּטאָרן, אויסגעצייכנטע פאַך־לייט וואָס האָבן ליב און קענען זייער פאַך, און זיי זיינען גרייט אַוועקצוגעבן זייערע בעסטע „פרוכט״ פאַר יידישע קונסט מוזעאומס, פאַר יידישע ווידער אויפגעשטעלטע ווענט און היימען — אַבי צו קענען ווייטער אַרבעטן — מאלן, מאָדעלירן. און פאַר וואָס זאָלן טאַקע ניט אָרגאַניזירט ווערן פּעריאָדישע, „אַרומפאָרנדיקע״ (פּערעדוויזשניע״) איבער תפוצות ישראל אויסשטעלונגען פון די ווערק וואָס די יידישע פלאַסטיקער וועלן שאַפן אין זייער קינסטלער קאָלאָניע אינם אַלט נייעם לאַנד?

מיר האָבן איצט אַזוי פיל גוטע יידישע פלאַסטיקער אין אַלע לענדער און קונסט ריכטונגען. די איינגעדרימעלטע, פאַרחלשטע יידישע פלאַסטישע פייאיקייטן האָבן אויפגעוואַכט און זיך געפונען אין דער מאָדערנער קונסט. און אַ סך, אַ גרויסע צאָל פון די מאָדערנע יידישע קינסטלער בענקען, נויטיקן זיך אפשר אין אַ נייעם לאַנדשאַפט, אין אַ אייגענעם לאַנדשאַפט; פונקט ווי

די יונגע יידישע ליטעראַטור, מיט וועלכער זיי זיינען אַזוי אָרגאַניש פאַרבונדן, און דאָס גאַנץ געבליבן יידיש פאָלקיש לעבן.

און איז ניט דער בעסטער און אפשר איינציקער וועג צו אַ אייגענער נאַציאָנאַלער קונסט (ניט נאַציאָנאַליסטישער) אַ נאַציאָנאַלער לאַנדשאַפט מיט זיין אייגענעם קאלאריט און אייגענע ליניעס ?